STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09459

RUSISHE POEZYE

Leonid Feinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פיינבערג

רוסישע פּאָעזיע

אַנטאָלאָגיע

אַרויסגעגעבן פון דער קאָמיטע פאַר „רוסישער פּאָעזיע"
מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד
ניו־יאָרק, 1950

Russian Poetry
in Yiddish

(Anthology)

Copyrigth, 1950.

by LEON FEINBERG

1319 Sheridan Av. Bronx, 56, N. Y.

ביכער פון ל. פיינבערג:

ערב שטורעם — 1926

גרויס־שטאָט — 1928

ליכט און ברויט — 1931

דוד בלאַנק — (ראָמאַן אין פערזן) — 1934

חבר לעבן — 1938

אין קיינעמס לאַנד (פּאָעמע) — 1941

די יורשים פון דער ערד — 1941

אַנטאָלאָגיע פון אידישער דיכטונג אין רוסיש — 1947.

בן־עזאי אין פּרדס (פּאָעמע) — 1948.

יידיש (פּאָעמע) — 1950

גרייט צום דרוק:

געקליבענע לידער

דער פאַרמישפּטער דור (טעטראַלאָגיע אין פערזן).

שער־בלאַט געצייכנט פון וואָלף יונין.

Printed in Mexico City

by

Imprenta "Moderna"

Dr. Garciadiego Núm. 28.

MEXICO, D. F.

די דיכטער לויטן אַלף-בית:

אוטקין, י. פּ. 235
אושאַקאָוו, נ. נ. 226
איוואַנאָוו, וו. א. 114
אינבער, וו. מ. 178
איסאַקאָווסקי, מ. וו. 229
אַכמאַטאָווא, א. א. 160
אַנטאָקאָלסקי, פּ. ג. 213
אַסעיעוו, נ. נ. 169
אַפּוכטין, א. נ. 87
באַגריצקי, ע. ג. 204
באַטיושקאָוו, ק. נ. 23
באַלמאָנט, ק. ד. 116
באַראַטינסקי, י. א. 36
בונין, א. א. 74
ביעדני, דעמיאַן 166
ביעלי, אַנדרעי 150
בלאָק, א. א. 129
בעזימענסקי, א. א. 216
בריוסאָוו, וו. י. 122
גאָלאָדני, מ. ס. 232
גאָראָדיעצקי, ס. מ. 152
גאָרקי, מאַקסים 94
גומיליאָוו, נ. ס. 155
גיפּיוס, ז. נ. 115
גרעבניאָוו, ל. א. 215
דאָלמאַטאָווסקי, י. א. 252
דיערזשאַווין, ג. ר. 18
וואָלאָשין, מ. א. 128
וויאַזעמסקי, פּ. א. 23
וועניעוויטינאָוו, ד. וו. 42
זשאַראָוו, א. א. 249
זשוקאָווסקי, וו. א. 20
טאָלסטאָי, א. ק. 57
טוואַרדאָווסקי, א. ט. 252
טיוטשעוו, פּ. א. 38
טיכאָנאָוו, נ. ס. 210
יאַזיקאָוו נ. מ. 37
יעסענין, ס. א. 193
כליעבניקאָוו, וו. 177
לאָכוויצקאַיאַ, מ. א. 121
לאָמאָנאָסאָוו, מ. וו. 16
לעבעדיעוו-קומאַטש, אָ. וו. 218
ליערמאָנטאָוו, מ. י. 48
מאַיאַקאָווסקי, וו. וו. 181
מאַיקאָוו, א. נ. 68
מאַנדעלשטאַם, אָ. ע. 163
מאַריענהאָף, א. ב. 192
מאַרשאַק, ס. י. 168
מינסקי, נ. מ. 103
מעי, ל. א. 71
מערעזשקאָווסקי, ד. ס. 111
נאַדסאָן, ס. י. 92
ניעקראַסאָוו, נ. א. 78
ניקיטין, א. ס. 83
סאָלאָגוב, פ. ק. 106
סאָלאָוויאָוו, וו. ס. 102
סוועטלאָוו, מ. א. 233
סורקאָוו, א. א. 227
סימאָנאָוו, ק. מ. 253
סעוועריאַנין, א. וו. 154
סעלווינסקי, א. ל. 221
סקיטאַליעץ, ס. ג. 93
ערענבורג, א. ג. 179
פּאָלאָנסקי, י. פּ. 62
פּאַסטערנאַק, ב. ל. 172
פּושקין, א. ס. 24
פּראָקאָפּיעוו, א. א. 228
פּאַפּאַנאָוו, ק. מ. 73
פּעט, א. א. 64
פרוג, ס. ג. 88
קאָזלאָוו, א. א. 19
קאָלצאָוו, א. וו. 43
קאַמענסקי, וו. וו. 167
קוזמין, מ. א. 126
קירסאַנאָוו, ס. אָ. 150
קליויעוו, נ. א. 153
שטשיפּאַטשאָוו, ס. פּ. 225

אינהאַלט:

צווי הונדערט יאָר רוסי־שע פּאָעזיע (אַריינפיר) — ל. פיינבערג — — — 9

1.— קלאַסיקער — — 15

לאָמאָנאָסאָוו, מיכאאיל וואסיליעוויטש

אָוונט־מחשבות וועגן דער גרויסקייט פון גאָט — — 16

דיערזשאווין, גאווריל ראָמאַנאָוויטש

דער שוואַן — — — — 18

קאָזלאָוו, איוואַן איוואַנאָוויטש

דער אָוונט־קלאַנג — — 19

זשוקאָווסקי, וואסילי אַנדרייעוויטש

דאָס בלעטל — — — — 20

אויף פּושקינ׳ס טויט — 20

דער זינגער אין לאַגער — 21

באַטיושקאָוו, קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש

עלעגיע — — — — — 23

וויאַזעמסקי, פּיאָטר אַנדרייעוויטש

אָוונט־שטערן — — — 23

פּושקין, אַלעקסאַנדר סערגייעוויטש

דער נביא — — — — — 24

ווינטער־אָוונט — — — 25

אין אַ אידישער שטוב — 26

אַנטשאַר — — — — — 27

דער געפאַנגענער — — 28

אויב דאָס לעבן וועט דיך נאַרן — — — — — — 28

דער דיכטער — — — — 28

איך האָב שוין מער ניט קיין פאַרלאַנגען — — — 29

קאַווקאַז — — — — — 29

אויף די בערג פון גרוזיע 30

דער דענקמאָל — — — 30

אויפלעבונג — — — — 31

ווען כיבלאַנדזשע אום... 31

דאָס ליד פון קלוגן אָליעג 32

ווינטערדיקער וועג — — 35

באַראַטינסקי, יעווגעני אַבראַמאָוויטש

ניט שטעל אומזיסט מיך צום נסיון — — — — — — 36

פאַרזיכערונג — — — — — 36

יאַזיקאָוו, ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש

דער שווימער — — — — — 37

טיוטשעוו, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש

סילענטיום (שטילקייט) — 38

ניט אייל — — — — — — 38

ניט גלויב, ניט גלויב דעם דיכטער, מיידל — — — 39

דער פרילינג גייט — — 39

אַ שטיין — — — — — 40

רוסלאַנד — — — — — 40

דער פרילינג־שטורעם — 40

פאַראַן אין האַרבסט — 41

אָט־די אָרעמינקע דערפ־לעך — — — — — — 41

מענטשלעכע טרערן — — 41

וועניעוויטינאָוו, דמיטרי וולאַדימיראָוויטש

דאָס לעבן — — — — — 42

דאָס לעצטע ליד — — — 42

קאָלצאָוו, אַלעקסעי וואסיליעוויטש

צו דעם פולענצער — — 43

קאָרן, דו ניט רויש! — — 44

די יונגע שניטערין — — 44

דאָס ליד פון רינגעלע — 45

דאָס ליד פון זקן — — — 45

מחשבות פון אַ פויער — 45

דאָס ליד פון אַקערער — 46

די ביטערע דאָליע — — 46

דער וואַלד — — — — 47

ליערמאָנטאָוו, מיכאאיל יוריעוויטש

שפּיצן־בערג — — — — 48

כיגיי אַרויס אַליין איבער די וועגן — 48
דער נביא — 49
דער פעלדז — 50
דער זעגל — 50
די סאָסנע — 50
דער מלאך — 51
ניין, כיבין נישט בייראָן... 51
די נבואה — 52
סיאיז אומעטיק, — 52
אַ חלום — 53
דיין פּאָרטרעט — 53
די צווייג פון פּאַלעסטינע 54
דער געפאַנגענער — 55
ווען סיבוואַליעט זיך... — 55
אַ תפילה — 56

טאָלסטאָי, אַלעקסעי קאָנסטאַנטינאָוויטש

לאַנד, מיין לאַנד — 57
די בעריאָזע — 57
וואַסילי שיבאַנאָוו — 57

פּאָלאָנסקי, יאַקאָוו פּעטראָוויטש

די זון און די לבנה — 62
מיין שייטער — 63

פעט (שענשין), אַפאַנאַסי אַפאַנאַסיעוויטש

ווי אַ וואָלקן־שלייער — 64
אָ, ניט וועק! — 64
כיבין געקומען דיר דער־ציילן... — 65
דער געפאַנגענער — 65
אַלץ, וואָס דאָ — 65
סיאַ גליק אַזאַ... — 66
דאָס בילד דאָס הייליקע 66
אָן ווערטער — 66
שאָרכן — 67
סיהאָט נאַכט געשיינט... 67

מאַיקאָוו, אַפּאָלאָן ניקאָלאַיעוויטש

פרילינג — 68
דאָס שניי־בלימל — 68
אַ קוש — 68
טאַראַנטעלאַ — 69

מעי, לעוו אַלעקסאַנדראָוויטש

פון די אידישע מעלאָדיעס 71
דער מדבר — 72

פּאַפּאַנאָוו, קאָנסטאַנטין מיכאַילאָוויטש

צאַרטע בריוו — 73
דעראינערונג — 73

בונין, איוואַן אַלעקסעיעוויטש

אין די אַלפּן־בערג — 74
סטראַשע מיך ניט... — 74
די ערשטע ליבע — 75
בלעטערפאַל (פראַגמענט) 75

2. — **דיכטער פון כללישן צער** — 77

ניעקראַסאָוו, ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטש

פאַרנעמענדיק פון קריג דעם גרויל... — 78
ברידער און שרייבער — 78
דער ניט־געקאַשיעטער ערד־שטרייף — 79
צו דער מוטער — 80
רוף מיר, פּאַטערל, אָן — 81
רוס — 81
מוזע — 82
צו די זייער! — 82

ניקיטין, איוואַן סאַוויטש

פאַראַן אין אַלץ אַ יש — 83
דער מירמלשטיין — 83
צום דיכטער — 84
פון ליד „באַלעבאָס" — 84
די פליאָטקע — 85
גראָבט־אויס דער ריסקל... 85
ווינטער־נאַכט אין דאָרף 86

אַפּוכטין, אַלעקסעי ניקאָלאַיעוויטש

פליגן — 87
די שטאַרבנדיקע מוטער 87

פרוג, סעמיאָן גריגאָריעוויטש

טראָג אַוועק מיין נשמה... 88
דער ים און דער אנקער 88
היים־ווייי — 89
איך בין די האָרף... — 89
פריינט מיינער — 90

די דריי נשמות — — — 90
נאַדסאָן, סעמיאָן
יאַקאָװליעװיטש
ניט זאָג מיר, ער איז
טויט... — — — — — — — 92
ביים פרישן קבר — — — 92
פריינט און ברודער... — 92
סקיטאַליעץ, (פּעטראָװ),
סטעפּאַן גאַװרילאָװיטש
סיװילט זיך פרייד און
חדוה... — — — — — — 93
גאָרקי (פּיעשקאָװ), אַלעקסעי
מאַקסימאָװיטש
די פּייע — — — — — 94
סיגייט די זון אויף — — 95
דאָס מיידל און דער טויט 95
3.— **סימבאָליסטן** — 101
סאָלאָװיאָװ, װלאַדימיר
סערגייעװיטש
ליבער פריינט — — — 102
דאָס אויג פון אייביקייט 102
מינסקי (װילענקין),
ניקאָלאַי מאַקסימאָװיטש
אין לייטערונג — — — 103
סערענאַדע — — — — 103
כ'בין אין שרעק... — — 104
פאַרגיין װעט װי אַ
טרוים.. — — — — — — 104
סאָלאָגוב (טעטערניקאָװ),
פיאָדר קוזמיטש
אין פּאָגראָם־טעג — — 106
דער נדר — — — — — 106
דער לץ — — — — — 107
דעם טייװלס הוידעלקע 108
דער קרוג — — — — — 109
איך שלעפּ זיך איבער
װעגן... — — — — — — 109
אַ שטיל װיג־ליד — — — 110
מערעזשקאָװסקי, דימיטרי
סערגייעװיטש
די קללה פון ליבע — — 111
נירװאַנאַ — — — — — 111
סאַקיאַ מוני — — — — 112
איװאַנאָװ, װיאַטשעסלאַװ
איװאַנאָװיטש
די װאַנדערער פון שיינ־
קייט — — — — — — 114
פאַטאַ מאָרגאַנאַ — — — 114
גיפּיוס (מערעזשקאָװסקאַיאַ)
זינאַאידאַ ניקאָלאַיעװנאַ
מיין װעג — — — — — 115
אומליבע — — — — — 115
באַלמאָנט, קאָנסטאַנטין
דימיטריעװיטש
כ'בין אויף דער װעלט צו
זען די זון געקומען — — 116
דער טשערעט — — — — 116
אַ װיגליד — — — — — 117
ביי מיר אין גאָרטן — — 118
דאָס געבעט פון זיין — 118
כ'האָב אין טרוימען גע־
כאַפּט... — — — — — 119
איך װיל אַזױ! — — — 119
עס ברענט דאָס ליכט... 120
דער געלייטער — — — 120
לאָכװיצקאַיאַ (שיבער),
מיראַ אַלעקסאַנדראָװנאַ
סיטרוימט אַ װעלט... — 121
און קרעכץ פון װינט... — 121
בריוסאָװ, װאַלערי
יאַקאָװליעװיטש
דער מוליער — — — — 122
דעמער — — — — — 122
פאַרפליכטונגען — — — 123
לענין — — — — — — 123
צו אַ יונגן דיכטער — 124
קינפטיקע הונען — — 124
צום דיכטער — — — 125
קוזמין, מיכאַאיל
אַלעקסעיעװיטש
דאָס בלינדע קינד — — 126
מיין שטאָט — — — — 126
װאָלאָשין (קירענקאָ),
מאַקסימיליאַן
אַלעקסאַנדראָװיטש
זי — — — — — — — 128
בלאָק, אַלעקסאַנדער
אַלעקסאַנדראָװיטש
לידער װעגן רוסלאַנד
1. אָ, רוסלאַנד אָרעמע... 129
2. אָן אויפהער זינדיקן... 129
3. אויף קוליקאָװער פעלד 130

אַלץ אויף דער ערד וועט
שטאַרבן... — — — — — 131
די אומבאַקאַנטע — — 132
זון־פאַרגאַנג — — — — — 133
נאַכט — 1, 2 — — — 134
צו פריינט — — — — — — 135
אין דעם בלויען ווייטן
אַלקערל... — — — — 136
איך האָב פאַרגעסן... — 136
סקיפּן (פּאָעמע) — — 137
צוועלף (פּאָעמע) — — 140
ביעלי, אַנדרעי
דער טויטער דיכטער — 150
דיין קלאָרער בליק — — 150
ראָסיאַ — — — — — — 151
גאָראָדיעצקי, סערגעי
פרילינג — — — — — — 152
קליויעוו, ניקאָלאַי
ניקאָלאַיעוויטש
דער באַיאַן — — — — — 153
סעוויעריאַנין (לאָטאַריעוו),
איגאָר וואַסיליעוויטש
סיאיז ביים ים דאָס
געוועזן... — — — — — — 154
אין דעם קלייד דעם
מואַרישן... — — — — 154
גומיליאָוו, ניקאָלאַי
סטעפּאַנאָוויטש
דאָס וואָרט — — — — 155
דער נדר — — — — — — 155
מחשבות — — — — — — 156
זי — — — — — — — 157
דער פאַרבלאָנדזשעטער
טראַמוואַי — — — — — 158
אַכמאַטאָוואַ (גאָרענקאָ),
אַנאַ אַנדרעיעוונאַ
כידריק די הענט... — — — 160
אַ תפילה — — — — 160
אין אַ ווייסער נאַכט — 161
און דו ביזט איצט... — 161
דערפאַרונג — — — — 162
גרוי־אויגיקער קיניג — 162
מאַנדעלשטאַם, אָסיפּ
עמיליעוויטש
דער יונגער לוי — — — 163
מיין מוטערס טויט — — 163
האָלץ — — — — — — — 164
די נאַטור — — — — — 164
איך האָב אַ גוף... — — — 164
4.— סאָוועטישע דיכטער — — — — 165
ביעדני, דעמיאַן
מיין ליד — — — — — — 166
ביי לענינס לויה — — 166
קאַמענסקי, וואַסילי
רעוואָלוציע — — — — — 167
מאַרשאַק, סאַמויִל
יאַקאָוולעוויטש (1888)
די מוטער — — — — — 168
די צייט — — — — — — 168
אַסיעיעוו, ניקאָלאַי
די מענטשהייט — — — 169
בודיאָנייס מאַרש — — 170
פּאַסטערנאַק, באָריס
די צווייגן באַהאַנגען — — 172
די נשמה — — — — 172
אַ שרעקלעך מעשהילע — 173
פרילינג — — — — — 173
מיינע לידער — — — 173
קאַווקאַז — — — — — 174
סיאָר 1905 (פראַגמענט) 175
לייטענאַנט שמידט — — 176
כליעבניקאָוו, וועלעמאָר
ניט דערפאַר — — — — 177
אינבער, וועראַ מיכאַילאָוונאַ
פינף נעכט און טעג — — 178
די נשמה פון לענינגראַד 178
ערענבורג, איליאַ
אין נאָוועמבער 1917 — 179
אין געטאָ ביים אָפענעם
גרוב — — — — — — — 180
מאַיאַקאָווסקי, וולאַדימיר
וולאַדימיראָוויטש
אונדזער מאַרש — — — 181
די זון און איך — — — 181
באַפעל נומער צוויי — — 184
„זשיד" — — — — — — 186
מיט דער פולער שטים 188
מאַריענהאָף, אַנאַטאָלי
צוויי לידער וועגן אָק־
טאָבער — — — — — 192

יעסענין, סערגעי
אַלעקסאַנדראָוויטש

דאָס ליד פון דער צויג — 193
טאַליאַנקע — — — — 194
הערסט, ווי סייאָגן שליטנס 194
אויסגעשנייטער פלאַכלאַנד 194
צו פּושקיניען — — — 195
העל־בלויער אָוונט — — 195
אין דעם לאַנד... — — 196
אָ, רוס! — — — — — — 197
טויבנבלוי — — — — 198
דאָס ביזטו, פּאַרפּאַסער? 199
ביסלעכווייז מיר גייען
אָפּ... — — — — — — — 200
דער כוליגאַן — — — — 201
צו דער ערד — — — — 202
כיבין פון דאָרף שוין דער
לעצטער דיכטער — — 203
יעסעניניס לעצט ליד — 203

באַגריצקי, עדוארד
מיין אָפּשטאַם — — — 204
אַרבוז — — — — — — — 206
פּושקין אין אָדעס — — 207
דאָס ליד וועגן אָפּאַנאַסין 209

טיכאָנאָוו, ניקאָלאַי
אומשטערבלעכע בלעטער 210
די באַלאַדע וועגן טשווע־
קעס — — — — — — 210
כיהאָב דיך ליב... — — 211
די דריי בעכערס — — — 212

אַנטאָקאָלסקי, פּאַוועל
אַ יאָר פּאַרן קריג — — 213
די באַלאַדע וועגן דעם ניט
אָפּגעשיקטן בריוו — — 213
אין אָנדענק פון מיין זון 214

גרעבניאָוו (פּיינבערג),
לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש
די נשמה פון רוסלאַנד — 215
זון און פרילינג — — — 215

בעזימענסקי, אַלעקסאַנדר
וועגן אַ היטל — — — 216
די באָמבאַרדע — — — 217

לעבעדיעוו־קומאַטש,
וואַסילי איוואַנאָוויטש
דאָס ליד וועגן היימלאַנד 218
אויב סיוועט מאָרגן זיין
קריג — — — — — — 219

סעלווינסקי, איליאַ לוואָוויטש
נעכטיק איבער, ליבער... 221
אַ ציגיינער ליד — — — 221
איך האָב עס אַליין געזען.. 222

שטשיפּאַטשאָוו, סטעפּאַן
וועגן אַ שנייעלע — — — 225
די ליבע — — — — — — 225
צו ווייטע יורשים — — 225

אושאַקאָוו, ניקאָלאַי
ווין — — — — — — — 226
מייסטערשאַפט — — — 226

סורקאָוו, אַלעקסעי
צו דיר — — — — — — 227
סיהאָט אַ מענטש... — — 227

פּראָקאָפּיעוו, אַלעקסאַנדר
מאָסקווע — — — — — 228
רוסלאַנד — — — — 228

איסאַקאָווסקי, מיכאַאיל
ווער ווייסט אים — — — 229
די באַגלייטונג — — — 230
אַ ליד — — — — — — — 231

גאַלאָדני (עפּשטיין),
מיכאַאיל סעמיאָנאָוויטש
זשעליעזניאַק — — — 232
פּאַרטיזאַן גראַטש און זיין
אַדיוטאַנט פריימאַן — — 232

סוועטלאָוו, מיכאַאיל
צוויי לידער וועגן רביין 233

אוטקין, יאָסיף
מאָטעלע — דער שניידער־
יונג (פּאָעמע) — — — 235

זשאַראָוו, אַלעקסאַנדר
צוויי זינגער — — — — 249
ווייסע בירעזע — — — 249

קירסאַנאָוו, סעמיאָן
דיין פּאָעמע — — — — 250

טוואַרדאָווסקי, אַלקסאַנדר
אַ מעשה מיט אַ האָן — 252

דאָלמאַטאָווסקי, יעווגעני
דער הירש — — — — 252
היימלאַנד — — — — — 254

סימאָנאָוו, קאָנסטאַנטין
וואַרט אויף מיר — — 253
איך קום צוריק — — — 255

צוויי הונדערט יאָר רוסישע פּאָעזיע

(אַריינפיר)

א. דער בראשית

אָנהויב 1748 איז אין סאַנקט־פּעטערבורג אונטער דער הערשאַפט פון דער צאַרינע עליזאַוועטאַ דערשינען א בוך לידער פון דעם „ארכאַנגעלסקען וואונדערקינד", דעם וויסנשאַפטסמאַן און דיכטער מיכאַאיל וואַסילעוויטש לאָמאָנאָסאָוו.

אין יענעם לידער־בוך האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט א ליד מיט א לאַנגן נאָמען „אָוונט מחשבות וועגן גאָטס גרויסקייט אין אַנגעזיכט פון דער צפון־שיין". אָט־דעם באמת מערקווירדיקן ליד, וואָס איז דערשינען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, איז באַשערט געווען צו ווערן די ערשטע קינסטלערישע שאַפונג אין דער רוסישער שפּראַך. דאָס דאָזיקע ליד, קאָן מען זאָגן, האָט אוועקגעלייגט דעם גרונטשטיין פון דער גרויסער רוסישער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך אין לויף פון די צוויי יאָרהונדערטער איינגעבירגערט אין דער וועלט־פּאָעזיע דורך די ווערק פון אַזעלכע גרויסע דיכטער, ווי פּושקין, ליערמאָנטאָוו, טיוטשעוו, קאָלצאָוו, ניעקראַסאָוו, בלאָק, יעסענין, מאַיאַקאָווסקי א. אַ.

מיט אָט־דעם ליד פון לאָמאָנאָסאָוו'ן הויב איך אָן די אַנטאָלאָגיע פון „צוויי הונדערט יאָר רוסישע פּאָעזיע".

אין די ראַמען פון מיין אַריינפיר וועט מיר, נאַטירלעך, זיין אוממעגלעך צו געבן א פולע אָפּשאַצונג פון דעם גאַנג און דער גרויסער באַדייטונג פון דער רוסישער דיכטונג בכלל און פון אירע וויכטיקסטע פאָרשטייער בפרט. דערויף וואָלטן נויטיק געווען גאַנצע בענדער. איך וועל דעריבער זיך באַגרעניצן בלויז מיט ראשי פּרקים וועגן דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער רוסישער דיכטונג, וועגן אירע שטרעמונגען, גרופּירונגען און אויסשטראַלונגען, וואָס האָבן אין לויף פון די צוויי הונדערט יאָר געוואָרפן זונאַפּעס ליכט אין אַלע ריכטונגען פון דער ערד.

דער יידיש־רוסישער קריטיקער אַקים וואָלינסקי האָט זיין בוך וועגן דאָסטאָיעווסקין אָנגערופן „דאָס בוך פון גרויסן צאָרן". פּאַראַפראַזירנדיק וואָלינסקין, וואָלט איך דעם גאַנצן מהות פון דער גרויסער רוסישער דיכטונג — פון לאָמאָנאָסאָוון ביז סימאָנאָוון — סומירט אין איין פראַזע: „פינצטערער צאָרן און שטראַלנדיקע פרייד."

אַמבולטסטן, גלויב איך, ווערט דער געדאַנק פון „פינצטערן צאָרן און שטראַלנדיקער פרייד" אילוסטרירט און באַשטעטיקט אין די צוויי וויכטיקסטע ווערק פון די צוויי גרעסטע רוסישע דיכטער: „מיעדני וסאַדניק" (דער קופּערנער רייטער) פון אַלעקסאַנדער פּושקין און „דוויענאַדצאַט" (צוועלף) פון אַלעקסאַנדער בלאָק. נישט געקוקט דערויף, וואָס די דאָזיקע צוויי ווערק זענען אָפּגערוקט איינס פון צווייטן מיט כמעט א גאַנצן יאָרהונדערט (פון 1833 ביז 1918), קאָן מען באַשיינפּערלעך זען די גייסטיקע און קינסטלערישע קרובה'שאַפט צווישן זיי.

אַזוי, למשל, איז דער לייט־מאָטיוו פון פּושקינס „קופּערנער רייטער":

„זיין פנים פלאַמט מיט העלער פרייד,
די אויגן פלאַקערן מיט צאָרן.״
און דער לייט־מאָטיוו פון בלאָקס „צוועלף״ איז:
„צאָרן, אומעטיקער צאָרן,
זידט אין ברוסט, ווי לאַווע.
פינצטערער צאָרן, הייליקער צאָרן —
אויף דער וואַך זיי, חבר!״

איןביידע ווערק קומט צום אויסדרוק דער „פינצטערער צאָרן פון אומקום״ — אַט־דער מעכטיקער פּראָטעסט פון דעם רוסישן מענטש קעגן רע׳ רשעות פון דער וועלט און קעגן די ווילדע נאַטור־כוחות — פון איין זייט, און די „שטראַלנדיקע פרייד פון זיין״ — פון דער צווייטער זייט. דאָס איז די צוויי־זייטיקע אַקס, אַרום וועלכער עס האָט זיך געדרייט און באַוועגט זיך ביזן היינטיקן טאָג די פיל־קאָלירנדיקע ראָד פון דער רוסישער פּאָעזיע.

ווי אַ רויטער שנור האָבן זיך אַט־די צוויי הויפּט־מאָטיוון דורכגעשניטן און דורכגעפּערלט איבער דער גאַנצער ברייט און טיף פון דער ־וכישער דיכטונג און זיך צעצווייגט און צעגלידערט אין צענדליקער קענ־צייכנס, וואָס האָבן געפירט די רוסישע דיכטער אויף זייער שווערן וועג צו שאַפן הויכע גייסטיקע און קינסטלערישע ווערטן נישט נאָר פאַר זייער אייגן פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די סאַמע בולט׳סטע קענ־צייכנס פון דער רוסישער פּאָעזיע, פון איר אָנהייב ביזן היינטיקן טאָג, זענען געווען און פאַרבליבן:

א) דאָס אייביקע זוכן פון אמת און יושר;
ב) דער פּאַטאָס פון ליידן;
ג) עקסטאַז פון גלויבן;
ד) דער טיף־מענטשלעכער „ואהבת לרעך כמוך״;
ה) דער משיחיזם — די אידייע פון דער אויסדערוויילטקייט פון רו־סישן פאָלק פאַר גרויסע היסטאָרישע שליחות׳ן;
ו) די אומגעהויערע ליבשאַפט צו רוסלאַנד.

צו אילוסטרירן די דאָזיקע קענ־צייכנס דורך די ווערק פון די רוסישע דיכטער — דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון מיין אַנטאָלאָגיע, אין וועלכער עס זענען פאַרטראָטן 77 דיכטער מיט קנאַפּע 300 לידער.

ב. די צוויי הויפּט־שטרעמונגען אין דער רוסישער פּאָעזיע

פּאַראַלעל איינע לעבן דער אַנדערער אין דער רוסישער ליטעראַטור בכלל און אין דער רוסישער פּאָעזיע בפרט האָבן געווירקט די טרעגער און אויסדריקער פון צוויי באַזונדערע שטרעמונגען: „סלאַוויאַנאָפילן״ (אָנ־הענגער און פּרעדיקער פון דער אידייע, אַז דאָס רוסישע פאָלק און דער רוסישער געדאַנקען־גאַנג איז גייסטיק העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער און זייערע קולטורן) און „זאַפּאַדניקי״ (די אָנהענגער און פּרעדיקער פון דער אידייע, אַז רוסלאַנד איז אַ טייל פון דער אַרומיקער מערב־אייראָ־פּעישער קולטור־וועלט, מיט וועלכער דאָס רוסישע פאָלק און זיין געדאַנקען־גאַנג און קולטור־אַנטוויקלונג איז אינטעגראַל פאַרבונדן).

דער דאָזיקער געראַנגל צווישן די „סלאַוויאַנאָפילן״ און די „זאַפּאַד־ניקעס״ (מערב׳ניקעס) אין דעם גאַנצן רוסישן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און גייסטיק־קינסטלערישן געדאַנקען־גאַנג האָט בלי ספק באַפרוכפּערט און באַרייכערט די רוסישע ליטעראַטור און זי געבראַכט צו דער הויכער עטישער, מאָראַלישער און קינסטלערישער מדרגה, וואָס זי פאַרנעמט היינט־צו־טאָג צווישן די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער.

אין דעם דאָזיקן שאַרפן געראַנגל זענען אין לויף פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר געשטאַנען — אויף איין זייט, אָדער אויף צווייטער — אַזעלכע גייסטיקע ריזן, ווי ביעלינסקי, פּושקין, דאָסטאָיעווסקי, ניעקראַסאָוו, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, סאָלאָוויאָוו, בלאָק און נאָך לעצטנס — דער גרויסער

רישער פילאָזאָף ניקאָלאַי בערדיאַיעוו, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן.

אין זיין נייעסטן בוך „די רוסישע אידייע", וואָס איז דערשינען נישט לאַנג פאַר זיין טויט, סומירט בערדיאַיעוו (אליין א געוועזענער מאַרקסיסט און לעצטנס פּרעדיקער פון אַ נייעם סאָרט געלייטערטן, כ'וואָלט געזאָגט: מאַרקסיסטישן קריסטנטום) דאָסטאָיעווסקיס און סאָלאָוויאָוו'ס פילאָסאָפיע וועגן דעם אתה־בחרתנו'יזם פון דעם רוסישן פאָלק, וועמעס היסטאָרישע מיסיע איז צו זיין דער משיח צווישן די פעלקער פון דער וועלט. דערביי גייט בערדיאַיעוו פיל ווייטער פון זיינע גרויסע פאָרגייער. ער מאָטיווירט זיינע פילאָזאָפישע באַהויפּטונגען מיט דער הילף פון העגעלס דיאַלעקטיק.

ער ווייזט, למשל, אָן, אז דאָס רוסישע פאָלק איז דאָס סאַמע ווידערשפּרעכנ־ריקסטע, דאָס סאַמע, אַזוי צו זאָגן, דיאַלעקטישסטע פאָלק — און דערפאַר, הייסט עס, איז עס פון גאָט אַליין באַשאַפן געוואָרן צו ווערן אַ פאָלק — אַ גאָט־טרעגער, וואָס שטראַלט־אויס פון זיך די משיח־אידייע נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַלע פעלקער.

(פאַר אונדז, יידן, וואָס זיינען געוועזן דאָס ערשטע פאָלק, אין וועמעס טיפעניש עס איז געבוירן געוואָרן און אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן די גרויסע משיח־אידייע, איז דאָס באַזונדערס פאַרשטענדלעך. דאָס איז, אגב, אויך איינער פון די וויכטיקסטע באַריר־פּונקטן, וואָס דערנענטערטביידע ליטעראַטורן, די רוסישע און די יידישע).

ג. פּושקין — דער רויטער בלוטסטראָפן

אין די פופציק יאָר — פון לאָמאָנאָסאָוו'ן ביז פּושקינען — האָט די אינפאַנטילע רוסישע דיכטונג געמאַכט אירע ערשטע טריט לאַנגזאַם, פאַר־זיכטיק און מיט גרויסע שוועריקייטן, כאָטש אין יענעם האַלבן יאָרהונדערט האָבן שוין געווירקט אַזעלכע באַדייטנדיקע דיכטער, ווי דיערזשאַווין און זשוקאָווסקי.

דעם אַפּאָטעאָז פון איר רום און גרויסקייט האָט די רוסישע פּאָעזיע אין איר ערשטן פּעריאָד דערגרייכט אין די ווערק פון דעם געניאַלן דיכטער אַלעקסאַנדר פּושקין, וועלכער האָט מיט זיינע אומשטערבלעכע לידער און מיט זיין קינסטלערישער פּראָזע אויפגעשטעלט די רוסישע ליטעראַטור אין די פאָדערשטע רייען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

וועגן אָט־דעם ריז פון דער רוסישער ליטעראַטור זענען שוין ביז איצט אָנגעשריבן געוואָרן הונדערטער בענדער סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויס־לאַנד. מיר וועלן דאָ געבן בלויז אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם גרויסן רוסישן קריטיקער ביעלינסקי, וועלכער האָט, ווי אונדז דוכט זיך, אַמטרעפלעכסטן אָפּגעשאַצט זיין געניאַלן מיט־ציייטלער:

„פּושקין, — האָט ביעלינסקי דערקלערט, — איז געווען דער רויטער אַפריקאַנישער בלוטסטראָפן אויף דער שנייאיקער ווייסקייט פון די רוסישע סטעפּעס."

און ווייטער:

„פּושקינס פּאָעזיע איז וואונדערלעך געטריי דער רוסישער ווירקלעכקייט, צי זי שילדערט די רוסישע נאַטור, צי רוסישע כאַראַקטערן, דעריבער קאָן ער גערופן ווערן מיטן נאָמען נאַציאָנאַלער, פאָלקישער דיכטער.

„יאָ, פּושקין איז געווען דער אויסדרוק פון זיין־צייטיקער וועלט, דער פאָרשטייער פון זיין־צייטיקער מענטשהייט, נאָר די דאָזיקע וועלט איז געווען אַ רוסישע און די דאָזיקע מענטשהייט איז געווען אַ רוסישע.

„דער אַלגעמיינער קאָלאָריט פון פּושקינס פּאָעזיע, באַזונדערס פון זיין לירישער פּאָעזיע, איז: אינערלעכע שיינקייט פון מענטש און נשמהדי־קער הומאַניזם.

„פּושקינס פּאָעזיע איז פרעמד יעדער מין פאַנטאַסטישקייט, פאַלשע טרוימערישקייט און כלומרשטע אידעאַליזירטקייט. זיין פּאָעזיע ליגט נישט אַוועק אויפן פּנים קיין שמינקע, נאָר זי ווייזט דאָס לעבן אין זיין נאַטיר־

לעבער, אמת'ער שיינקייט. אין פושקינס פּאָעזיע איז פּראָזע א הימל, אָבער מען שפּירט, אַז אונטערן הימל איז פּראָזע די ערד."

וו. ג. ביעלינסקי — „וועגן פּושקינס ווערק"

פון פּושקינס לייכטער האנט האָבן אין לויף פון 19־טן יאָרהונדערט געווירקט אין דער רוסישער פּאָעזיע זיינע גרויסע נאָכגייער, ווי לערמאָנטאָוו, טיוטשעוו, פעט, וועלכע האָבן ווייטער געשפּונען די פּושקין־טראַדיציע פון דער „איבערלעבער שיינקייט פון מענטש".

ד. די דיכטער פון כללישן צער

אינמיטן פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז אין רוסלאַנד אויפגעשטאַנען א גרופּע דיכטער, וועלכע ווערן באַצייכנט אלס „די דיכטער פון כללישן צער" (פּאָעטי ראַזשדאַנסקאַי סקאָרבי).

די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דער דאָזיקער גרופּע זענען: ניעקראַסאָוו, ניקיטין, אַפּוכטין, פרוג, גאַדסאָן, סקיטאַליעץ און גאָרקי. זיי זענען עס געווען די הערלעכע קול־מבשרים פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע שטורעמוגען, וועלכע האָבן פאַרפליצט דאָס רוסישע געזעלשאַפטלעכע לעבן און דערפירט צו דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

ה. די סימבאָליסטן

ביי דעם „פין דע סיקל" (אָפּשלוס) פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז אויפגעשטאַנען א באַדייטנדיקע גרופּע רוסישע דיכטער, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן א ניי וואָרט און א נייעם שוואונג אין דער רוסישער פּאָעזיע. די דאָזיקע גרופּע ווערט באַצייכנט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „סימבאָליסטן". וואָס טיילן זיך אויף „עלטערע סימבאָליסטן" (סאָלאָגוב, באַלמאָנט, מערעזשקאָווסקי, גיפּיוס, איוואַנאָוו, בריוסאָוו א. א.) און „יונגע סימבאָליסטן" (סאָלאָוויאָוו, קוזמין, וואָלאָשין, בלאָק, ביעלי א. א.)

די דאָזיקע דיכטער זענען געקומען אין די יאָרן פון דער שרעקלעכער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע, וואָס האָט ביים סוף פון יאָרהונדערט אַרומגענומען רוסלאַנד נאָך דער דערמאָרדונג פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. און כאָטש די „עלטערע סימבאָליסטן" זענען געווען דער אויסדרוק און פּועל־יוצא פון אַפּאַטיע און דעקאַדאַנס, האָבן זיי דאָך מיט זייער העכסט־קינסטלערישע שאַפונגען פיל באַרייכערט די רוסישע דיכטונג, באַזונדערס האָבן זיי דערפירט די פאָרמען פון דער רוסישער פּאָעזיע צו גאָר א הויכער קינסטלערישער מדרגה.

די „יונגע סימבאָליסטן" האָבן אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דעם דיכטער און פילאָזאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו ווידער אויפגעהויבן די טראַדיציע פון דער נאַציאָנאַלער רוסישער פּאָעזיע און ווייטער געשפּונען דעם פאָדעם פון דער רוסישער „משיח־אידייע". באַזונדערס אין די ווערק פון סאָלאָוויאָוו און בלאָקן האָט די דאָזיקע רוסלאַנד־משיח אידייע זיך אויסגעדריקט אין דער באַהעפטונג פון „גאָטס־פאָלק" מיט דער „וועלט־וויזהייט" אין דער געשטאַלט פון דער „רעגנבויגנדיקער יונגפרוי" (ביי סאָלאָוויאָוון) און „די פרעכטיקע דאַמע" (ביי בלאָקן).

אַמבולטסטן קאָן מען די דאָזיקע באַהעפטונג געפינען אין בלאָקס באַרימטע לידער וועגן דער היסטאָרישער קוליקאָווער שלאַכט, ווען רוסלאַנד האָט זיך נאָך 400 יאָר באַפרייט פון טאָטערשן יאָך:

„אָ, רוס מיינע! אָ ווייב מיינע! ביז ווייטיק
דער וועג איז אונדז באַוואוסט,
דער וועג, ווי פייל פון טאָטערישן הפקר,
צעלעכערט אונדז די ברוסט".

דעם אַפּאָגיי פון רוסישער אויסדערוויילטקייט האָט דערגרייכט בלאָק אין זיינע באַרימטע פּאָעמעס „סקיפן" און „צוועלף". אָט וואָס דער רוסישער קריטיקער קאָרניי טשוקאָווסקי זאָגט וועגן בלאָקן און זיינע „צוועלף":

„בלאָק האָט אָנגענומען די רוצחישע רוסלאַנד, ווי קריסטוס האָט אָנ־גענומען די גאַלגאָטע. בלאָק האָט געליבט רוסלאַנד פאַר די זאַכן, פאַר וועלכע אַנדערע האָבן זי געשאָלטן. אין דעם פאַקטיש איז באַשטאַנען די ליב־שאַפט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט הונדערטער „ניינען" אין איין „יאָ".

„און די איצטיקע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט בלאָק אָנגענומען, — שרייבט טשוקאָווסקי ווייטער, — בלויז אויף אַזויפיל, וויפל זי האָט אין זיך פאַרקערפּערט די רוסישע בונטאַרישע פאָלקס־נשמה, די זעלבע, וואָס איז באַזונגען געוואָרן פון דאָסטאָיעווסקין. די איבעריקע עלעמענטן פון דער רעוואָלוציע זענען געבליבן פרעמד בלאָקן. פאַר אים, ווי פאַר דאָס־טאָיעווסקין, איז די הויפּט־פראַגע געווען: מיט וועמען גייט די רוסישע רעוואָלוציע — מיט גאָט, צי קעגן גאָט?"

אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צווישן די צוויי רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917, האָבן אין דער רוסישער דיכטונג גע־ווירקט עטלעכע גרופּעס, ווי די „אַקמעאיסטן", „פוטוריסטן" און „אימאַ־זשיניסטן", פון וועלכע עס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעשיילט אַזעלכע וויכטיקע דיכטער, ווי גאַראַדיעצקי, גומיליאָוו, אַכמאַטאָווא, מאַיאַקאָווסקי, יעסענין א. א. אייניקע פון זיי זענען געווען די פאַרזינגער פון דער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש אין רוסלאַנד.

ז. די סאָוועטישע דיכטער

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס איז פאַקטיש געווען דער פּאָליטישער און גייסטיקער אַפּאָטעאָז פון דעם היסטאָרישן „פינצטערן צאַרן" און „שטראַלנדיקער פרייד" פון רוסישן פאָלק, האָט באַפרוכפּערט די עלטערע רוסישע דיכטער, ווי בלאָק („צוועלף" און „סקיפן"), בריוסאָוו „אָקטאָ־בער און לענין־לידער"), און אין דער זעלבער צייט געבוירן אַ גאַנצע פּלעיאַ־דע נייע דיכטער ווי פּאַסטערנאַק, באַגריצקי, זשאַראָוו, סעלווינסקי, אוטקין א. א., וועלכע האָבן פון איין זייט ווייטער געצויגן דעם המשך און די טראַ־דיציעס פון פּושקינען און ניעקראַסאָוון, און פון דער צווייטער זייט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם „אייזערנעם געשפּאַן" פון „אָקטאָבער".

פאַר אונדז יידן וועט בלי ספק זיין אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס סיי דאָס לשון פון תנ"ך, סיי דער גייסט פון די נביאים האָבן געהאַט אַן אומ־געהויערע ווירקונג אויף אַ גרויסער צאָל רוסישע דיכטער. באַזונדערס האָבן פּושקין, לערמאָנטאָוו, בלאָק און יעסענין פיל פון זייערע לידער גע־שעפּט פון דעם אייביקן לויטערן קוואַל פון תנ"ך.

עס איז אויך, גלויב איך, וויכטיק אָנצווייזן, אַז צווישן די רוסישע דיכטער איז געווען אַ גרויסע צאָל יידן, אָדער פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווי פעט־שענשין (אַ האַלבער ייד), פרוג (אונדזער נאַציאָנאַלער יידישער דיכטער, וועלכער פאַרנעמט אַ גאַנץ בכבודיק אָרט אין דער רוסישער פּאָע־זיע). אין דער סאָוועטישער דיכטונג זענען פאַראַן אַ סך יידן, ווי פּאַסטער־נאַק, ערענבורג, מאַרשאַק, באַגריצקי, אינבער, בעזימענסקי, אַנטאָקאָלסקי, גרעבניאָוו (פיינבערג), סעלווינסקי, סוועטלאָוו, גאָלאָדני (עפּשטיין), דאָל־מאַטאָווסקי, קירסאַנאָוו, אוטקין און זשאַראָוו.

רעזומירנדיק, וואָלט איך געוואָלט פּאַראַפראַזירן בעלינסקיס באַרימטן זאָג וועגן פּושקינען אַלס דער „רויטער בלוטסטראָפּן": די גאַנצע רוסישע פּאָעזיע (פון לאָמאָנאָסאָוון ביז סימאָנאָוון) איז אַ מין רויטער בלוטסטראָ־פּן אויף דער לאַנדשאַפט פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעישער דיכטונג. אין דעם דאָזיקן פיל־סטרוניקן וועלט־אָרקעסטער שפּילט די רוסישע פּאָעזיע נאָר אָפט די ערשטע פידל. און אין די ראַמען פון דער רוסישער פּאָעטישער קאַפּעליע איז פּושקין, וואָלט איך געזאָגט, געווען דער באַריטאָן, לער־מאָנטאָוו — דער לירישער טענאָר, בלאָק — דער דראַמאַטישער טענאָר און יעסענין — דער אַלט.

איך וויל שליסן מיין ארייגפיר צו דער אנטאָלאָגיע פון 200 יאָר רו־סישע פּאָעזיע אויף יידיש מיט אַ פּערזענלעכער נאָטע: מיט דער אנטאָלאָגיע צאָל איך אָפּ אַ חוב דער רוסישער פּאָעזיע, וועלכע איז געווען מיין גייסטי־קע היים אין די ערשטע יאָרן פון מיין שעפערישער ליטעראַרישער אַרבעט און אַ קוואַל, פונוואַנען איך האָב געשעפּט און געצויגן מיין דיכטערישע יניקה.

ל. פיינבערג

1. קלאַסיקער

לאָמאָנאָסאָוו
דיערזשאַווין
קאָזלאָוו
זשוקאָווסקי
באַטיושקאָוו
וויאַזעמסקי
פושקין
באַראַטינסקי
יאַזיקאָוו
טיוטשעוו
וועניעוויטינאָוו
קאָלצאָוו
ליערמאָנטאָוו
טאָלסטאָי
פּאָלאָנסקי
פעט (שענשין)
מאַיקאָוו
מיעי
פאָפאַנאָוו
בונין

1. קלאַסיקער

לאָמאָנאָסאָוו

מיכאַאיל וואַסיליעוויטש

(1765 — 1711)

אָוונט-מחשבות וועגן דער גרויסקייט פון גאָט אין אָנגעזיכט פון צפון-שיין

דער טאָג באַהאַלט זיין העל געזיכט.
די טונקלע נאַכט דאָס פעלד באַדעקט.
איף באַרג אַ שוואַרצער שאָטן קריכט.
די שטראַלן נייגן זיך אַוועק.
מיט שטערן זיינען תהומות פול:
אין תהום קיין גרונט, אין רוים קיין גבול.

און ווי אַ זעמדעלע — אין ים,
און ווי אַ פונק — אין קאַלטן אייז,
און ווי אַ פעדער — גרינג אין פלאַם,
און ווי אַ שטויב — אין ווינט-געשפּרייז, —
אַזוי בין איך פאַרטיפט אין תהום,
פאַרלוירן מיט געדאַנק אין רוים.

עס לערנט אונדז דער סומנער גרייז:
פיל ליכטער זיינען דאָרט פאַראַן
אין פעלקער-רינג און דורות-קרייז
און זונען אייביקע אין בראַנד —
אַלץ שיקט אַ לויב דער קרעאַטור
אין שטומער מאַכט פון דער נאַטור.

נאָר וואו, נאַטור, איז דיין געזעץ?
פון נאַכטלאַנד הויבט זיך אויף קאַיאָר!
פאַרוואָרפט דער ים אַ פייער-נעץ?
און שטעלט די זון איר טראָן נישט דאָרט?
דער פלאַם דער קאַלטער אונדז פאַרצערט,
ווען טאָג דורך נאַכט קומט אויף דער ערד.

אָ, איר, וואָס דרינגט מיט פלינקן בליק
דורך בוך פון אייביקייט און רעכט,
איר, וועם דער צייכן פון אַ זניק
איז, ווי נאַטור'ס געזעצן, עכט,
איר, וואָס איר ווייסט פלאַנעטן-גאַנג,
אָ, זאָגט: וואָס רעגט איך דעם געדאַנק?

אינמיטן נאכט א שטראל ווער היצט?
ווער שטויסט א דינעם פלאם, צעגליט?
אן וואלקנס ווער יאגט־אן א בליץ,
וואס שטרעבט פון ערד ביז דעם זעניט?
ווי קאן עס זיין, אז קאלטער דאמף
אין ווינטער זאל געבוירן פלאם?

דארט קריגט דער חושך מיטן ים:
צי ס׳נייגן זיך אין דיקער לער
דורך לופט די זון־שטראלן אין פלאם,
צי ס׳ברענען שפיצן פון די בערג,
צי ס׳בלאזט אין ים שוין נישט זעפיר
און יאגט די כוואליעס צום עפיר.

דער ענטפער אייערער איז פול
מיט ספיקות וועגן רוים און צייט.
זאגט, וואו דער וועלט׳ס איז לעצטער גבול?
פון שטערן מינדסטע וואס איז ווייט?
צי ווייסט איר פון בעל־חי דעם סוד?
איז זאגט, ווי מאכטיק־גרוים איז גאט?

דיערזשאַווין

גאַווריאיל ראָמאַנאָוויטש

(1816 — 1743)

דער שוואַן

איך וועל אין וואונדערלעכער שוועבונג
זיך אָפּטיילן פון סומנער וועלט,
און ווי אַ שוואַן, וועט זיך אַ הויב-טאָן
צום רוים מיין זינגעוודיקע זעל.

אין צוויי-געשטאַלטיקייט פון נצח
נישט בלייבן שטיין ביים טיר פון פיין,
נאָר איבער קנאה הויך דערהויבן,
כ'וועל לאָזן הינטער מיר אַ שיין.

אַזוי! כאָטש ס'איז מיין שטאַם נישט רומפול,
בין איך פון מוזע אויסדערוויילט.
צו רייכע הארן נישט קיין גלייכער,
פון טויט אַליין כ'בין אָפּגעטיילט.

ס'וועט מיך נישט איינשליסן דער קבר,
נישט ווערן וועל איך שטערן-שטויב,
נאָר ווי אַ כישוף-פלייט אין הימל,
כ'וועל זינגען דיכטערישן לויב.

מיין הויט שוין פעדערן באַדעקן,
אויף ברוסט אַ לייכטער פוך פאַראַן,
מיין פלייצע האַרבעט זיך, באַפליגלט —
איך שיין מיט ווייסקייט פון אַ שוואַן.

איך פלי, איך שוועב — און וועלדער, ים'ען
כ'זע אונטער מיר — די וועלט צעבליט:
זי הייבט דעם קאָפּ אַריבער בערגער,
וויל אויסהערן מיין געטלעך ליד.

פון בוג ביז די קורילער אינדזלען,
פון קאַספּישן ביז ווייסן ים,
אין האַלבער וועלט די פעלקערשאַפטן,
וואָס בילדן-אוים דעם רוסן-שטאַם.

די סלאַווען, הונען, סקיפן, טשודן —
זיי וועלן הערן וועגן מיר.

איך זע, ווי די, וואָס קריגן איצטער,
מיט פינגער ווייזן־אָן פאַרווירט:

— „אָט פליט ער — דער, וואָס שפּילט אויף לירע,
וואָס מיט זיין ליד דאָס האַרץ דערקוויקט,
וואָס אומעטום ער פּרעדיקט שלום
און פרייט זיך בלויז מיט יענעמ׳ס גליק״.

שטעלט־אָפּ די פּרעכטיקע לוויה,
איר, פריינט: נישט זינג, דו — מוזע־כאָר!
און דו, מיין ווייב, געדולד אַביסל:
צו־פרי באַווייינען מיך, פאַרוואָר!

1770

קאָזלאָוו

איוואַן איוואַנאָוויטש

(1840 — 1779)

(לויט טאָמאַס מור)

דער אָוונט־קלאַנג, דער אָוונט־קלאַנג!
מהשבות ברענגט ער — טריב און באַנג —
פון אייגן לאַנד, פון יוגנט־ברויז,
וואו כ׳האָב געליבט, וואו פאָטער׳ס הויז.
ווען כ׳האָב געשיידט פון אים זיך לאַנג,
צום לעצטן מאָל געהערט דעם קלאַנג.

כ׳וועל מער נישט זען די שיינע טעג
פון פרילינג מיינעם, וואָס אַוועק.
און וויפיל פעלן אין פאַרלענד
פון אונדז, וואָס זיינען יונג געווען.
זיי רוען לאַנג אין טויט־געפאַנג,
נישט הערן מער דעם אָוונט־קלאַנג.

אויך איך וועל רוען דאָ אַמאָל,
און ווינט וועט טראָגן איבער טאָל
ס׳געזאַנג פון סומנעם אונטערגיין.
אַנאַנדער זינגער וועט דאָ גיין:
און שוין נישט איך, נאָר ער וועט באַנג
פאַרקלערט דאָ זינגען אָוונט־קלאַנג.

זשוקאָווסקי

וואַסילי אַנדרייעוויטש

(1852 — 1783)

דאָס בלעטל

אַראָפּגעפּליקט פֿון צווייגל גרויזאַם,
אַ, זאָג מיר, בלעטל אָרעמס, איינזאַמס,
וואוהין דו פֿליסט? — „כ'וויים נישט צומאָל.
דער שטורעם האָט דעם דעמב דערשלאָגן,
זינט דעמאָלט איבער באַרג און טאָל
איך ווער פֿון צופֿאַל בייז געטראָגן.
איך יאָג וואוהין דער גורל הייסט,
וואוהין אַלץ יאָגט זיך פֿריער־שפּעטער,
וואוהין עס יאָגט דאָס לאָרבער־בלעטל
צוזאַם מיט בלעטל פֿון דער רויז״.

1831

אויף פּושקינס טויט

אומבאַוועגלעך געלעגן איז ער, ווי נאָך פּראַצע נאָך שווערער
ביידע אָרעמס אַרונטערגעלאָזט. מיטן קאָפּ אַנגעבויגן,
לאַנג איבער אים כ'בין געשטאַנען אַליין — און רואיק געקוקט
גלייך אין די אויגן דעם טויטן. די אויגן געווען זיינען צו,
ס'פּנים געווען איז באַקאַנט מיר אַזוי — און קאָנטיק געווען איז:
עפּעס אַזוינס האָט געמיניעט אין אים, וואָס אין לעבן
האָט מען עס קיינמאָל געזען. ס'האָט דער פֿלאַם נישט געגליט
פֿון אינספּיראַציע און נישט געלויכטן קיין שכל.
ניין, נאָר ווי עפּעס אַ הויכע און טיפֿע מחשבה
האָט אויפֿן פּנים גערוט. און געדוכט האָט זיך מיר:
עפּעס געזען יענע רגע האָט ער אַ גרויסן חזיון,
עפּעס געשעט איבער אים — און געוואָלט האָט זיך פֿרעגן:
— „וואָס זעסטו?״ —

1837

דער זינגער אין לאַגער פון רוסישע קריגער

(פראַגמענט)

דער זינגער:

אַ שטילקייט רוט אויף פעלד פון שלאַכט.
ליכט — צווישן די געצעלטן.
אָ, פריינט, לבנה אין דער נאַכט
אונדז לויכט אין רוים צעהעלטן.

פילט-אָן מיט ווײַן די בעכערס, פריינט!
שליסט איין האַנט אין דער צווייטער!
פאַרטרינקט די שלאַכט מיט רויטן ווײַן,
די שיידונג מיט די טויטע.

ווער ביזן דנאָ איז טרינקן גרייט,
דער מונטער זוכט געפעכטן.
אָ, ווײַן אַלמעכטיקער, די פרייד
פון העלד ביזטו די עכטע!

קריגער:

ווער ביזן דנאָ איז טרינקען גרייט,
דער מונטער זוכט געפעכטן.
אָ, ווײַן אַלמעכטיקער — די פרייד
פון העלד ביזטו די עכטע!

דער זינגער:

אַ לויב אייך, קינדער פון אַמאָל,
אַ לויב אייך, בראַווע קינדער!
אויף פעסט פון בלוט מיר קומען שטאָלץ,
מיר — מוטיקע געזינדן.

זאָל יאָגן אייער ריי צום זיג
פאַר אונדז׳רע אָדלער-פאָנען.
זאָל זייען פאַרגייער צום קריג
אָן אומקום פאַר די שונאים.

פילט-אָן די בעכערס! שווערד אין האַנט!
פאַרנעם, דו — אונדזער רעטער!
פאַר שלאַכט — אַ שלאַכט, פאַר בראַנד — אַ בראַנד,
און דיר — אַ טויט, פאַררעטער!

קריגער:

פילט-אָן די בעכערס! שווערד אין האַנט!
פאַרנעם, דו — אונדזער רעטער!

פֿאַר שלאַכט -- אַ שלאַכט, פֿאַר בראַנד — אַ בראַנד,
אונ דיר — אַ טויט, פֿאַררעטער!

דער זינגער:

פילט-אַן נקמה-קרוג פֿאַרשייט
צום הימל הענט הויבט ביידע:
ס'איז טויט, צי רויט! דעם גאָט פֿון שטרייט
מיר געבן דאָ אַ נדר.

אומזיסט, אָ, פֿײנט, דו גורסט זיך אָן
מיט מאַכט פֿון קלאַנען-צאָלן.
זיי לויפֿן, יאָגן פֿון דיין פֿאָן
און דורשטן נאָך מפּלה.

נישטאָ ביי אונדז קיין אוצרות-רויב,
בלויז פֿאַנצער, פֿייל און האַקן.
דאָס דאָרף — אין אַש, די שטעט — אין שטויב,
אין שווערדן — סערפּ און אַקער!

קריגער:

נישטאָ ביי אונדז קיין אוצרות-רויב,
בלויז פֿאַנצער, פֿייל און האַקן.
דאָס דאָרף — אין אַש, די שטעט — אין שטויב,
אין שווערדן — סערפּ און אַקער!

דער זינגער:

פֿאַר היימלאַנד הייבט דעם בעכער, פֿריינט,
פֿאַר לאַנד, וואו ס'האָבן העלדן
פֿאַרזוכט דעם זיסן טעם פֿון ז יי ן ,
פֿאַר באַרג און טאָל און פֿעלדער.

פֿאַר ליבן ליכט פֿון הימל-צעלט,
פֿאַר אַלע שטילע פֿלוסן,
פֿאַר ערשטע שפּילן, גאָלדיק-העל,
פֿאַר ערשטע יוגנט-גרוסן.

ווער קאָן פֿאַרבייטן דיין געזאַנג,
אָ, היים-ערד, מיין געטרייע?
און וועמעס האַרץ נישט ציטערט באַנג,
דיך בענטשענדיק פֿאַרטאַיעט?

קריגער:

ווער קאָן פֿאַרבייטן דיין געזאַנג,
אָ, היים-ערד, מיין געטרייע?
און וועמעס האַרץ נישט ציטערט באַנג,
דיך בענטשענדיק פֿאַרטאַיעט?

באַטיושקאָוו

קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש

(1855 — 1787)

עלעגיע

הנאה איז פאַראַן אין רויש-געווילד פון וואַלד,
פאַראַן אַ פרייד אין שטיינער ביי די ברעגן.
הארמאָניע איז דאָ אין רייד פון שקוואַל,
וואָס ברעכן זיך אין שוימיקע געיעגן.

כ׳האָב ליב דעם מענטש, נאָר מוטער, דו — נאַטור,
פון אַלץ דו ביזט מיין הארצן ליבער.
פאַרגעסן כ׳קאָן פון יוגנט די בראַוואַור
מיט דיר, מיין הערשערין, מיין טריבע.

און איצט, ווען כ׳לעב אין קעלט פון שפּעטע יאָר,
אויפסנייַ געפילן בליען אויף די צווייגן.
דערציילן וועגן זיי — פאַרמאָגט מיין זעל קיין וואָרט,
און כ׳ווייס ניט ווי נאָך וועגן זיי צו שווייגן.

1950

וויאַזעמסקי

פּיאָטר אַנדרייעוויטש

(1878 — 1792)

אָוונט-שטערן

מיין לעצטע פרייד, מיין ליבע-פרייד,
אָ, שטערן אָוונטלעכער, מיין,
אויף מיין פאַרגייענדיקן טאָג
גיס ווידער שטראַלן פון דיין שיין!

אין פוסטן גלאַנץ פון תאוה-זעט
די הייסע יוגנט איז אַוועק,
נאָר האַלבע פרייד און האַלבע שיין
איז ליבער אונדז ביים סוף פון טעג.
1870

פושקין

אַלעקסאַנדר סערגײעװיטש

(1837 — 1799)

דער נביא

איך האָב געשלעפּט זיך נעכט און טעג
אין דאָרשט נאָך גײסטיקײט נאָך קלאָרער,
און ס׳האָט באַװיזן זיך אין װעג
מיר אַ זעקס-פליגלדיקער שׂרף.

מיט פינגער לײכטע, װי אַ טרױם,
האָט ער באַרירט די אַפּלען קױם:
און ס׳האָבן ברײט צעפּראַלט זיך אױגן —
אַן אָדלעריין אין שרעק פאַר בױגן.
באַרירט די אױערן — און װילד
מיט רעש און קלאַנג זײ אָנגעפילט:

און כ׳האָב דערהערט דעם הימל׳ס ציטער,
דעם פלי פון שׂרפים אין דער הױך,
פון חיות ים׳ישע דעם טױך,
דעם פריר פון לאָזע אין געװיטער.

ער איז צו מײנע לעפצן צו —
און אױסגעריסן מיר די צונג,
די שלױע און מיט זינד באַפלעקטע.
און טראָפּנס קלוגע שלאַנגגיפט
אױף קאַלטע ליפּן מיר געטריפט
מיט האַנט מיט בלוטיק-אױסגעשטרעקטער.

ער האָט מײן ברוסט צעהאַקט מיט שװערד,
מײן ציטריק האַרץ מיר אױסגעשניטן,
אין ברוסט אין אָפענער האָט ער
אַרײנגעלײגט אַ קױל צעגליטע.

איך בין געלעגן טױט אין טאָל,
און ס׳האָט גערופן מיך גאָט׳ס קול:

— „שטײ, נביא, אױף, פאַרנעם מײן לשון,
מײן רצון הײליקן דערקען,
און איבער ימים און יבשות
מיט װאָרט די מענטשן-הערצער ברען!״ —

1826

ווינטער-אָוונט

שטורעם הילט די וועלט אין חושך,
דרייט זיך, שנייאיקער, אין ווינט:
אָט-אָ היילט ער, ווי אַ חיה,
אָט-אָ וויינט ער, ווי אַ קינד.

אָט-אָ רוישט ער אין די שטרויען
פון דעם אַלטן, קרומען דאַך,
אָט-אָ קלאַפּט ער אין די שויבן,
ווי אַ שפּעטער גאַסט פון שליאַך.

אונדזער קליין און אָרעם שטיבל
איז אין טרויער איינגעהילט.
וואָס-זשע, אַלטיטשקע, דו מיינע,
ביי דעם פענצטער שווייגסטו שטיל?

צי האָט דיך געהייל פון שטורעם,
פריינט מיין אַלטער, איינגעמידט?
צי דו דרעמלסט אונטער שפּינראָד'ס
שטילן, זשומענדיקן ליד?

ליבער, טרייער יוגנט-חבר,
לאָמיר טרינקען זאַלבעצווייט.
לאָמיר טרינקען — וואו ז'דער בעכער?
ס'הארץ וועט פול ווערן מיט פרייד.

זינג אַ ליד, ווי בלויער פויגל
האָט געלעבט אין פרעמדן לאַנד.
זינג אַ ליד מיר, ווי דאָס מיידל
שעפּן וואַסער איז געגאַן.

שטורעם הילט די וועלט אין חושך
דרייט זיך, שנייאיקער, אין ווינט:
אָט-אָ היילט ער, ווי אַ חיה,
אָט-אָ וויינט ער, ווי אַ קינד.

ליבער, טרייער, יוגנט-חבר,
לאָמיר טרינקען זאַלבעצווייט.
לאָמיר טרינקען —ווו ז'דער בעכער?
ס'הארץ וועט פול ווערן מיט פרייד.

1825

אין אַ ייִדישער שטוב

אין שטוב אין ייִדישער אַ לעמפּל
איז טונקלען ווינקל צאַנקט און בלייכט זיך.
און פאַרן לעמפּל זיצט אַ זקן
און לערנט תּורה. און עס פאַלן
די גרויע האָר אויף אַלטן ספר.

און איבער פּוסטן וויגל שטיל
אַ יונגע ייִדין זיצט און וויינט.

אין צווייטן ווינקל זיצט אַ ייִד,
אַ יונגער, מיטן קאָפּ געבויגן,
און איז פאַרזונקען אין מחשבות.
אין סומנער שטוב די אַלטע מאַמע
גרייט־צו אַ וועטשערע אַ שפּעטע.

דאָס בוך דאָס הייליקע דער זקן
מיט העקלעך קופּערנע שליסט־צו.
דעם אוּנט־ברויט די אַלטע מאַמע
שטעלט אויפן טיש אַוועק אַ מידע
און רופט צום עסן די משפּחה.
נאָר קיינער ענטפערט נישט. דאָס עסן
בלייבט אויפן טיש שטיין, נישט באַרירט.

די שעהן יאָגן זיך אין שווייגן.
אַלץ שלאָפט אין שאָטן פון דער נאַכט.
די שטוב די ייִדישע האָט בלויז
די פרייד פון שלאָף נאָך נישט באַזוכט

אויף טורעם שטאָטישן דער גלאָק
קלינגט האַלב־נאַכט. פּלוצים קלאַפּט ווער אָן
מיט שווערער האַנט. עס ציטערט־אויף
די גאַנצע ייִדישע משפּחה.

עס הויבט זיך אויף דער יונגער ייִד
און עפנט אויף די טיר פאַרווירט.
עס קומט אַריין אַן אומבאַקאַנטער,
אין האַנט ער האַלט אַ וואַנדערשטעקן...

1826

אַנטשאַר — דער בוים פון טויט

אין מדבר, וואו דער באָדן וועלקט,
צע׳שרפ׳עט פון דער היץ צעגליטער,
אַנטשאַר, אַליין אין גאַרער וועלט,
שטייט עלנט, ווי אַ בייזער היטער.

אין טאָג פון צאָרנדיקן פלאַם
געבוירן אים האָט סטעפּ אין שווייגן
און אָנגעטרונקען אים מיט סם —
פון וואָרצל ביז די טויטע צווייגן.

אין האַלב-טאָג דורך זיין קאָרע טריפט
צעפּאַליעט סם פון אַלע שיכטן.
און קומט דער אָוונט, גליווערט גיפט
אין סמאָלע קלאָרער און געדיכטער.

עס פליט צו אים קיין פויגל ניט,
קיין טיגער קומט. בלויז שוואַרצער ווינטער
לויפט דורך מיט איילנדיקע טריט
און, פול מיט סם, טראָגט אָפּ זיך גיכער.

און קוים די בלעטער טראָפּ נאָך טראָפּ
באַגיסט אַ בלאָנדזשנדיקע כמאַרע,
פון זיינע צווייגן טריפט אַראָפּ
אין הייסן זאַמד אַ טויטע פּאַרע.

ס׳האָט מענטש צום בוים זיין קנעכט געשיקט
מיט ווינקער, פינצטערער מחשבה.
און יענער איז געקומען צ׳ריק,
געבראַכט מיט זיך דעם סם-המות.

געבראַכט מיט זיך דעם טויטן פּעך,
אַ צווייג מיט בלעטער וועלקע, לערע —
און ס׳האָט אַ קאַלטער שווייס ביים קנעכט
גערונען איבער בלייכן שטערן.

געבראַכט — און קראַנק געפאַלן איז
אין האַר׳ס געצעלט, אין ווייטן ווינקל,
און איז געשטאָרבן ביי די פיס
פון אומבאַזיגבאַרן באַצווינגער.

און ס׳האָט דער פירשט אין סם פון טויט
געטונקען זיינע גרייטע פיילן
און אומקום האָט דורך זיי געשפּרייט
צו שכנים אויף די ווייטסטע מיילן.

דער געפאַנגענער

איך זיץ אונטער גראַטעס אין תפיסה אַליין,
אָן אָדלער אַ יונגער, אין קנעכטשאַפט אַנטוויינט.
עס פּאַכט מיט זיין פליגל מיין חבר אין פליים
און פּיקט אונטער פענצטער זיין בלוטיקע שפּייז.

ער פּיקט און ער וואַרפט זי און קוקט דורך דער שויב,
ווי ער וואָלט געוואָלט זיך מיט מיר טאָן אַ הויב.
ער רופט מיט זיין בליק מיך, ווי ער וואָלט געזאָגט:
—"אַ, לאָמיר פונדאַנען אַוועק מיטן טאָג!" —

—"מיר — פייגעלעך פרייע, שוין צייט, ברודער, צייט,
אַהין, וואו עס ווייסלען זיך בערג אין דער ווייט,
אַהין, וואו עס בלויען זיך ים'ען מיט ליכט,
אַהין, וואו ס'שפּאַצירן דער ווינט בלויז... און איך." —

אויב דאָס לעבן וועט דיך נאַרן

אויב דאָס לעבן וועט דיך נאַרן,
טרויער נישט און זיי נישט בייז,
אין דער פּיין געפין אַ טרייסט,
גלויב, ס'וועט קומען טאָג פון שכרן.

ס'לעבט דאָס האַרץ אין צוקונפט פרייער,
ס'איז די קעגנוואַרט אָן פרייד.
אַלץ ז'פאַרגענגלעך, אַלץ פאַרגייט,
וואָס ס'פאַרגייט, ווערט ליב און טייער.

1825

דער דיכטער

כל זמן עס רופט נאָך נישט דעם דיכטער
צו קדושה־קרבן אַפּאָלאָן,
אין וועלטס אין האַוועדיקע פליכטן
איז ער נאָך קליינמיטיק פאַרטאָן.

זיין לירע שטומט אין פּיין אין בלינדער,
זיין האַרץ מיט קאַלטן שלאָף באַשווערט.
פון אַלע נישטיקסטע גאָטס קינדער
דער נישטיקסטער איז אפשר ער.

נאָר אָט האָט געטלעכער שוין רוף
קוים אָנגערירט זיין אויער זאַכטן, —
און ווי אָן אָדלער אַ דערוואַכטער,
דעם דיכטערס זעל וואַכט פלוצים אויף.

עס לאנגווייליקט אים די שפּיל די פּוסטע
און פרעמד די מעשים פון דער ערד,
און צו די פיס פון געצן יוסטע
זיין שטאָלצן קאָפּ ער בויגט נישט מער.

ער לויפט אַ ווילדער און אַ בייזער,
אַ דורכגעדרונגענער פון קלאַנג,
צו ברעגן, וואו די כוואַליעס ברויזן,
וואו וועלדער רוישן מיט געזאַנג.

1827

איך האָב שוין מער נישט קיין פאַרלאַנגען

איך האָב שוין מער נישט קיין פאַרלאַנגען,
כ'האָב מיינע טרוימען מער נישט ליב.
געבליבן זיינען ליידן באַנגע,
אַ האַרץ, וואָס ליידיק איז און טריב.

אין שטורעם פון דעם בייזן גורל
פאַרוועלקט מיין בליענדיקע קרוין.
איך לעב אַן עלנטער אין טרויער
און וואַרט: ווען קומען וועט מיין לוין?

אַזוי, געטראָפן פון געוויטער,
ווען ס'פייפט דער שטורעמווינט פון שבט,
אויף הוילן צווייגל איינזאַם ציטערט
פאַרשפּעטיקט־שטום דער לעצטער בלאַט.

1821

קאַווקאַז

קאַווקאַז אונטער מיר. און אַליין אינ'ם רוים
ביים ראַנד פונ'ם אָפּרים איך שטיי איבער שנייען.
ס'הויבט־אויף זיך אַן אָדלער פון שפּיץ־באַרג פון גרויען
און שוועבט גלייך מיט מיר און באַוועגט זיך קוים־קוים.
פונדאַנען איך זע די געבורט פון די שטראָמען
און אָנהייב פון גרוילאַמען רים צו די תהומען.

דאָ שוועבן די וואָלקנס זיך רואיק פאַרביי,
און וואַסערפאַל יאָגט מיט גערויש זיך און קוילערט,
און אונטן — די שפּיצן פון באַרג־פעלדזן הוילע,
און וויטער — דער טרוקענער מאָך און לישאַי.
און וויטער — די וועלדלעך, אין נעפּל פאַרצויגן,
וואו ס'שפּרינגען די הירשן און ס'צוויטשערן פייגל.

און ווייטער, דאָרט נעסטלען זיך מענטשן אין רוים,
און שעפּעלעך קריכן אויף אָפּריסן שמאָלע,
און ס'נידערט דער פּאַסטעך צו פריילעכע טאָלן,
וואו ס'יאָגט זיך אַראַגוואַ 1) אין ברעגיקער היים.
און אָרעמער רייטער באַהאַלט זיך אין נאָרע,
וואו טערעק 2) צעשפּילט זיך אין פריידיקן צאָרן.

צעשפּילט זיך און וואָיעט, ווי שפּייז וואָלט דערזען
פון אייזערנעם שטייגל א חיה אַ יונגע,
און לעקט מיט די כוואַליעס די פעלדזן פון הונגער
און שלאָגט זיך אָן ברעגעם מיט נוצלאָזן ברען.
אומזיסט! ס'איז נישטאָ אים קיין שפּייז און קיין תקומה:
עס שפּאַרן אים גרויזאַם די פעלדזן די שטומע.

1829

אויף בערג פון גרוזיע

אויף בערג פון גרוזיע ליגט חשכות פון דער נאַכט
פאַר מיר אַראַגוואַ רוישט אין טאָלן.
ס'איז גרינג און אומעטיק. מיין צער איז העל און וואַך,
מיט דיר אַליין איז פול מיין חלום.

מיט דיר, מיט דיר אליין... מיין אומעט און מיין צער
נישט רעגט שוין מער זיך אין סכנה.
און ווידער ברענט און ליבט מיין אָרעם הארץ — דערפאַר,
ווייל... ווייל נישט ליבן דיך עס קאָן נישט.

1829

דער דענקמאָל

כ'האָב זיך געשטעלט אַ דענקמאָל, ניט פון הענט געפורעמט,
צו אים דער וועג פון פאָלק וועט שטענדיק זיין געווענדט.
ער האָט זיין שטאָלצן קאָפּ נאָך העכער אויפגעטורעמט
פון אלעקסאנדערס מאָנומענט.

ניין, שטאַרבן וועט נישט אַלץ מיט מיר. ס'וועט מיין נשמה
דורך לירע הייליקער נאָך לעבן זיין באַשערט.
און טראָגן וועט זיך ווייט דער אָפּקלאַנג פון מיין נאָמען,
ווי לאַנג ס'וועט לעבן כאָטש איין דיכטער אויף דער ערד.

מיין רום וועט שפּרייטן זיך פון עק ביז עק פון רוסלאַנד,
און אייגן וועל איך ווערן יעדער שפּראַך, וואָס לעבט:

2,1) אַראַגוואַ און טערעק — צוויי טייכן אין קאַווקאַז.

דעם אייניקל פון סלאַוו, דעם פין און די טונגוסן
און דעם קאַלמיק, דעם פריינט פון סטעפּ.

און לאַנג וועל איך דערמיט דעם פאָלק זיין ליב און טייער,
וואָס אויפוועקן אין אים כ׳האָב ס׳איידעלע געקאָנט,
וואָס כ׳האָב אין שווידער-צייט געזונגען וועגן פרייהייט
און מיטלייד צו געפאַלענע געמאָנט.

אָ, מוזע, הער זיך צו צו דעם באַשעפערס ווילן,
פאַר עוולות שרעק זיך נישט און פאָדער נישט קיין שכר,
דעם טאַדל און די לויב פאַרנעם מיט גלייכגילט שטילן
און שפּאַר זיך קיינמאָל מיט קיין נאַר.

1836

אויפלעבונג

אַ קונסט-באַרבאַר מיט פּינזל בלייכן
פון גאַון׳ס שאַפונג מאַכט אַ תל,
פאַרברעכעריש אויף איר ער צייכנט
זיין אייגן אומזיניק געמעל.

נאָר פרעמדע פאַרבן, מיט די יאָרן,
ווי אַלטע שופּן, פאַלן-אָפּ.
דעם גאַון׳ס בילד ווערט נישט פאַרלאָרן —
און ווידער שיינט פאַר אונדז זיין גאָב.

אַזוי די פעלערן פאַרשווינדן
פון מיין צעפּיינטער, מידער זעל —
און די חזיונות צאַרט זיך צינדן,
פון ערשטע יוגנט-טעג באַהעלט.

1819

ווען כ׳בלאָנדזשע אום...

ווען כ׳בלאָנדזשע-אום אין רויש פון גאַסן,
צי כ׳ריכט צום טעמפּל מיינע טריט,
צי כ׳זיץ מיט יונגע פּוסט-און-פּאַסן —
איין רעיון אין מיין מח גליט.

איך זאָג: די יאָרן וועלן פלען,
און אַלע מיר, וואָס זענען דאָ,
אין קבר נידערן מיר וועלן —
און נאָענט איז שוין איינעמס שעה.

ווען כ'זע, אַ דעמב שטייט אָפּגעזונדערט,
איך טראַכט: דער פּאַטריאַרך פון טאָל
וועט איבערלעבן מיין יאָרהונדערט,
ווי מיינע עלטערנס — אַמאָל.

און צערטל איך אַ קינד אַ ברעקלס,
אַ רעיון מאַטערט מיך: אַדיע!
איך לאָז מיין אָרט דיר איבער, שנעקל;
דו בליסט ערשט אויף — און איך פאַרגיי.

און יעדע שעה מיט קלאָרן זינען
פון וויטן עבר איך באַגלייט,
און פּרואוו אין צוקונפט אויסגעפינען
דעם טאָג, ווען קומען וועט מיין טויט.

וואו גורל זאָל מיר טויט באַשערן:
אין שלאַכט, אין וואָגל, צי אין ים?
צי וועט מיין גוף באַערדיקט ווערן
אין טאָל פון שכנות'דיקן שטאַם?

און כאָטש אַלציינס דעם קאַלטן חומר
צו פוילן איז אין יעדער ערד,
דאָך וויל איך, נענטער צו מיין היימלאַנד
זאָל רוען מיר דאָ זיין באַשערט.

און זאָל ביים קבר־טויער שפּילן
דער יונגער לעבן־ברויז, ווי וויין,
און די נאַטור אין גלייכגילט שטילן
זאָל אייביק ליכטיקן איר שיין.

1829

דאָס ליד וועגן קלוגן אָליעג

עס קלייבט זיך, ווי איצטער, דער קלוגער אָליעג
פון כוזרים צו נעמען נקמה:
די פעלדער און דערפער אין פלאַמען אַוועק,
צעשטערט מיט דער שווערד פון מלחמה.
אין פאַנצער געקאָוועט, פון צאַרגראַדער 1) ערד
דורך פעלד מיט זיין מחנה ער רייט אויף זיין פערד.

אַן אַלטער מכשף אַנטקעגן אים קומט,
פון וואַלדישן טונקל פאַרבאָרגן:
געטריי בלויז פּערונען 2) געווען איז ער פרום,

1) צאַרגראַד — אַמאָליקע הויפּטשטאָט פון דער גריכישער מלוכה,
היינט סטאַמבול.
2) פּערון — דער גאָט פון דונער ביי די אַמאָליקע סלאַוון.

מבשר פון קינפטיקן מארגן,
אין תפילות, אין כישוף פארבראכט האט ער טעג.
צום זקן, צום קלוגן, פארט־צו פירשט אליעג.

—"א, זאג מיר, מכשף, גאטס ליבלינג דו מיין,
וואס וועט מיר פאסירן אין לעבן?
צי גרייט שוין א קבר, צום פרייד פון די פיינט,
אינגיכן פאר מיר דער באגרעבער?
אנטפלעק מיר דעם אמת, נישט שרעק זיך, נישט קלער:
דו קריגסט אלס מתנה א פראכטיקן פערד." —

—"מיר פילן קיין שרעק פאר די הארן פון מאכט,
מיר דארפן פון פירשט קיין מתנות:
ס'איז וואר און ס'איז פריי אונדזער ליכטיקע שפראך,
גע'חבר'ט מיט הימלס כוונות.
באהאלטן אין חושך די קינפטיקע טעג:
דיין גורל איך זע אויף דיין שטערן, אליעג!

—"געדענק־זשע אצינדער מיין ווארט, וואס איך זאג:
דער קריגער פון רום האט הנאה.
עס קלינגט מיט נצחון דיין שם, ווי א גלאק,
דיין שילד אויפן צארגראדער טויער.
עס נייגן צו דיר זיך יבשה און שקוואל,
און פיינט איז מקנא דיין גליק און שיקזאל.

—"פארפירעריך־כוואליע פון בלוילעכן ים
אין שעהן פון פינצטערער לוינע,
דער שלויער קינזשאל און די פייל, פול מיט סם,
די טעג פון דעם זיגער זיי שוינען.
דער גרויזאמער פאנצער באשיצט פון געפאר
פון וואונד און פון אומגליק דעם מאכטיקן האר.

—"דיין פערד האט קיין מורא פאר מי און פאר פיין,
ער פילט פון באפעלער די שליטה:
אט שטייט ער באזאכט אונטער פיילן פון פיינט,
און אט — איבער שלאכטפעלדער פליט ער.
אים ארט נישט קיין קרירה, קיין שלאכט שוין נישט מער,
נאר שטארבן וועסטו פון דיין אייגענעם פערד!"—

עס שמייכלט אליעג, נאר זיין בליק — אין טומאן,
זיין שטערן באדעקן יסורים.
אויף זאטל ער שפארט זיך שטיל אן מיט דער האנט,
פון פערד שטייגט אראפ ער, פארכמורעט.
ער זעגנט זיך אפ מיט זיין חבר, פארקלערט —
און צערטלט און גלעט איבער האלדז פון זיין פערד:

—"אדיע, דו — מיין חבר! געקומען די צייט
זיך שיידן מיט דיר פאַר דער צוקונפט.
צינד רו זיך אָפּ. כ'וועל מיין פוס מער צום שטרייט
אין גילדערנעם פוס־רינג נישט רוקן.
אדיע, זיי געטרייסט און פאַרגעס מיך נישט מער!
איר, יונגען־געזעלן, נעמט־צו אַט־דעם פערד.

—"מיט דעקעס, מיט מאַכיקן טעפּיך הילט־איין,
אין פעלד פירט אים אָפּ ביי די צוימען,
און פּאַיעט מיט קוואַליקן וואַסער מיין פריינט,
און שפּייזט אים מיט טייערסטע זוימען." —
עס פירן די יונגען דאָס פערד באַלד אַוועק.
און ס'רייט אויף אַ פערד אויף אַ נייעם אָליעג.

עס הוליעט דער קלוגער אָליעג ביז קאַיאַר
מיט מחנות פון אייגענע קלאַנען.
ווי שנייען קאַיאַריקע, ווייסלען זיך האָר
אַריבער די קעפּ פון קורגאַנען.
און אָלע דערמאָנען די טעג און די נעכט,
וו מ'האָט, ווי חברים, צוזאַמען געפעכט.

— „און וואו איז מיין חבר — מיין פערד?" — פרעגט אָליעג, —
זאָגט, וואו איז מיין מוטיקער פליער?
צי איז ער געזונט? איז נאָך גרינג זיין געיעג?
צי איז ער פאַרשייט נאָך, ווי פריער?" —
—"אויף שיפּוי פון בערגל, — אָן ענטפער ער הערט, —
שוין לאַנג, ווי עס רוט דאָס געביין פון דיין פערד." —

פאַרטראַכט זיך אָליעג, לאָזט־אַרונטער דעם קאָפּ:
—"דיין טרעפן איז וואַנזיניק־מיאוס,
דז — פאַלשער מכשף, דו — נאַרישער טראָפּ,
פאַראַכטן מען דאַרף דיין נביאות!
געטראָגן וואָלט מיך נאָך מיין פערד ביז אַהער..."—
און זען וויל ער גיכער ס'געביין פון זיין פערד.

אַט פאַרט פון זיין הויף שוין דער גרויסער אָליעג,
מיט אים זיינע געסט און אויך איגאַר. 1)
זיי זעען: אויף בערגל, ביים דניעפּרישן ברעג
דיביינער די נאָבעלע ליגן.
עס וואַשן זיי שלאַקסן אין שטויבן־געדריי,
און ס'וויגן די ווינטן דאָס גראָז איבער זיי.

אויף שאַרבן פון פערד שטעלט אַוועק זיך דער פירשט:
— „שלאָף רואיק, מיין עלנטער חבר,
ס'האָט איבערגעלייבט דיך אַמאָליקער ווירט.

ביים פעסט, וואס מען וועט נאך מיר פראווען,
נישט דו אויף מיין קבר — אין לעצטן סאלוט —
דאס גראז וועסט באטרינקען מיט זודיקן בלוט.

—„איז אט־וואו געפאר האט פאר מיר זיך פארהוילט?
געדראט מיר מיט טויט האט א קנאכן!״ —
פון פערדישן קאפ איז דערוויייל אין א קנויל
א שיפיקע שלאנג זיך געקראכן,
פארפלאכטן א סטיינגע ארום זיינע פיס —
און פלוצים שרייט־אוים פירשט אליעג פונ׳ם ביס.

עס שיפן די שוימיקע קרוגען מיט וויין
ביים קלאג־פעסט פון טויטן אליעגן.
ס׳באוויינען אים איגאר און אלגא 2) אין פיין,
עס הוליעט דאס חיל אויף ברעגן.
די קריגער דערמאנען די טעג און די נעכט,
וואו מ׳האט, ווי חברים, צוזאמען געפעכט.

1822

ווינטערדיקער וועג

דורך די כוואליקע טומאנען
ווייזט לבנה איר געזיכט.
אויף די טרויעריקע לאנען
גיסט זי טרויעריק איר ליכט.

איבער ווינטערדיקע וועגן
פליט דער דריי־געשפאן געשווינד,
קלינגט אין אומעטיקער געגנט
סומנע גלעקל גלין־גלאן־גלין.

עפעס ווייט מיט נאנטע היימען
פון דעם פורמאנ׳ס טריב געזאנג:
דא א הפקר־ליד אן צוימען,
דא א טרויער, הארציק־באנג.

ניט קיין ליכט, ניט קיין כאלופעס...
שניי און וויסטעניש... פארביי
לויפן בלויז געשטרייפטע סלופעס
מיר אנטקעגן אין א ריי.

1826

1) איגאר — אליעגיס זון.
2) אלגא — איגארס פרוי.

באַראַטינסקי

יעווגעני אַבראַמאָוויטש

(1844 — 1800)

נישט שטעל אומזיסט מיך צום נסיון

ניט שטעל אומזיסט מיך צום נסיון,
מיט נייער צערטלעכקייט ניט וועק:
ס'איז פרעמד, ס'איז פרעמד שוין דעם אנטווישטן
די פרייד פון אָפּגערווישטע טעג.

איך גלויב שוין ניט אין איבערצייגונג,
אין ליבע גלויב איך אויך ניט מער.
איך וויל אויפסניי שוין מער ניט טרויען
חלומות ליגנערשע, איך שווער!

פאַרמער ניט מער מיין בלינדן טרויער,
ניט רעד צו מיר פון וויטע טעג,
אָ, חבר זאָרגזאַמער, געטרייער,
דעם קראַנקן פון זיין שלאָף נישט וועק!

איך שלאָף — און זיס איז מיר דער דרימל.
פאַרגעס דעם טרוים פון אַלטער וועלט,
ווייל בלויז אַן אומרו וועסט צעוועקן,
און נישט קיין ליבע — אין מיין זעל.

1821

פאַרזיכערונג

ניין, ס'האָט געררייד אייך אָפּגענאַרט:
איר לעבט ביז איצט אין מיין זכרון —
און אייער כישוף איבער מיר
ניט אויסגעוועפּט האָט מיט די יאָרן.

כ'האָב אייך געטראָגן אין מיין האַרץ,
כאָטש אַנדערע געזונגען לויבן.
פאַר נייע געטער כ'האָב געקניט,
נאָר מיט דער שרעק פון אַלטן גלויבן.

1824

יאזיקאָוו

ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש

(1846 — 1803)

דער שווימער

אונדזער ים — אַ וויסטער מדבר —
ברויזט און ליאַרעמט טאָג-ווי-נאַכט.
שוואַרצער אומגליק ליגט באַהאַלטן
אויף זיין רחבות׳דיקער פלאַך.

דרייסטער, ברידער! ס׳איז מיין זעגל
פול מיט ווינטן, גרייט און גרינג.
פליען וועט אויף ים׳ען-כוואַליעס
שיפל מיינס, ווי פליגל, פלינק.

איבער ים׳ען יאָגן וואָלקנס,
ס׳רעוועט ווינט מיט בייזער שטים.
ס׳קומט אַ שטורעם: וועט מען פּרוּאוּוען
צו פאַרמעסטן זיך מיט אים.

דרייסטער, ברידער! ס׳קומט דער שטורעם,
אויפזידן וועט וואַסער-שטראָם:
בייזע כוואַליע וועט זיך הויבן,
פאַלן טיפער וועט דער תהום.

דאָרט, פון יענער זייט פון שטורעם
איז פאַראַן אַ גליקלעך לאַנד:
ס׳טונקלט קיינמאָל דאָרט דער הימל,
ס׳הערשט דאָרט שטילקייט נאָכאַנאַנד.

נאָר אַהין בלויז ברענגען כוואַליעס
דעם, וואָס בראַוו איז אין געפאַר...
דרייסטער, ברידער! פול מיט שטורעם
איז מיין זעגל — פלינק און שטאַרק.

1837

טיוטשעוו

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש

(1873 — 1803)

סילענטיום (שטילקייט)

זיי שטיל, פאַרבאַרג אין זיך געהיים
דיין חוש, דיין זעאונג און דיין טרוים.
און טיף אין זעלישן געביין
דו לאָז זיי אויפגיין און פאַרגיין,
ווי שטערן אין דער נאַכט אַרום —
דו שפּיגל זיך אין זיי — און שטום.

קאָן ס'הארץ זיך אויסריידן אליין?
ווי קאָן אַ פרעמדער דיך פאַרשטיין?
ווי קאָן ער ווערן איבערציוגט?
געדאַנק אַרויסגערעדטער לאַיגט.
דעם קוואַל ריים־אויף, צעקלויצע ווילד
און קוויק מיט אים זיך — און זיי שטיל.

קאָן לעבן בלויז אין זיך אליין.
פאַראַן אַ וועלט אין דיין געביין,
אַ וועלט פון צויבער און געדאַנק.
זאָל זי פאַרטויבן לעבנס קלאַנג,
צעטרייבן טאָג־שטראַלן אַרום, —
פאַרנעם דאָס זינגען — און זיי שטום!

1830

ניט איל

ניט איל, ניט חקירה זיך אָן סוף!
דער וואַנזין זוכט, דער שטות — ער פּסקנ'ט.
די וואונד פון טאָג פאַרהייל מיט שלאָף,
דער מאָרגן איז שוין לאַנג פאַר'חתמ'עט.

קאָן איבערלעבן אַלץ אין וואַר:
אי פרייד, אי טרויער, אי פאַרלאַנגען.
צו וואָס די פּיין? צו וואָס די זאָרג?
אַ טאָג פאַרביי — און גאָט צו דאַנקען!

1859

ניט גלויב, ניט גלויב דעם דיכטער, מיידל:

ניט גלויב, ניט גלויב דעם דיכטער, מיידל,
ער איז ניט דיינער קיין בעל־חוב.
ווי פון א פלאמעדיקן צארן
פון ליבע דיכטערשער אנטלויף.

דו וועסט זיין הארץ ניט מאכן אייגן
מיט דיין נשמה׳ס ריינעם קוואל,
דאס הייסע פייער ניט באהאלטן
וועסט אונטער מיידלישער וואל.

ער איז אלמעכטיק, ווי סטיכיע,
נאר אנמעכטיק אין זיך אליין:
ניט וויליק דיינע יונגע לאקן
צעברענט זיין דיכטערישע קרוין.

אומזיסט, אומזיסט אים לויבט און טאדלט
דאס פאלק אין וואנזיניקן ברויז,
ניט ווי א שלאנג, דאס הארץ דיינס בייסט ער,
נאר ווי א בין, ער זויגט עס אויס.

דיין הייליקייט וועט ניט צעשטערן
יעם דיכטערס זויבער־ריינע האנט,
נאר צופעליק דיין זיין דערשטיקן,
צי ברענגען דיך אין צויבער־לאנד.

1839

דער פרילינג גייט

דער שניי נאך ווייסט אויף פעלד און וועג,
גאר פרילינגדיק ס׳געוויסער רוישט.
עס לויפט און וועקט דעם שטילן ברעג
און אין געמורמעל לויפט און לוישט.

עס לויפט פון עק ביז עק מיט ברויז:
—„דער פרילינג גייט! דער פרילינג גייט!
ער האט געשיקט אונדז אין פאראויס
שליחים פון זיין יוגנט־פרייד!״—

דער פרילינג גייט, דער פרילינג קומט!
און ס׳גייט נאך אים א קאראהאד
פון ווארעמען מאיאווען זשום
מיט טעג פון פריידיק־העלן גנאד.

1830

א שטײן

א שטײן אַראָפּגעפאַלן איז פון באַרג אין טאָל.
ווי ס׳איז געשען, ווייסט קיינער ניט צומאָל.
צי אָפּגעריסן זיך פון שפּיץ האָט ער אַליין,
צי דענקנדיקע האַנט געשליידערט האָט דעם שטײן?
עס איז פאַרביי יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט —
און קיינער האָט נאָך נישט געלייזט דעם וואונדער.

1833

רוסלאַנד

ס׳איז נישט מיט שכל צו פאַרשטײן,
נישט מיט אַרשין זי אָפּצומעסטן,
איר אייגענעם פאַרמאָגט זי חן —
אין רוסלאַנד קאָן מען גלויבן מערסטנס.

1866

דער פרילינג־שטורעם

כ׳האָב ליב אין אָנהויב מאַי דעם שטורעם,
ווען פרילינגס ערשטער דונער־קנאַל,
אַן אויפגעשפּילטער, אַ פאַרשייטער,
אין בלויען הימל זיך צעשאַלט.

עס ליאַרעמען די יונגע קנאַלן!
אַ רעגן שפּריצט, שטויב פליט פון גרונט,
עס הענגען רעגנדיקע פּערל,
און פּעדעמער באַגילדט די זון.

עס פליט פון באַרג אַ שטראָם אַ פלינקער,
אין וואַלד דער פייגל־רויש זיך שפּרייט.
און וואַלד־געדויש און באַרג־געפּילדער
דעם דונער ענטפערן מיט פרייד.

ווּעסט זאָגן: די פאַרשייטע געבאַ 1),
וואָס שטיל דעם צעאוס־אָדלער 2) נערט,
האָט דונער־זודנדיקן בעכער
פון רוים אַ גאָס־געטאָן אויף דר׳ערד.

1820

---

2) צעאוס — דער גאָט פון דונער ביי די אַלטע גריכן.
1) געבאַ — די געטין פון יוגנט ביי די אַלטע גריכן.

פאַראַן אין האַרבסט...

פאַראַן אין האַרבסט פון סאַמע אָנהייב
אַ קורצע וואונדערלעכע צייט:
דער גאַנצער טאָג איז ווי קרישטאָלן,
דער אָוונט — ליכטיק־ווייך, ווי זייד.

וואו אונטער סערפּ איז זאַנג געפאַלן,
די פּוסטקייט רחבות'דיק שפּאַצירט,
און בלויז די דינע האָר פון שפּינוועבס
אויף בייטן גרויע שעמערירט.

די לופט איז לער. עס זינגט קיין פויגל.
נאָר ווייט איז נאָך ביז ווינטער־קעלט.
אַ בלויקייט ווארעמע און ריינע
פלייסט העל אויף רוענדיקן פעלד.

1857

אָט די אָרעמינקע דערפלעך

אָט־די אָרעמינקע דערפלעך,
די נאַטור אָט־די געהיימע —
לאַנד, דו לאַנד פון לאַנגע ליידן,
פאָלק פון רוסישן, דו — היים־ערד!

ס'וועט נישט אָפּשאַצן, באַנעמען
קיין שום שטאָלצער בליק, קיין פרעמדער,
ווּאָס עס ליכטיקט זיך פאַרבאָרגן
אין דיין נאַקעטקייט פאַרשעמטער.

אונטער שווערער משא, היימלאַנד,
איבער אַלע דיינע שטחים,
ווי אַ שקלאַף, האָט צאַר פון הימל
דורכגעשפּאַנט דיך מיט אַ ברכה.

1855

מענטשלעכע טרערן

מענטשלעכע טרערן, אָ מענטשלעכע טרערן,
פליסט איר פון פרי ביזקל שפּעט אויף דער וואַך,
פליסט איר ניט־קענטיקע, פליסט איר אומזעבאַרע,
צאָללאָז־אָנענדיקע און אומאויסשעפּבאַרע,
פליסט איר, ווי שטראָמען פון רעגנס פון שווערע,
אין טיף־פאַרלוירענער האַרבסטיקער נאַכט.

1849

וועניעוויטינאָוו

דמיטרי וולאדימיראָוויטש

(1827 — 1805)

דאָס לעבן

אין אָנהויב כישופט אונדז דאָס לעבן:
ס'איז אַלץ אין אים אַ ליב געזאַנג,
ווי אַ דערציילונג, פול מיט וואונדער,
פאַרכאַפּט מיט צויבער דעם געדאַנק.

עס שרעקט פונוויטנס אונדז מיט פחדים,
נאָר תענוג איז פאַראַן אין שרעק.
עס ווייזט אונדז ליכטיקע חזיונות,
ווי נאַכט־מעשה דעם זקן וועקט.

נאָר ס'ענדיקט זיך דער שיינער ליגן,
צום נס מיר ווערן צוגעוואוינט.
דערנאָך אויף אַלץ מיר קוקן פוילבלעך —
און ס'ווערט דאָס לעבן נמאָס שוין.

זיין רעטעניש, זיין לעצט קאַפּיטל
איז אונדז דערעסן שוין לרוב,
ווי נמאָס ס'ווערט אַן אַלטע מעשה
דעם איינגעמידטן פאַרן שלאָף.

1824

דאָס לעצטע ליד

האָב ליב דעם שפּייזלינג פון עקסטאַז,
דיין שטאָלצן נייג פאַר אים געדאַנק,
נאָר אין געיעג נאָך ריינעם תענוג
דו טרוי נישט יעדער האַרפע'ס קלאַנג.

פאַראַן נישט פיל נביאים וואָרע,
מיט סוד מיט ליכטיקן באַערט,
מיט אַ געשאַנק פון הויכע לערערס,
מיט וואָרט פון הימל אויף דער ערד.

1825

קאָלצאָוו

אַלעקסעי וואַסיליעוויטש

(1842-1809)

צו דעם פוילענצער

זאָג, וואָס שלאָפסטו, מוזשיק?
ס'איז שוין פרילינג אין הויף —
דיינע שכנים אַרום
פראַצן לאַנג שוין אין פעלד.

וועק זיך אויף, הויב זיך אויף
און אויף זיך גיב אַ קוק:
וואָס געווען? וואָס דו ביזט?
און וואָס איז דיין פאַרמעג?

אינ'ם שייער — קיין סנאָפ,
און אין שפייכלער — קיין זוים,
אינ'ם הויף, איבער גראָז
איז דאָך ליידיק און פוסט.

פון דער קאַמער דער שד
שמוץ מיט בעזעם פאַרקערט,
צווישן שכנים אַוועק
פאַר אַ חוב זיינען פערד.

און דער קאַסטן — ער ליגט
פוסט און וויסט אונטער באַנק,
און געבויגן די שטוב,
ווי אַן אַלטיטשקע, שטייט.

וואָס-זשע שלאָפסטו, מוזשיק?
צי דו טרייבסט דאָ גאָר שפּאַס?
ווי צו לעבן האָסטו
שוין פאַרגעסן, ווייזט אויס.

צי פאַרגעסן די הענט
ווי צו פראַצן אין פעלד?
צי דער מאַרך האָט אין קאָפ
דיר שוין לאַנג אויסגעדאַרט?

דו דערמאָן זיך דיין צייט,
ווי געפלאָסן איז זי
איבער פעלד, איבער לאַן,
ווי אַ גאָלדענער טייך.

איבער שייער און הויף,
איבער ליכטיקן וועג,
איבער דערפער און שטעט,
צווישן סוחרישע לייט.

און די טיר אומעטום
מ'האָט געעפנט פאַר דיר,
און דיין אָרט איז געווען
אומעטום אויבנאָן.

אָבער איצט ביי דער טיר,
ווי אַ בעטלער דו זיצסט,
און מעת-לעת נאָך מעת-לעת
אויפן אויווען דו שלאָפסט.

נישט געשניטן, דאָס ברויט
שטייט פאַר'יתומט אין פעלד:
גריזשעט זערנעם דער ווינט,
און דער פויגל זיי פיקט.

וואָס-זשע שלאָפסטו, מוזשיק?
ס'איז דער זומער אַוועק,
און דער האַרבסט אויפן הויף
איבער פלויט קוקט אַריין.

קומט דער ווינטער נאָך אים
אין אַ וואַרעמען פעלץ,
וועג מיט שנייען פאַרווייט,
אונטער שליטנס ער קנאַקט.

אַלע שכנים אויף אים
פירן ברויט צום פאַרקויף,
זאַמלען הויפנס מיט געלט,
טרינקען מעד פון אַ קרוג.

1839

קאָרן, דו נישט רויש!

קאָרן, דו נישט רויש
מיט דײַן רײַפן זאַנג!
שניטער, זינג — נישט זינג
וועגן ברייטן סטעפּ!

איך האָב נישט צוואָוואָס
זאַמלען האָב־און־גוטס.
איך האָב נישט צוואָוואָס
רײַך ווערן אַצינד.

ס'האָט דער וואוילער יונג
אָפּגעהיט זײַן גוטס,
נישט פאַר שיינער זעל —
פאַר זײַן שיינער מויד.

זיס איז מיר געווען
קוקן טיף אַרײַן
אין די אויגן איר,
פול מיט ליבע־באַנג.

האָט פאַרלאָשן טויט
אויגן ליכטיקע —
און אין קבר־רו
שלאָפט די שיינע מויד.

שווערער פון אַ באַרג,
טונקלער פון דער נאַכט
אויפן האַרצן ליגט
פינצטערער געדאַנק.

1835

די יונגע שניטערין

הויך אין הימל, הויך
שטייט די העלע זון
און מיט חמימה באַקט
ערד — די מוטערל.

היים דעם מיידל איז,
אומעטיק אין פעלד,
האָט קיין חשק נישט
שניידן קאָרן־זאַנג.

ס'האָט צעפּאַליעט זי
פעלד דאָס גליאיקע,
ברענט און בראָט פון היץ
ס'ווייסע פּנים אירס.

אויף איר ברוסט דער קאָפּ
בייגט זיך שווער אַראָפּ,
און דער זאַנג־געשניט
פון די הענט איר פאַלט.

עפּעס שניידט זיך נישט
יונגער שניטערין,
קוקט און בליקט זיך אום
און פאַרגעסט זיך באַלד.

אַך, ווי ס'טוט איר ווי
ס'אָרעם הערצעלע:
ס'איז אַרײַן אַהין
ס'אומגעוועזענע.

נעכטן איז געגאַן
זי אין פרייען טאָג
איבער וואַלד אַליין
קלייבן פּאַזימקעס.

האָט באַגעגנט זי
גאָר אַ וואוילער יונג:
נישט צום ערשטן מאָל
טרעפט ער איר זיך אָן.

ער באַגעגנט זי
ווי נישט־ווילנדיק,
און ער שטייט און קוקט
אַזוי טרויעריק.

און ער זיפצט און זינגט
אַזאַ טומנע ליד —
איבער גאָר דעם וואַלד
רופט זיך אָפּ ס'געזאַנג.

טיף אין הערצעלע
פון דער שיינער מויד
האָט דאָס שיינע ליד
אָפּגערופן זיך.

היים און שווער איז איר,
אומעטיק אין פעלד,
האָט קיין חשק נישט
שניידן קאָרן־זאַנג.

1840

דאָס ליד פון רינגעלע

עך, דו רינגעלע פון גאָלד,
ביזט מיר טייער, כ'האָב דיך האָלד!
ווי אַ העלע ליבע-שיין,
אין די אויגן קוק-אַריין.

ווערט זי פריילעך — ענדער זיך,
ווי אַ דימענט, גים דיין ליכט!
קומט אַ טאָג, ווי טרויער, טריב
און זי האָט מיך מער נישט ליב

אויב ס'ווערט אומעטיק איר האַרץ
ווער דו טונקלער, ווער דו שוואַרץ.
דעמאָלט, רינגעלע פון גאָלד,
שוואַרצער ווער אויף אַלעמאָל!

1836

דאָס ליד פון זקן

איך וועל זאָטלען מיין פערד,
דעם שנעל-לויפיקן,
און אַ יאָג-טאָן, אַ פלי,
ווי דער סאָקאָל, גרינג.

איך וועל ווערן צוריק
מיר אַ וואוילער יונג,
צו די מוידן אויפסניי
כ'וועל זיך צושאַרן.

איבער פעלד, איבער ים,
אין דער ווייטער ווייט,
כ'וועל אַ קער-טאָן צוריק
מיינע יוגנט-טעג.

נאָר קיין וועג איז נישטאָ
צום פאַרגאַנגענעם!
ס'וועט נישט אויפגיין די זון
פון דער מעריב-זייט!

1831

מחשבות פון אַ פּויער

זעץ איך זיך ביים טיש
דימען, נאַכטראַכטן:
ווי-זשע לעבט מען דאָ
אויף דער וועלט אַליין?

מיטן דלות האָט
טאַטע מיר געשענקט
איין מתנה בלויז —
כוח מעכטיקן.

ס'האָט דער וואוילער יונג
נישט קיין יונגע ווייב,
ס'האָט דער וואוילער יונג
נישט קיין טרייען פריינט.

און אויך דעם געשאַנק
האָט די בייזע נויט
צווישן פרעמדע לייט
אויסגעשעפּט ביז שפּענט.

נישט קיין האָב-און-גוטס,
ווינקל וואַרעמען,
נישט קיין בּאָראָנע,
נישט קיין אַקער-פערד.

זעץ איך זיך ביים טיש
דימען, נאַכטראַכטן:
ווי-זשע לעבט מען דאָ
אויף דער וועלט אַליין?

1837

דאָס ליד פון אַקערער

נו־זשע, שלעף זיך, פערדל,
איבער אַקער־פעלדער.
לאָמיר אונדזער אייזן
אויסווייסן אין רוי־ערד.

ס'האָט קאַיאָר דער שיינער
אויפגעשיינט אין הימל,
פונ'ם וואַלד דעם גרויסן
קומט אַרויס די זון ערשט.

פריילעך איז אין פעלד איצט.
נו־זשע, שלעף זיך, פערדל!
איך אַליין מיט דיר דאָ
בין דיין ווירט און דינער.

כ'מאַך צורעכט דאָ פריילעך,
סאָכע און באָראָנע,
און דעם וואָגן גרייט איך
און וואַרף־אָן די זערנעס.

כ'קוק מיט פרייד און נחת
אויפן היי אין שייער,
כ'ווייע און מאָלויצע —
נו־זשע, שלעף זיך, פערדל!

אַקערן די רוי־ערד
וועלן מיר היינט פריער,
צוגרייטן פאַר זערנעס
דאָ אַ הייליק וויגל.

פּאָיען זיי און קאָרמען
וועט די מוטער־רויערד.
שפּראָצן וועט דאָס גרעזל...
נו־זשע, שלעף, זיך, פערדל!

אונדזער סערפּ וועט שיינען,
קלינגען וועלן קאָסעס.
זים וועט זיין דער אָפּרו
אויף די שווערע סנאָפּעס.

נו־זשע, שלעף זיך, פערדל!
כ'וועל צו־זעט דיך קאָרמען,
פּאָיען דיך מיט וואַסער
פונ'ם קוואַל דעם ריינסטן.

מיט אַ שטילער תפילה
אַקערן און זייען.
זאָל נאָר, גאָט, געראָטן
ס'ברויט מיר — מיין עשירות!

1831

די ביטערע דאָליע

ווי אין האַרבסט די פייגל,
יוגנט איז פאַרפלויגן,
כוואַליעס — אין געוויטער —
פרייד האָט אָפּגעראַשט זיך

און די צייט די שענצטע
איז אַוועק, פאַרשוואונדן.
און די יונגע כוחות
זיינען אָפּגעפאָרן.

פון מחשבות, זאָרגען
ס'בלוט אין האַרצן גליווערפ
וואָס געליבט כ'האָב הייליג
האָט מיך אויך פאַרראָטן.

ווי אַ שטויבל, טרייסלט
ווינט דעם יונג דעם בראַוו

ווינטער פרירט זיין פנים,
און די זון — זי בראָט אַ

פאַר דער צייט, פיל פריער
האָב איך זיך פאַרעלטערט
און מיין בלויער קאַפטן
איז אַראָפּ פון אַקסל.

און אָן גליק, אָן ליבע
איבער וועלט איך וואַנדער
מייד איך אויס אָן אומגל
טרעפט מיך אָן אַ צרה.

אויפן שיפּוי באַרג
האָט געבליט אַ דעמב —
אונטער באַרג אַצינד
ליגט דער דעמב — און פוילט.

1839

דער וואַלד

(פּושקינס אָנדענק געווידמעט)

ווידער זאַמלען זיך אין שטילקייט
בייזע וואָלקנס — שוואַרץ, ווי בליי,
און דער קנאַז־רייקער גורל
דראָ׳ט מיט אומגליק מיר אויפסניי.

א. ס. פּושקין

וואָס האָסט, דרימל־וואַלד,
זיך פאַרטראַכט אַזוי?
און מיט ערגערניש
שוואַרץ פאַרוואָלקנט זיך?

האָסט דען נישט געהאַט
חיות׳דיקע טעג:
פריינט און פיינט ביי דיר
האָבן אָפּגערוט?

וואָס האָסט, גיבור־העלד,
אַ פאַר׳כישוף׳טער,
אָפּגעדעקט דעם קאָפּ
אין דער בייזער שלאַכט?

האָסטו דען נישט בייז
אין אַן אוונט־שפּעט
מיטן שטורעמווינט
אַ גערייד געפירט?

אַ געבויגענער,
שטייסט און פעכסט נישט מער
מיט פאַרבייאיקן
כמאַרע־שטורעמווינט?

ער פלעג אויפּפּראַלען
שוואַרצע וואָלקנס פיל
און אומאַרעמען
דיך מיט ווינט און קעלט.

דיין צעבלעטערטן,
דיין צעגרינטן העלם
האָט דער ווינט געכאַפּט
און צעשויבערט אים.

און דו רעדסט צום ווינט
מיט אַ רוישיק קול:
— „קער זיך אום צוריק!״ —
— „האַלט זיך ביי דער זייט!״

ס׳קלייד ביי דיינע פיס
האָט צעשאָטן זיך...
אַ געבויגענער,
שטייסט און פעכסט נישט מער.

און ער דרייט און דרייט
און צעשפּילט זיך שוין...
ציטערט־אויף דיין ברוסט —
און דו וואַקלסט זיך...

וואו זיינען אַוועק
דיינע הויכע רייד,
און דיין שטאָלצע קראַפט,
און דיין העלדישקייט?

און דו ציטערסט־אויף
און צעשטורעמסט זיך —
בלויז אַ פייף אַרום,
און אַ שטים־גערויש,

האָט דען נישט ביי דיר
אין אַ שטילער נאַכט
ב׳ליד געגאָסן זיך
פון דעם נאַכטיגאַל?

עס צעוויינט זיך ווינט,
ווי אַ שד אין וואַלד,
און די וואָלקנס יאָגט
איבער ים אַוועק.

וואו-זשע איז אצינד
אל דיין גרינע מאכט?
ביזט געווארן שווארץ,
א פארוואלקנטער.

ביזט פארווירט און שוויגסט.
בלויז אין אומוועטער
וואיעסטו א קלאג
אויף דער וויסטער צייט.

אט אזוי-א, וואלד,
שווארצער גיבור-העלד,
ס'גאנצע לעבן דיינס
האסט פארבראכט אין שלאכט.

ס'האבן נישט באזיגט
דיך די מעכטיקע,
נאר געקוילעט דיך
האט דער שווארצער הארבסט.

ס'האבן בעת'ן שלאף
כוחות פיינטלעכע
ווילד באפאלן דיך —
נישט-באוואפנטן.

פון די אקסלען דיר
אפגעהאקט דעם קאפ —
און נישט ווי א בארג,
ווי א שטרויעלע.

1837

ליערמאנטאוו

מיכאאיל יוריעוויטש

(1841 — 1814)

שפיצן-בערג

שפיצן-בערג פארזונקען
אין דעם שלאף פון נאכט.
פול מיט פרישן טונקל
ליגט דער טאל און וואכט.

ס'שטויבן נישט די וועגן,
בלעטער פול מיט רו.
ווארט נאר צו א רגע,
רוען אויך וועסטו.

1840

כ'גיי ארויס אליין איבער די וועגן

כ'גיי ארויס אליין איבער די וועגן.
ס'גלאנצט דער שליאך אין נעפלדיקער שפעט.
נאכט איז שטיל. צו גאט הארכט וויסטע געגנט,
און א שטערן מיט א שטערן רעדט.

אין די הימלען יום-טוב'דיקער ציטער,
ס'שלאפט די ערד אין בלויען שטערנגאנג.
וואס-זשע איז מיר שווער אזוי און ביטער?
כ'ווארט אויף וואס? צי טוט מיר עפעס באנג?

פון דעם לעבן מער שוין גארנישט זוך איך,
ס'טוט נישט באנג מיר אויך פאר דעם אמאל.
כ'זוך אצינד בלויז פרייהייט און מנוחה,
כ'וואלט אין שלאף פארגעסן זיך געוואלט.

אבער נישט מיט קאלטן שלאף פון קבר...
ס'וואלט זיך מיר דא איינשלאפן געגלוסט,
אז ס'זאל דרימלען אין מיין יעדן אבר
לעבנס-קראפט — און אטעמען די ברוסט.

אין מיין אויער זינגען זאל די ליבע
טאג און נאכט מיט מתיקות'דיקן לויש,
און א דעמב זאל בייגן זיך אריבער
איבער מיר אין בלעטערדיקן רויש.

1841

דער נביא

פון זינט ס'האט מיך באשאנקען גאט
מיט דער אלוויסיקייט פון נביא,
בלויז זינד אנטקעגן זיין געבאט
איך לייען אין מענטשלעכער מחשבה.

גענומען שפרייטן כ'האב מיט גיר
דאס ווארט פון אמת, ליבשאפט ריינער,
און ס'האבן נאענטע אין מיר,
ווי ווילדע פיינט, געווארפן שטיינער.

מיט אש באשאטן כ'האב דעם קאפ,
פון מערק פון שטעטישע אנטלאפן —
און אט, ווי פייגל — מיט גאט'ס גאב
איך לעב אין מדבר'שע אין-סופן.

און היטנדיק דא גאט'ס געבאט,
געהארכזאם איז מיר יעדע חיה,
עס שענקען שטערן מיר גענאד
און לויכטן פריידיק מיר, געטרייע.

ווען כ'שלייך זיך דורך א שטאט פארווירט
מיט טריט מיט אייליקע געשווינדער,
די זקנים טייטלען בייז אויף מיר
מיט זעלבסטצופרידנקייט צו קינדער:

— „אט זעט דעם נאר, ווי ער איז שטאלץ,
נישט אנדערש — ס'זיצט אין אים א קליפה:
ער האט אונדז איינריידן געוואלט,
אז ס'רעדט גאר גאט מיט זיינע ליפן.

— „טאָ קוקט־זשע, קינדער, קוקט זיך איין,
ווי בלייך ער איז, ווי נאַקעט, אָרעם,
ווי דאַר, פאַראומערט און פאַרצאַרנט,
און ווי ס׳פאַראַכט אים פריינט און פיינט״. —
1841

דער פעלדז

ס׳האָט זיך גאָלדן כמאַרעלע פאַרהאַלטן
איבער נאַכט אויף ברוסט פון פעלדזן־גיבור.
אינדערפרי אין וועג געלאָזט זיך איבער
הימל־בלוי — אַ פריידיקע, צעשטראַלטע.

נאָר אַ שפור אַ פייכטער איז פאַרבליבן
אין אַ קנייטש פון אַלטן פעלדז. אין טרויער
שטייט און בענקט דער פעלדזן־ריז דער גרויער
און ער קלאָגט זיך אין דעם מדבר טריבן.
1841

די סאָסנע

אויף צפון אויף ווילדן. אויף איינזאַמע פעלדזן
אַ סאָסנע אַן עלנטע שטייט,
און וויגט זיך אין דרימל, מיט שנייען באַשאָטן,
אין קיטל אין ווייסן געקליידט.

און ס׳חלומט זיך איר, אַז אין מדבר אין ווייטן,
אין לאַנד, וואו די זון גייט־אויף העל,
וואַקסט איינזאַם אַ שלאַנקע, אַ פרעכטיקע פּאַלמע
אויף עלנטן, גליאיקן פעלד.
1841

דער זעגל

עס ווייסלט זיך אַ זעגל איינזאַם
אין בלויען ים׳ישן טומאַן.
וואָס האָט ער אין דער היים געלאָזן?
וואָס זוכט ער אין דעם ווייטן לאַנד?

עס פייפט דער ווינט, די כוואַליעס ברויזן,
דער מאַסטבוים סקריפּעט אין געשטרעק.
אָ, ניין, ער זוכט, ער זוכט קיין גליק נישט
און נישט ער לויפט פון גליק אַוועק.

ס׳איז אונטער אים דער שטראָם צעליכטיקט
און איבער אים דער זון־שטראַל בלענדט —
און ער, דער אומרו, גאַרט נאָך שטורעם,
ווי ס׳וואָלט אין שטורעם רו געווען.
1832

דער מלאך

געשוועבט האט אין רוימען א מלאך ביינאכט,
געזונגען דעם הימל א שבח.
און ס'האט די לבנה און שטערן-סינקליט
פארנומען דאס הייליקע ליד.

געזונגען פון תענוג ביי גייסטער אן זינד
אין סאד פון גן-עדישן גרין.
געזונגען פון גאט — און זיין לויב און זיין רום
געווען זייגען ליכטיק און פרום.

א יונגע נשמה געטראגן האט ער
דער טרויעריק-טרעריקער ערד.
פארבליבן אין איר איז דער קלאנג פון זיין ליד
אן ווערטער, אין לעבן צעבליט.

און לאנג האט די זעל זיך געקוועלט אויף דער ערד,
דערפילט פון א כישוף-באגער.
און ס'האט נישט געקאנט איר דעם הימלישן קלאנג
פארבייטן קיין ערדיש געזאנג.

1831

* *
*

ניין, כ'בין נישט בייראן. נאר עס קוועלט
אין מיר אן אויסדערוויילטער אנדערער,
ווי ער — א וועלט-פארפאלגטער וואנדערער,
נאר מיט א רוסיש-טיפער זעל.

מיין אנהייב — פרי, און פרי — מיין סוף איז,
פיל אויפטאן איז מיר נישט באשערט.
און ווי אין ים, די לאסט פון האפן
אין מיין נשמה ליגט צעשטערט.

א. ים, ווער קאן דען די געזאנקען —
אנטפלעקן אונדז פון דיין געמיט?
צי מיינע אויפדעקן געדאנקען?
בלויז איך, צי גאט, צי קיינער ניט!

1832

די נבואה

עס קומט אַ פינצטער יאָר אויף רוסלאַנד אָן,
ווען ס'וועט דער צאַר פאַרלירן קרוין און טראָן,
און האַס וועט אים פאַרגעסן דער המון,
און בלוט און טויט וועט זיין פון פיל דער לוין.
ווען דאָס, געזעץ, געשטירצט אין יום־הדין,
ניט שטיצן וועט קיין פרוי מער און קיין קינד.

ווען מיט געשטאַנק פון טויטע קערפּערס וועט
אַ לאַז טאָן זיך די פּעסט אויף דערפער, שטעט,
מיט טוך פון הויז רופן, ווי מיט דער האַנט,
און פייניקן דער הונגער וועט דאָס לאַנד.
און בראַנד וועט פאַרבן טייכן, ווי אַ פלאַג.
אַ שטאַרקער מאַן וועט אויפשטיין יענעם טאָג.

און דו וועסט אים באַנעמען מיט פאַרשטאַנד,
פאַרוואָס ער טראָגט אַ מעסער אין דער האַנט.
און ווי וועט זיין צו דיר! דיין קלאָג און האַס
וועט זיין ביי אים אַ שפּאַט בלויז און אַ שפּאַס.
און אַלץ אין אים וועט שוידער זיין און קלאָג:
זיין הויכער שטערן און זיין לאַנגער ראָק.

1830

ס'איז אומעטיק, לאַנגווייליק...

ס'איז אומעטיק מיר. אין דער רגע פון זעלישן ריס
ניטאָ איז אַ האַנט וועם צו געבן.
פאַרלאַנגען? וואָס גילט דען דאָס אייביקע גאַרן אומזיסט?
און יאָרן פאַרגייען — די בעסטע אין לעבן.

און ליבן? נאָר וועמען? עס לוינט ניט צו ליבן אַ שעה —
און אייביקע ליבע — אוממעגלעך.
אין זיך קוקסט אַריין? ס'איז קיין שפּור פון דעם עבר נישטאָ,
יסורים און פרייד — אַזוי נישטיק און קלעגלעך.

און ליידנשאַפט וואָס? פריער־שפּעטער איר זיסלעכע פּיין
ביים וואָרט פון געדאַנק ווערט צעפּיצלט.
וואָס טיפער דו דרינגסט מיט דיין ניכטערער קלאָרקייט אַריין,
איז ס'לעבן אַ פּוסטער און נאַרישער שפּיצל.

1840

אַ חלום

אין היץ פון טאָג אין טאָל אין דאגעסטאנער 1)
מיט בליי אין ברוסט געלעגן כ'בין באַרזט.
ס'האָט נאָך געדרויכערט זיך די טיפע ראַנע, 2)
און טראָפּנווייז געריזלט האָט מיין בלוט.

אויף זאַמד פון טאָל אליין בין איך געלעגן,
און שפּיצן-בערג געוואַקסט האָבן אַרום,
און ס'האָט די זון געברענט די געלע ברעגן,
געבראָטן מיך — נאָר כ'בין געשלאָפן שטום.

און כ'האָב אין טרוים געזען: אויף ווייטע פלוינען
אַן אָוונט-פעסט מיט ליכטער שעמערירט.
און יונגפרויען, באַצירט מיט בלומען-קרוינען,
צעווישן זיך דאָרט רעדן וועגן מיר.

פון זיי בלויז איינע איז פאַרטראַכט געזעסן
און נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט,
ווי ס'וואָלט איר יונגע זעל זיך טיף פאַרגעסן
אין חלום, ווי אין טרויעריקער וואָר.

ס'האָט איר געחלומט זיך: טאָל דאגעסטאנער,
אַ טויטער גוף געלעגן איז באַרזט,
אין ברוסט האָט זיך געדרויכערט נאָך די ראַנע,
און ס'האָט געטריפט מיט קאַלטן שטראָם דאָס בלוט.

1841

דיין פּאָרטרעט

איך טראָג אויף ברוסט נאָך דיין פאָרטרעט,
כאָטש לאַנג מיר האָבן זיך געשיידט.
ווי בלאַסער שאָטן פון אַמאָל,
אַלץ מיין נשמה ער דערפרייט.

כאָטש איך האָב אַנדערע געליבט,
איז ער פון ליבע דער יסוד:
פאַרלאָזטער טעמפּל — היכל בלייבט,
צעשטערטער געץ — איז אַלץ אַ גאָט.

1837

---

1) דאגעסטאנער טאָל — אַ געגנט אין קאַווקאַז.
2) ראַנע — וואונד.

די צווייג פון פּאַלעסטינע

דערצייל מיר, צווייג פון פּאַלעסטינע,
געבליט האָסטו אויף וועלכער ערד?
אין וועלכע טאָלן פלעגסטו גרינען?
באַצירט האָסטו אַוועלכע בערג?
צי ביי דעם קילן שטראָם פון ירדן
האָט דיך געלאַשטשעט מזרח-זון?
צי האָט לבנון-ווינט דער האַרטער
געהוידעט דיך אין בייזן שוואונג?

צי פלעגן דאַוונען מיט פייער
און זינגען אַלטע לידער מילד,
ווען ס׳פלעגן זין ירושלים׳ס
די בלעטער דיינע פלעכטן שטיל?

און לעבט ביז איצט נאָך יענע פּאַלמע,
וואָס לאָקן פלעגט אין זומער-היץ
דעם וואַנדערער אין מדבר-זאַמדן
מיט איר פיל-בלעטערדיקן שפּיץ?

צי אין צעשיידונג, אָן אַ תקומה,
ווי דו, איז זי שוין אויך פאַרוועלקט?
און גיריק לייגט זיך שטויב פון אומעט
אויף אירע בלעטער — האַרבסטיק-געל?

דערצייל, ווער האָט מיט פרומען דויער
פאַרטראָגן דיך אין לאַנד אַהער?
האָט ער דאָ איבער דיר געטרויערט?
צי היטסט אַ שפּור פון זיינס אַ טרער?

צי גאָר אַ קריגער פון גאָטס חיל,
מיט פּנים ניט-פאַרוואָלקנט, קלאָר,
האָט ער, ווי דו, לשם שמים,
זיין לעבן אָפּגעלעבט מיט פאַרכט?

געהיט פון זאָרגזאַמקייט געהיימער,
דו שטייסט פאַר גאָלדן ביל׳ד און שווייגסט,
פון היילקטום אַ טרייער שומר,
ירושלים׳ס גרינע צווייג.

אַ פלעמל ברענט אין ווינקל חדר,
אַ קרייץ, אַ שרענקל, פיין באַצירט —
און אַלץ איז פול מיט פריד און פריידן
דאָ אַרום דיר און איבער דיר.

1837

דער געפאנגענער

עפנט־אויף פאר מיר די תפיסה,
ליכט פון טאג מיר גיט אהער
און א שווארצע מויד, א זיסע
און א שווארץ־געקרויזטן פערד.
כ'וועל מיט יונגער מויד אן בושה
פריער הארציק זיך צעקושן
און דערנאך — אויף פערד אן שרעק,
ווי דער ווינט, אין סטעפ אוועק.

נאר דאס תפיסה־פענצטער הויך איז,
שווערע טיר איז אויף א שלאס.
און די מויד איז נישט צו גרייכן
אין איר אויסגעצירטן שלאס.
און דאס פערד, אליין, אן שומר
יאגט זיך אום אין פעלד אן צוימל,
שפרינגט און פרייט זיך אן א ברעג,
אויפן ווינט פארשארצט דעם עק.

כ'בין אליין — נישטא קיין פריידן.
און ארום מיר — הוילע ווענט.
און אין גסיסת'דיקען שווידער
ליכט פון לעמפל טונקל ברענט.
און איך הער בלויז — פול מיט אימה
הינטער טירן שפאנט דער שומר
און אן ווערטער שטום ער וואכט
אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

1837

ווען ס'כוואליעט זיך דאס פעלד

ווען ס'וואכליעט זיך דאס פעלד אין געלער שיין צעבויטעט,
און ס'רוישט דער פרישער וואלד, פון לייכטן ווינטל מאט,
און טיף באהאלט זיך אוים אין סאד די פלוים, די רויטע
אין זיסן שאטן פון דעם גרינעם בלאט.

ווען העל־באשפריצט פון טויאיק־קילע קושן
אין אוונט רויטלעכן, צי פרי אין גאלד־געהיל
דער לאנדיש זילבערנער פון הינטער גרינע בושעס
מיט נויג פון קאפ באגריסט מיך צארט און שטיל,

ווען קילער קוואל אין ראוו צעשפילט זיך פלייסיק
און מיין געדאנק פארוויגט אין חלום מיד.

דערציילט מיר שטיל א סודות'דיקע מעשה
פון פרידן־לאַנד, פון וואַן זיין לויף ער ציט, —

דאַן שטילט זיך איין אין זעל מיינער די אימה,
דאַן גלייכט זיך אויס אויף שטערן קאַרב נאָך קאַרב,
דאַן וויים איך: גליק איז אויף דער ערד מיין אַרב,
און גאָט דערזע איך אין די רוימען.

1837

א תפילה

אין לעבנס רגעס שווערלעכע,
ווען טרויער ס'האַרץ מיינס נאָגט
אַ תפילה גאָר אַ הערלעכע
אויף אויסוויינים איך זאָג.

פאַראַן אַ קראַפט אַ היילנדע
אין זיסן ווערטער־קלאַנג,
און ס'הויכט פון זיי מיט הייליקייט
אַ חיות'דיק געזאַנג.

פון האַרצן פאַלט אַ שטיין אַראָפּ,
אין תהום דער צווייפל זינקט —
און ס'גלויבט זיך מיר און ס'וויינט זיך מיר
און ס'ווערט מיר אַזוי גרינג.

1839

טאָלסטאָי

אַלעקסעי קאָנסטאַנטינאָוויטש

(1875 — 1817)

לאַנד, דו לאַנד...

לאַנד, דו לאַנד, מיין ליבע היים,
פרייע פערד-געלויפן,
שטומער אָדלער-רוף אין רוים,
וועלף-געוואָי אַן אויפהער.

אוי, דו היימלאַנד, ברייטער שליאַך,
דרימל-וועלדער שטאַרע.
טרעל פון נאַכטיגאַל ביינאַכט,
ווינט און סטעפּ און כמאַרע.
1865

די בעריאָזע

ס'האָט אַ שאַרפע האַק פאַרוואונדעט די בעריאָזע,
פון דער קאָרע טריפן טרערן אויף די גראָזן.

וויין נישט, דו — בעריאָזע, גיי נישט אויס פון קומער,
ס'הײַעט די לייכטע וואונד פאַרהיילן זיך ביז זומער.

אויכגעצירט אין בלעטער, וועסטו שיינען בונטער.
בלויז דאָס קראַנקע האַרץ פאַרהיילט ניט זיינע וואונדן.
1867

וואַסילי שיבאַנאָוו (באַלאַדע)

פירשט קורבסקי פון צאַרישן צאָרן אַנטרינט,
מיט אים איז זיין דינער שיבאַנאָוו.
אַ יחסן דער פירשט איז. זיין פערד פאַלט געשווינד.
וואָס טוט מען אין נאַכט פון טומאַנען?
נאָר טריישאַפט פון קנעכט איז דעם דינער באַשערט —
ער גיט-אָפּ דעם קריגספירער ס'אייגענע פערד:
—„צום פיינט פלי, ביז ס'הייבט-אָן צו טאָגן —
און איך וועל צופוס דיך דעריאָגן.”—

דערפלויגן דער פירשט. אונטער ליטווישן צעלט
זיצט קריגספירער — צאַרישער מורד.
אַרום די ליטווינער באַטראַכטן דעם העלד
און קוקן אויף קורבסקי'ן אָן מוראַ.
אַן היטלען זיי שטייען אין שטוין ביי־דער טיר —
און יעדער באַערט דאָ דעם רוסישן פירשט.
זיי טומלען אין פריידיקע כאָרן:
—„ס'איז קורבסקי אַ פריינט אונדז געוואָרן!” —

דער כבוד דער נייער דערפרייט נישט זיין הארץ,
וואס פול ביז די ברעגן מיט גאל איז.
עס גרייט זיך דא קורבסקי מיט גרויזאמען צאר
צעצאלן פאר קריוודעס פאר אלע:
—„אלץ, וואס אין מיין הארצן איך טראג דא שוין לאנג,
כ׳וועל גארנישט באהאלטן, און דריידלעך, און צוואנג
כ׳וועל אויסלייגן אים די געדאנקען —
פאר אלע, פאר לאסקעס א דאנק אים!” —

און ס׳שרייבט דער באיארין 1). די נאכט לויפט פארביי.
עס אטעמט זיין פען מיט נקמה.
ער לייענט און שמייכלט און לייענט אויפסניי,
און אפשטעל די שורה׳לעך שטראמען.
ער שטעכלט דעם צאר מיט זיין בייסיקן ווארט.
און ווען ס׳האט צעצונדן זיך העל דער קאיאר,
דער צושריפט איז פארטיק געווארן,
געזעטיקט מיט סם און מיט צארן.

נאר ווער וועט דאס ווארט, פול מיט העזה, פון האר
צו ברענגען יאהאנען 2) זיך נעמען?
און וועמען נישט ליב איז דער קאפ אויפן קארק?
און וועמען וועט ס׳הארץ דען נישט קלעמען?
און ס׳פרעגט שוין אומוויליק א צווייפל דעם פירשט.
נאר פלוצים באווייזט זיך שיבאנאוו ביים טיר:
—״צי קאן איך דעם פירשט מיינעם דינען?
געלונגען איז מיר צו אנטרינען”.

און פריידיק דער פירשט שיקט ארוים זיין געזעל,
מיט אומגעדולד איילט אים צום שונא:
—״דיין גוף איז געזונט און ניט שוואך איז דיין זעל
און דא האסטו געלט אלס באלוינונג.” —
און ס׳ענטפערט שיבאנאוו: — „מיין גנעדיקער האר.
דיין זילבער וועט נויטיק זיין דיר אין געפאר.
און איך וועל אין פיין און אין צוואנגען
יאהאנען דיין צושריפט דערלאנגען.”—

1) באיארין — רוסישער נאבלמאן.
2) יאהאן — צאר איוואן דער גרויזאמער.

⁂

עס הילכט איבער מאסקווע דער קופער-געקלאנג —
דאס קלינגלט דער צאר — דער מחבל:
צי טוט אים די רו די פארלוירענע באנג,
צי איז ער ס׳געווּיסן מקבר?
נאר אפט און פאמעלעך ער קלינגלט אין גלאק —
און ס׳הערט-צו דאס פאלק אין דעם מאסקווער פארטאג
און דאוונט אין שרעק אויף די קניען:
ס׳זאל אפגיין דער טאג אן א תליה.

עס ענטפערן טורעמס דעם צאר — דעם מאנאך:
אויך וויאזעמסקי 3) קלינגט — דער נישט גוטער,
פון גאנצער אפריטשניע 7) די פינצטערע מאכט,
און וואסקא דער שמוץ 4) און מאליוטא. 5)
און שטאלץ מיט זיין שיינעם און שטאלטנעם געשטעל,
מיט מיידלישן שמייכל, מיט שלאנגישער זעל,
פארשטויסן פון גאט, — קלינגט באסמאנאוו, 6)
דער ליבלינג פון צאר, פון יאהאנען.

דער צאר האט געענדיקט. שפארט-אן זיך אויף שטאק
און שפאנט מיט די פינצטערע היטער.
און פלוצים א רייטער אין שנעלן געיאג,
א צושריפט ער טראגט איבער היטל.
ער שפרינגט מיטאמאל פון זיין פערדל אראפ
און נעגטערט צום צאר מיט דערהויבענעם קאפ
און זאגט אים אן שרעק און אן ווייען:
—״פון קורבסקי׳ן, פון פירשט, פון אנדרייען!״ —

די אויגן ביים צאר גליען-אויף מיטאמאל:
— „צו מיר? פון דעם גזלן געמיינעם?
טא לייענט-זשע, דיאקען, טא לייענט אויף א קול
דעם צושריפט ביז ווארט מיר, ביז איינעם!״ —
—״דערלאנג נאר דעם צושריפט, דו — חוצפה׳ניק-קנעכט!״—
דעם שטאק-שפיץ אין פוס אין שיבאנאוו׳ס ער שטעכט
ארײַן מיט הנאה מיט דולער,
און הארכט, אנגעשפארט אויף זיין קוליע.

3-4-5-6) וויאזעמסקי, מאליוטא, וואסקא שמוץ, באסמאנאוו — די נאענטסטע לייט פון צאר איוואן דעם גרויזאמען.

7) אפריטשניע — צאר איוואנ׳ס דינער.

—"דעם צאַר, וואָס זיין שם ווערט געריממט ביז אַצינד,
פאַרזונקען אין זומפּן אין פּוילע,
דערקלער, דו — מטורף, פאַר וועלכע האָסט זינד
דערשלאָגן די שטאַרקע און וואוילע?
האָסטו דען, דערקלער, ניט מיט זייערע הענט
אין שלאַכטן צעשמעטערט דעם פּיינט'ס שטאַרקע ווענט?
וואָס רימסט זיך מיט זייערע טאַטן
נאָכדעם, ווי דו האָסט זיי פאַרראַטן?

—"צי ביזטו פון אונדז מער אומשטערבלעך, אַ זאָג,
אין פינצטערער טומאָה פאַרטיפטער?
איז האָרך: עס קומט־אָן פון נקמה דער טאָג,
ווי ס'שטייט אין די הייליקע שריפטן.
און איך, וואָס מיין בלוט האָב אין שלאַכטן פאַר דיר,
ווי וואַסער, פאַרגאָסן מיט פרייד און מיט גיר, —
צום משפּט מיט דיר וועל דערשיינען."—
האָט קורבסקי אין צושריפט גע'טענה'ט.

עס שווייגט שטיל שיבאַנאָוו. און ס'ריזלט, ווי ווייַן,
דאָס בלוט פון זיין אָפענער ראַנע.
דער צאַר מיט זיין פאַרשנדן בליק קוקט אַריין
אין רואיקע אויגן שיבאַנאָוו'ס.
עס שטייען די היטער באַוועגלאָז אַרום.
און פינצטער דער בליק איז פון הערשער און שטום,
ווי פול וואָלט געווען ער מיט אומעט —
און אַלע אין וואַרטעניש שטומען.

און ס'ענטפערט דער צאַר: — „יאָ, דיין פירשט איז גערעכט:
ס'איז אומריין מיין פינצטער געוויסן.
פאַרגאָסן האָב איך פון די טייערסטע קנעכט
דאָס בלוט, ווי אַ כלב אַ מיאוסער.
דו ביזט נישט קיין שקלאַף, נאָר אַ העלדישער מאַן.
און פיל טרייע קנעכט איז ביי קורבסקי'ן פאַראַן,
אויב ר'האָט אַזוי גרינג דיך פאַרראַטן! —
איז גיי־זשע צום תליון אויף מאַרטער!"

עס מאַטערט שיבאַנאָוו'ן גרויזאַמער קאַט
און פייניקט דעם דינער פון מרד:
—"דעק־אויף פאַר אונדז קורבסקי'ס געמיינעם פאַרראַט,
רוף־אָן זיינע טרייע חברים!" —
דער צאַר וויל אַלץ וויסן: —"וואָס זאָגט ער, דער קנעכט?
האָט ער אָנגערופן די זין פון פאַרברעך?"—
—"ס'איז איין־און־דערזעלבער דער ענטפער:
ער לויבט אַלץ זיין הערשער — דעם קעמפער!" —

דער טאָג גייט אַוועק און עס קומט־אָן די נאַכט.
אין מאַרטער־הויז סקריפּעט דער טויער:
עס קומען די מייסטערס פון פּייניקונג־פאַך,
ביז טאָג דאָרט דער מאַרטער געדויערט.
—"נו, האָט איר א ווידוי פון אים זיך דערוואָרט?" —
— „זיין סוף איז שוין נאָענט, ער גוסס'ט שוין, צאַר,
נאָר איין־און־דער זעלבער זיין ענטפער:
ער לויבט אַלץ זיין הערשער — דעם קעמפער!" —

עס שעפּטשעט שיבאַנאָוו: — „אָ, קורבסקי, וואָס האָט
פאַר רגע פון טאַדל פון זיסן
פאַרראַטן זיין קנעכט, זאָל פאַרגעבן אים גאָט
פאַר היימלאַנד די בגידה די מיאוסע.
אין שעה פון מיין גסיסה, אָ גאָט, מיך דערהער:
עס צאַנקט שוין מיין בליק און מיין צונג איז שוין שווער.
נאָר ס'האַרץ מיינס איז פול נאָך מיט ליבע —
די זינד מיינע אַלע פאַרגיב מיר!

—"אין שעה פון מיין גסיסה, אָ גאָט, מיך דערהער:
מיין הערשער פאַרגיב די חטאים.
עס צאַנקט שוין מיין בליק און מיין צונג איז שוין שווער,
נאָר הער־צו מיין וואָרט אין הכנעה:
פאַר גרויזאַמען צאַר דאָ איך בעט ביי דיר זכות,
פאַר אונדזער, פאַר גרויסער, פאַר הייליקער רוס *)
און ליב איז פאַר אייך מיר דער קרבן".—
אַזוי איז שיבאַנאָוו געשטאָרבן.

1870

*) רוס — רוסלאַנד.

פּאָלאַנסקי

יאַקאָוו פּעטראָוויטש

(1898 — 1819)

די זון און די לבנה

שפּעט ביינאַכט האָט די לבנה
זיך צעשיינט אין קינדערוויג.
—זאָג, וואָס שיינט אַזוי צעלויכטן?
פרעגט דאָס קינד מיט שרעק אין בליק.

—ס'איז די זון פון טאָג פאַרמאַטערט,
האָט זיך גאָט געווענדט צו איר:
—„לייג זיך שלאָפן — און צוזאַמען
אַלץ וועט איינדרימלען מיט דיר."—

בעט די זון זיך ביי לבנה:
—„שוועסטער גאָלדענע דו מיין,
צינד ביינאַכט אָן דעם לאַמטערן,
גיי אַרום דער וועלט — און שיין.

—„ווער עס וויינט דאָרט, ווער עס דאַוונט,
ווער עס גיט דעם מענטש קיין רו —
אַלץ דערוויים זיך — און צומאָרגנס
קום און לאָז מיר וויסן דו." —

שלאָפט די זון — און די לבנה
איבער גאָר דער וועלט שפּאַצירט.
מאָרגן פרי וועט איינגסטע שוועסטער
אָנקלאָפּן ביי זון אין טיר.

קלאַפּ! קלאַפּ! קלאַפּ! — די טיר מיר עפנט:
—„זון, שטיי-אויף! עס איז שוין טאָג.
ס'האָבן הענער שוין געקרייעט,
און עס קלינגט שוין קירכנגלאָק!" —

אויפשטיין וועט די זון און פרעגן:
—„שוועסטער מיין, דערצייל גענוי,
ווי איז דיר ביינאַכט געגאַנגען?
און וואָס ביזטו בלייך אַזוי?"—

און דערציילן וועט לבנה
וועמ און ווי ס׳האט זי באגלייט.
אויב די נאכט געווען איז רואיק,
אויפגיין וועט די זון מיט פרייד.

טאמער ניט — אין נעפל אויפגיין
וועט די זון דורך שלאקס און ווינט.
ס׳וועט די אם ניט גיין אין גארטן
און ניט מיטנעמען דאס קינד.

1841

מיין שייטער

ס׳לויכט מיין שייטער דורכן נעפל,
פונקן צאנקן, ווי דאס גליק.
קיינער וועט אונדז דא ניט טרעפן
ביים צעשיידן אויפן בריק.

נאכט פארגייט שוין. סאקאל מיינער,
כ׳וועל איןברייטן סטעפ אוועק
מיט די וואגלער — די ציגיינער
אויפן וויימן וואנדער-וועג.

נעם מיין שאלכל ביים צעשיידן
און ארום מיין האלדז פארקניפ:
פונקט אזוי, א ליבסטער,ביידע
האבן מיר זיך היים געליבט.

זאג, ווער וויים מיין גורל בלינדן?
ווער וועט מארגן, סאקאל מיין,
אויף מיין ברוסט דיין קנופ צעבינדן,
וואס פארקניפט האסטו מיר היינט?

דו דערמאן אן מיר זיך ווידער,
ווען א צווייטע פון ניט-הי
וועט דיר זינגען שיינע לידער,
שפילנדיק אויף דיינע קני.

ס׳לויכט מיין שייטער דורכן נעפל,
פונקן צאנקען, ווי דאס גליק.
קיינער וועט אונדז דא ניט טרעפן
ביים צעשיידן אויפן בריק.

1850

פעט (שענשין)

אַפאַנאַסי אַפאַנאַסיעוויטש

(1892 — 1820)

ווי אַ וואַלקן-שלייער

ווי אַ וואָלקן-שלייער,
שטויב אין ווייט זיך הויבט:
רייטער, אָדער גייער —
זעט מען נישט אין שטויב.

כ'זע: עס פליט אַ רייטער
אויף אַ פערד — אַ ברען.
פריינט, דו — פריינט מיין ווייטער,
זעגן מיר געדענק!

1840

אָ, ניט וועק!

אָ, ניט וועק זי, ניט וועק אין באַגין,
ווען זי שלאָפט אַזוי זיס און געשמאַק!
ס'אָטעמט מאָרגן ביי איר אויף דער ברוסט,
פלאַקערט העל אין די גריבלעך פון באַק.

און דאָס קישן אירס הייס איז און פייכט,
און דער שלאָף אירער מיד איז און הייס.
און אויף שולטערן לויפן אראָפּ
שוואַרצע צעפּ, ווי די לענטעס, געקרויזט.

נעכטן אָוונט ביים פענצטער איז זי
לאַנג געזעסן, פאַרזונקען אין טרוים,
און געהיט, ווי לבנה פאַרשייט
האָט מיט וואָלקנס געשפּילט זיך אין רוים.

און וואָס העלער לבנה'יקער שפּיל,
און וואָס העכער דעם נאַכטיגאַלס טרעל,
בלאַסער, בלאַסער געוואָרן איז זי,
טיפער, טיפער די פיין פון איר זעל.

אָט דערפאַר פלאַמט דער מאָרגן אַזוי
אויף איר באַק און אויף מיידלישע בריסט.
איז ניט וועק זי, ניט וועק אין באַגין,
אין באַגינען זי שלאָפט אַזוי זיס.

1845

כ׳בין געקומען

כ׳בין געקומען דיר דערציילן,
אז די זון איז אויפגעשטאנען,
אז מיט הייסן ליכט אויף בלעטער
האָט זי אָנגעהויבן שפּאַנען.

אז דער וואלד האָט זיך צעוועקט שוין,
זיך צעוועקט מיט צווייג-צעבליטער,
אויפגעוואכט מיט יעדן פויגל
און איז פול מיט פרילינג-ציטער.

אַז אויפסניי, מיט לוסט מיט זעלבער,
פונקט ווי נעכטן, כ׳בין געקומען,
אַז מיין זעל איז דיר צו דינען
ווידער גרייט אין גליק אין שטומען.

אַז פון אַלע וועלטן-עקן
ווייט אויף מיר מיט פרייד שוין ווידער,
אַז איך וויים נישט, צי כ׳וועל זינגען,
גאָר עס רייפן שוין די לידער.

1845

דער געפאַנגענער

געדיכט אונטער פענצטער
די קראַפּיווע שאַרכט.
די ווערבע צעגרינטע
הערט-איין זיך מיט פאַרכט.

דער ווייטיק פון עבר
אין האַרצן שלאָפט-איין.
דער ים און די פרייהייט
אין ווייטן צעשיינט.

און פריילעכע שיפלעך
ביים בלוי-ווייטן ברעג.
און ס׳אייזן פון גראַטעס
ווײנט שטיל אונטער זעג.

און העלער די האָפנונג,
און שטילער דער וואָן.
ס׳הערט-צו זיך דער אויער —
און ס׳זעגט, זעגט די האַנט.

1880

אַלץ, וואָס דאָ אויף דער וועלט

אַלץ, וואָס דאָ אויף דער וועלט — איז דער שאָטן
פון די קלאַנגען, וואָס דרימלען פאַרוויגט.
אַלץ, וואָס דאָ אויף דער וועלט איז — פאַרטראַכטער
און קינדעריש-שטראַליקער בליק.

אַלץ, וואָס דאָ אויף דער וועלט איז — דיין קעפּל,
וואָס איז דופטיק און ליכטיק און גרינג.
אַלץ, וואָס דאָ אויף דער וועלט איז — דיין ריינער
דיין שרונט, וואָס פאַרקעמט איז אויף לינקס.

1885

ס׳אַ גליק אַזאַ

ס׳אַ גליק אַזאַ: אי נאַכט, אי מיר זײַנען אַלײן!
דער טײַך — אַ שפּיגל־פלאַך, װאָס גלאַנצט מיט שטערן.
און דאָרט — פאַררײַס דעם קאָפּ און קוק און שטױן:
ס׳אַ טיפער שטילשװײַגן אין רױם אין לערן.

אָ, זאָג: כ׳בין װאַנזיניק, אָ, זאָג: כ׳בין ליבע־קראַנק,
אין יענעם אױגנבליק װערט שװאַכער מײַן עקשנות,
אין האַרצן שפּיר איך דאַן אַזאַ מין ליבע־דראַנג,
אַז שװײַגן איז מיר שװער און כ׳װיל נישט און איך קאָן נישט.

כ׳בין קראַנק, איך בין פאַרליבט. נאָר ליבנדיק אין פּײַן,
אָ, הער מיך אױס! פאַרשטײ! מײַן לוסט כ׳װיל נישט פאַרהוילן.
איך װיל דערצײלן דיר, אַז כ׳ליב בלױז דיך אַלײן,
מײַן ליבע, מײַן באַגער בלױז דו אַלײן קאָנסט הײלן.

1870

דאָס בילד דאָס הײליקע

דאָס בילד דאָס הײליקע כ׳הײב אױף מיט רעכטער האַנט,
איך גײ — און ס׳שפּאַנט נאָך מיר די לעבעדיקע מחנה.
און אַלע ציען איבער װאַלדיק־גרינעם לאַן,
און גליקלעך בין איך, שטאָלץ — פון הײליקײט דער װאַכמאַן.

איך זינג — און ס׳שרעקט זיך נישט פאַר קײנעם מײַן געדאַנק.
זאָל חיה ענטפערן אױף מײַן געזאַנג מיט װאָיען:
די קדושה איבער מיר, אױף ליפּן — מײַן געזאַנג,
מיט מי, נאָר כ׳װעל דערגײן צום אױסגעבענקטן טױער.

1889

אָן װערטער

באַפליגלטע טענער,
װי פליגן באַגינען, זיך הוידן,
מיט ליכטיקן חלום
עס װילט זיך דעם האַרצן נישט שײדן.

װי װאַכיקע דערנער,
איז טרױעריק בלי פון מחשבה.
די שטרעבונג פון נעכטן
איז װײַט, װי דער אָפּשײַן פון אָװנט.

דער אָנדענק פון נעכטן
זיך גנב׳עט צום האַרץ אַ באַשװערטער.
אָ, װען די נשמה
אַ רעד־טאָן געקאָנט װאָלט אָן װערטער!

1844

שאָרכן

שאָרכן, ציטערדיקער אָטעם,
טרעל פון נאַכטיגאַל.
זילבער-זויבער, ציטער-פלאַטער,
דרימלענדיקער קוואַל.

אָוונט-ליכטער, שפּעטע שאָטנס —
שאָטנס, נאַכט און ליכט.
און דער כּישופדיקער שינוי
פון דיין ליב געזיכט.

רויך פון וואָלקנס, רויט פון רויזן,
אָפּשיין פון בורשטין,
קושן, טרערן — טרערן, קושן
און באַגין, באַגין...

1880

ס'האָט נאַכט געשיינט

ס'האָט נאַכט געשיינט. לבנה-ליכט אין סאָד. געלעגן
אין צימער ביי די פיס די שטראַלן זענען מיד.
פון אָפענעם קלאַוויר געציטערט האָבן סטרונעס,
ווי הערצער אונדזערע, אין בענקשאַפט פון דיין ליד.

געזונגען ביז פאַרטאָג האָסטו מיט הייסע טרערן:
דיין ליבע איינציק איז, קיין צווייטע נישט פאַראַן.
געוואָלט האָט זיך אַזוי, קיין קלאַנג נישט צו פאַרלירן,
דיך ליבן, האַלדזן דאָ און וויינען נאָכאַנאַנד.

פאַרביי, פאַרביי די יאָרן, אַנגסטיקע און מידע.
כ'הער ווידער שוין דיין קול אין נאַכטיק-שפּעטער רו —
און ס'ווייעט, ווי אַמאָל, אין זינגעוודיקע קלאַנגען:
אַז ליבע איינציקע אַ לעבן-לאַנג ביזטו.

ניטאָ פאַראיבל מער, קיין הייסע פּיין אין האַרצן,
קיין אַנדער לעבן נישט, קיין אַנדער ציל פאַראַן,
ווי גלויבן, גלויבן בלויז אין וויינענדיקע קלאַנגען,
דיך ליבן, האַלדזן דאָ און וויינען נאָכאַנאַנד.

1886

מאַיקאָװ

אַפּאָלאָן ניקאָלאַיעװיטש

(1897 — 1821)

פרילינג

ס׳איז פרילינג: מע עפנט די ראַמען צום דרױסן,
און ס׳רײסט זיך אין צימער דער רױש פון דער שטאָט,
דער גלעקער־געקלאַנג פון דעם נאָענטן קלױסטער,
ס׳געריד פון המון און דאָס קלאַפּן פון ראָד.

מיט לעבן און פרײהײט מײן זעל איז צעבױטעט,
עס שאַלט און עס קװעלט בלױע װײטקײט אַרום.
און ס׳בענקט זיך אין פעלד, אין דעם פעלד אין דעם ברײטן,
װאו פרילינג, שפּאַצירנדיק, זײט בלום נאָך בלום.

1847

דאָס שנײ־בלימל

דאָס בלױאינקע, רײנע
דאָס שנײ־בלימל בליט,
דאַנעבן דאָס לעצטע
דאָס שנײעלע גליט.

די טרערן, די לעצטע
פון װײט־װײטער לײד,
און ערשטע חלומות
פון גאַר נײער פרײד.

1850

אַ קוש

איך װאָלט דיר אַ קוש געגעבן,
האָב איך מורא: די לבנה
און די שטערן װעלן זען עס.
פאַלן װעט אַ קלײנער שטערן
און דעם בלױען ים דערצײלן.
ים דערצײלן װעט צו װעסלעס,
און די װעסלעס — יאַן, דעם פישער,
ס׳האָט דער יאַן אַ מײדל — מאַראַ,
און אַז מאַראַ װעט עס װיסן,
װעלן װיסן אַלע שכנים,
װי איך האָב אין נאַכט אין בלױער
דיך אַרײנגעלאָזט אין גאָרטן,
װי איך האָב געקושט, געהאַלדזט דיך,
װי דער עפּלבױם דער װײסער
האָט מיט בליאונג אונדז באַשאָטן.

1860

טאַראַנטעלאַ

נינאַ, נינאַ! טאַראַנטעלאַ!
ס׳קומט שוין טשיעקאַ אָן, דער גרייז.
אָט האָט פידל זיך צעזונגען,
עולם שטעלט זיך שוין אין קרייז.
זעט, ווי ס׳צימבעלט אַלטער טשיעקאַ,
ווי די פייגעלעך נאָך זוים...
יאָגן, דרייען זיך די פּאָרלעך
אין אַ ווילבערדיקן טרוים.

זעט, ווי ס׳יאָגט זיך שטאָלץ אַגלאַיאַ,
דרייט אין טאַנץ זיך, שטאָלטנע־דין,
האַלט אַרונטער אירע אויגן,
צימבלט פלינק אין טאַמבורין.
פלינק מיט איר איז יונג דזשינאַראַ.
הינטער זיי איז אונדזער ריי:
יאָגן פּאָרלעך, שווינגען פּאָרלעך.
נו, נינעטאַ — איינס, צוויי, דריי!

ס׳האָט צעשפּילט זיך טאַראַנטעלאַ.
יאָגט זיך, טראָגט זיך — רונג אין רונג —
אַלעמען אַרומגענומען
מיט איר דרייסטקייט, מיט איר שוואונג.
עי, מער רחבות! שנעלער, פידלען!
טראָגט זיך יוגנט, יאָגט זיך פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקר׳ע, אָן לייד!

— „עי, סיניאָר, אייך ווילט זיך אפשר
אויך אין אונדזער קרייז אַריין?
צי איר ווילט נישט אייער יחוס
צווישן פאָלק פאַרלירן היינט?
גייט זיך ווייטער! שנעלער, פידלען!
טראָגט זיך יוגנט, יאָגט זיך פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקר׳ע, אָן לייד!

— „נו, און איר, סעניאָראַ? כ׳זע דאָך,
ווי אַ טאַנץ־טאָן אייך זיך גלוסט,
נאָר די שנירלעך אָן רחמנות
דריקן אייך די קראַנקע ברוסט.

טאַראַנטעלאַ — נעאַפּאָליטאַנישער פאָלקס־טאַנץ.

גייט זיך ווייטער! שנעלער, פידלען!
טראָגט זיך יוגנט, יאָגט זיך פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקרע, אָן לייד!

— „איר, פילאָסאָף, גיט די הענט מיר,
גלוסט זיך אייך נישט דען אהער?
קאָן שוין דער, וואָס נאַשט פון חכמה,
קיינמאָל דען נישט לאַכן מער?
גייט זיך ווייטער! שנעלער, פידלען!
טראָגט זיך יוגנט, יאָגט זיך פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקרע, אָן לייד!

— „וואָס-זשע קוקסטו אַזוי גרויזאַם,
באַרוועסער דו — קאַפּוצין?
צי ס'האָט דיר דערמאָנט דעם עבר
אָט-דער פלינקער טאַמבורין?
קום אַריין, — און שנעלער, פידלען!
טראָגט זיך יוגנט, יאָגט זיך פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקרע, אָן לייד!

ווי אין וויכער, יאָגן פּאַרלעך,
קוים די אַלטע זיצן איין.
ס'טאַנצט שוין אונטער אַלטער טשיעקאַ,
ווי ער פידלט, ווי ער שיינט!
ס'איז קיין וואונדער! אונטער פידל
בליט, ווי בלומען, יוגנט-פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקרע, אָן לייד!

נישט געשראָקן! לאַכט און פרייט זיך!
לאָמיר אייביק קינדער זיין!
ס'דאַרפן מענטשן דאָך נישט וויסן
וואָס אַזוינס דער מענטש איז היינט.
נישט געטראַכט! און שנעלער, פידלען!
אונדזער — יוגנט, אונדזער — פרייד:
שמייכלען לויטערע, אָן זאָרגן,
טרוימען הפקרע, אָן לייד!

1880

מעי

לעוו אַלעקסאַנדראָוויטש

(1862 — 1822)

פון די אידישע מעלאָדיעס

— כ׳שלאָף, נאָר ס׳הארץ מיינס וואכזאמע נישט שלאָפט.
ביי דער טיר איך הער, ווי ליבסטער מיינער רופט:
— „עפן־אויף מיר, כלה טייערע, דו מיין.
ס׳האָט שוין אויסגעברענט פון לאַנג די אָוונט־שיין!

— „איבער פעלדער, איבער זיידענע
בלאַנקן טויען — וויים און קלאָר —
און מיט פערלדיקע טרערעלעך
אויסגענעצט מיר מיינע האָר.

— „ס׳נידערט נאכט פון הימלען בלייערנע,
עפן, עפן מיר, מיין טייערע" —

— כ׳האָב שוין אויסגעטאָן מיין דין־געוועבטע קלייד,
אָפגעוואַשן שוין די פיס מיינע פון קויט.
אויף געלעגער מיינעם ליג איך אין דעליר,
כ׳קאָן נישט אויפשטיין, כ׳קאָן נישט עפנען די טיר.

קלאַפט ער אין דער טיר דער צעדערנער,
קלאַפט מיין ליבסטער מיט דער האַנט,
ברויזט און ציטערט ברוסט מיין פעדערנע,
ווי א כוואַליע — נאַכאַנאַנד.

מיט באַגערן פול מיט לוסטיקע
שטיי איך אויף פון בעט פון פוסטיקן.

פון די אַקסלען פאַלט אַראָפ מיין נאכטיק העמד,
קאַלטן מאַרמאָר ברענט דער פוס מיינער און ברענט.
מירע טריפיקע פון צעפ פון שוואַרצע פליסט,
רינגען קלינגען אויף די הענט און אויף די פיס.

איז אַריין א יונג א ליכטיקער,
ווען געעפנט כ׳האָב די טיר,
און א זיסן שמועס א ציכטיקן
האָט ער שטיל מיט מיר פאַרפירט.

און מיט רייד מיט צערטלעך־לויטערע
האָט באַהעפט זיך זעל צעבויטעטע.

1860

דער מדבר

פראַגמענט פון דער פּאָעמע: „דער בלינד-געבוירענער"

עס גליט אין מדבר הייסער זאַמד.
אין צפון — פעלדזיקער בית-עלמין,
אין דרום — אויסשטראַלונג פון טייך
און שטומע הענגענדיקע פּאַלמען.

אין מעריב — דינער פּאַס פון ים,
אין מזרח — הינטער בלויע ווייטן
די הימלען גיסן זיך צענויף
מיט מדבר'ס ברעגלאָזן צעשייטער.

און וואו-ניט-וואו — אין גרין פון טאָל,
צעווישן פעלדז-שפּיצן צעהעלטע
אין בלעטער-שאָטן פון אַ בוים
זיך גרויען אידישע געצעלטן.

די הייזלעך אָרעמע פון שטעט
צום באַרג, ווי צוגעקלעפּטע, הענגען,
ווי נעסטן אָדלערשע אין שטויב.
די לופט ווערט שטיקיקער און ענגער.

די דאַרע ערד איז שאָטנלאָז.
אין שטילקייט סיפּקע זאַמדן יערן.
אין קראַנקער היץ ליגט די נאַטור
און דרימלט אין דעליר אין שווערן.

און יעדער בילד, און יעדער שפּיר,
און יעדער קלאַנג — איז אַ דעליר.
צומאָל אַ שטרויס-פויגל, אַ קעמל
טוט וואו פאַרביי אַ שעמעריר —
און באַלד פאַרשווינדט אין הייסן דרעמל.

צומאָל דערהערט זיך לויף פון וועל
פון באַרג-טייכל אין זילבער-זויבער,
צומאָל קלינגט-אָפּ אין בלויער ווייט
דער רעוו פון הונגעריקער לייבין,

צי רוף פון רויב-פויגל אין רוים —
און שטילקייט יערט אַלץ טויטער, גרויער.
און פון דער שלוח אָן אַ צוים
ווערט שוואַך דער בליק און טעמפּ דער אויער.

1850

פּאָפאָנאָוו

קאָנסטאַנטין מיכאַילאָוויטש

(1911 — 1862)

צאַרטע בריוו

ב'האָב היינט געפּאָרעט זיך בגנבה
אין דיינע בריוו, ווי רויזן, צאַרט —
און ס'האָט נקמה מיך באַפליגלט,
און ס'האָט פאַרשיכורט ליבע־צער.

איך האָב גערעדט צו הימל־הייכן:
פאַרמעקט מיט שלאַקס און שטורעמווינט
פון אַט־די בריוו די שטומע צייכנס,
וואָס האָבן מיר געליגנערט בלינד.

איך האָב גערעדט צו ליכט, וואָס ברענען:
צעפּרעסט זיי אין דעם פייער־זשאַר —
און זאָלן זיי נישט לאַיגען איצטער,
ווי ז'האָבן פריער מיך גענאַרט.

אַזוי־אַ היילִיקטימער אַלטע
פאַרניכטן דורשט דער רענעגאַט
אין שעה פון פּחד און פון תפילה,
אין צער און ציטער פאַר זיין טאָט.

1887

דעראינערונג

דעראינערונג, אָ, ווער אַנטשוויגן,
פאַרגאַנגענהייט, נישט רוף צוריק!
ווי שווער די ליידן צו דערמאָנען,
דערמאָנען שווערער איז דאָס גליק.

וואַרף, זעל, אַרויף אַ דעק פון שיכחה
אויף אַלץ. איך בין פון לעבן מיד.
ס'איז נמאס מיר מיין העלסטער חלום,
מיין שענסטע האָפענונג — מיין ליד.

פאַרלעש זיך, טאָג, און צאַנק, לאַמטערן,
מיין לעצטע שקיעה, ווער פאַרצערט.
נישט דאָ, נישט דאָ — די פרייד פון תענוג,
ס'איז דער גן־עדן נישט אויף דר'ערד.

1907

בונין

איוואַן אַלעקסעיעוויטש

(1870)

אין די אַלפּן-בערג

אויף העכסטער הויך, וואו שניי-בערג ווייסע גליען,
כ'האָב אויסגעקאָרבט מיט קלינגל אַ סאָנעט.
עס לויפן טעג. קאָן זיין, ביז איצט נאָך טליען
אויף באַרג-שפּיצן די שפּורן פון אסקעט.

אויף העכסטער הויך, וואו הימלען בלוי זיך ציען
וואו פריידיק שטראַלט דער ווינטער-פּיאַלעט,
האָט בלויז די זון געקוקט, ווי ס'האָט סטילעט
געקאָרבט מיין ליד אויף העל-צעבלויטער קריע.

ס'איז גוט צו טראַכטן מיר, אַז אַ פּאָעט
וועט מיך פאַרשטיין. זאָל קיינמאָל פאַר אים קניען
דער ערב-רב אין טאָליקן געבעט.

אויף העכסטער הויך, וואו הימלען בלוי זיך ציען,
כ'האָב אויסגעקאָרבט אין אָוונט אַ סאָנעט
פאַר דעם, וואָס וואַנדערט, וואו די שניי-בערג גליען.

1901

סטראַשע מיך ניט...

סטראַשע מיך גישט מיט קיין שטורעם,
כ'שרעק זיך נישט פאַר פרילינג-ווינט.
נאָכן שטורעם צינדט זיך העלער
אויף די הימלען בלויער גין.

נאָכן שטורעם ווערט אַלץ יינגער,
שיין און ליכטיק און פאַרשייט,
און די בלומען בליען פאַרביק,
יונג און פּרעכטיק און באַנייט.

כ'שרעק זיך נישט פאַר שטורעם-וועטער.
כ'שרעק זיך: ס'לעבן וועט פאַרגיין
אין טאָג-טעגלעכקייט פון דאגות,
גרוי און קליינלעך און געמיין.

ס'וועט פאַרוועלקן לעבנס כוח
אָן אַ שטרייט און אָן אַ שוואונג,
און דער גרויער, פייכטער נעפּל
וועט באַהאַלטן גאָר די זון.

די ערשטע ליבע

ס'איז פאַר דער שקיעה אַנגעלאָפן
אַ וואָלקנדל — און אויפן שפּיץ
אַ רעגנבויגן איז געפאַלן —
און אַלץ אַרום האָט זיך צעבליצט.

אַ רעגן זאַפּטיקער און פרישער
איז דורכגעלאָפן מיט אַ קנאַל —
און ס'האָט אַ הויך־געטאָן מיט קילקייט
דער שווייגנדיקער גרינער וואַלד.

אַ טאָג! שוין נישט צום ערשטן מאָל דאָ
עס קומט אַ רעגן — און פאַרגייט.
ווי ס'האָבן דאַן די זומער־שפּרייען
געשראָקן אונדז, געבראַכט אונדז פרייד.

נאָך איידער מיר צום וואַלד דערלויפן,
צום קוסט אין טוי, — ווערט ווידער שטיל.
אָ, בליקן גליקלעכע, צעשיינטע!
אָ, ליפּן — נאָכגיביק און קיל!

1908

בלעטערפאַל

(פראַגמענט)

מ. גאָרקין

דער וואַלד — אַ טורעם, העל־צעפאַרבט
אין גאָלד, אין פּורפּור־רויט, אין לילע.
און ווי אַ בונטע וואַנט, ער שטאַרט
אַריבער לאָנקע ליכטיק־שטילער.

דער ברעזע'ס געלבלעכער געשניץ
אין בלויען הימל העלט און בליצט.
זוי טורעמס, יאָלקעס טונקלען, גרויען.
און צווישן קליאָנען ליכטיק בלויען
אין דורכזיכטיקן בלאַט־געפלעכט,
ווי פענצטער, שפּאַלטן צו דעם הימל.
וואַלד שמעקט מיט דעמב און סאָסנע־פעך,
אַן אויסגעטרוקנטער פון חמימה.

איצט האָט אלמנהדיק דער האַרבסט
אין טורעם זיך אַריינגעשאַרט.
ווי גוט איז אים! אויף לאָנקע גרינער,
אין מיט פון רחבותדיקן הויף,

די לייכטע פעדימער פון שפינוועבס,
ווי זילבער-נעצן, בלישטשען-אויף.

אַ שמאָלער דורכגאַנג, ווי אַ פירהויז,
צום טורעם פירט — און אויף זיין ברוסט
אַ טעפּיך ליגט פון האַרבסט-עשירות
צעווישן פוילן פניאַק און קוסט.

דאָרט, אין דעם שוואַרצוואַלד אין געהיימען,
איז שטענדיק שטיל: געדיכטער וואַלד
דאָרט טונקלט איבער אים אין רוימען
און העלט אין יעדן לאַך און שפּאַלט.

עס שפּילט זיך דאָרט ביז האַלב-טאָג שפּעטן
אין הויף דער לעצטער שמעטערלינג.
און אויף די שפינוועבס-פעדעם זינקט,
גלייך ווי דאָס ווייסע בלומען-בלעטל
אין וואַרעמקייט פון זון-צעשיין...

כ'איז אַלץ אַזוי-אַ ליכטיק היינט.
אַ שטילקייט טויטלעכע נעמט יערן
אין וואַלדס אין בלויען קיניגרייך,
אַז ס'איז אין אָט-דער שטילקייט לייכט
דעם שאָרך פון יעדן בלאַט דערהערן.

דער וואַלד — אַ טורעם, העל-צעפאַרבט
אין גאָלד, אין פורפור-רויט, אין לילע.
און איבער לאַנקע זוניק-שטילער,
ווי אַ פאַרכישופטער, ער שטאַרבט.

1912

ז׳ דיכטער פון כלליישן צער

ניעקראַסאָוו
ניקיטין
אַפּוכטין
פּרוג
נאַדסאָן
סקיטאַליעץ
גאָרקי

2. דיכטער פון כלל־ישן צער

ניעקראַסאָוו

ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטש

(1877 — 1821)

פ אַ ר נ ע מ ע נ ד י ק פ ו ן ק ר י ג ד ע ם ג ר ו י ל

פאַרנעמענדיק פון קריג דעם גרויל,

ווען כ'הער: עס פאַלט אַ נייער קרבן,
מיר טוט נישט באַנג פאַר פריינט, צי פרוי,
און נישט פאַר העלד, וואָס איז געשטאָרבן.

עס וועט זיך טרייסטן פריינט און ווייב,
אַזוי איז שוין דעם מענטשנס טבע.
נאָר ערגעץ־וואו איין זעל בלויז בלייבט,
זי וועט געדענקען ביזן קבר.

אין אונדזער צביעותדיקער וועלט,
וואו קליינלעכקייט און גראָבקייט יערן,
האָב איך אַ קוואַל געזען, וואָס העלט
מיט הייליק־אויפריכטיקע טרערן.

דאָס איז דער מוטערס הייסע טרער.
איר קינד איז איר פאַרגעסן שווער,
וואָס איז אויף פעלד פון קריג געפאַלן,
ווי ס'איז דער ווערבע צווייגן וויאַלע
שווער אויפצוהויבן פון דער ערד.

1854

ב ר י ד ע ר א ו ן ש ר י י ב ע ר

(פון דער פּאָעמע: „אין שפּיטאָל")

ברידער און שרייבער, אין אונדזער שיקזאַל
גורלדיקס ליגט וואָס פאַרבאָרגן.
וואָלטן מיר אַלע געהאַט דאָ אַ שלל
אַנדערע מיען און זאָרגן,

מסכים, מיר וואָלטן ביי זיך נישט געזען
שלעכטע שרייבאַרעס, פּעדאַנטן,
ס'וואָלטן דאָך, פריינט, אָבער אויך נישט געווען:
ס ק אָ ט ן, ש ע ק ס פּ י ר ן און ד אַ נ ט ן.

קוים נאָר דערהויבט ער דאָ וועמען, דער שטרייט
פיל ברענגט ער אום אָן רחמנות.
קיין זאַך קומט־אָן דאָ אומזיסט אונדז. די צייט
פאָדערט כסדר קרבנות.

1855

דער ניט-געקאשיעטער ערד-שטרייף

שפעט איז דער הארבסט שוין. פארפליען די קראען.
הויל איז דער וואלד. און די פעלדער — זיי גראען.

נישט אפגעקאשיעט איין שטרייפל בלויז שטייט,
וויסטע מחשבות אויף אלעמען ווייט.

דוכט זיך, עס שעפטשעט איין זאנג צו דעם צווייטן:
— „טריב איז צו הערן אונדז וויגעם פארווייטע,

— „אומעטיק בויגן זיך ביז צו דער ערד,
באדן אין שטויבן די זאנגען, באשווערט.

— „נאכט-איין, נאכט-אויס אונדז די סטאיעס פארוויסטן,
פייגלישע וואנדערער, פרעסערס אומזיסטע,

— „ס'קלאפט אונדז דער שטורעם און ס'טאפטשעט דער האז
וואו ז'אונדזער אקערער? ווארט ער אויף וואס?

— „זיינען מיר ערגער פון אלע געבוירן?
איז אונדזער זאנג אין אומפריינטשאפט געווירן?

— „ניין! ווייט נישט ערגער מיר זיינען — און לאנג
רייף איז און פול אונדזער צייטיקער זאנג.

— „האט ער געאקערט דען, האט ער געזייט דא,
ס'זאלן אונדז טראגן די ווינטן פארווייטע?" —

טראגט זיי אן ענטפער דער ווינט איבער פעלד:
— „כוח און קראפט אייער אקערער פעלט!

— „ער האט געוואוסט וואס ער אקערט און זייט דא,
נאר ס'איז די מי אים צו-שווער פאר די פלייצעס.

— „ביטער איז אים: נישט ער טרינקט, נישט ער עסט,
ס'הארץ זיינס דאס קראנקע א ווערעמל פרעסט.

— „הענט, וואס געפלעגט האבן ליכטיקע בייטן,
זיינען פארטרוקנט און הענגען, ווי צווייטן.

— „אויגן פארלאשן, און שטום איז דאס קול,
וואס האט דא לידער געזונגען אמאל,

— „ווען נאך דער סאכע מיט ארעמס מיט שטייפע
איז ער געגאנגען פארטראכט איבער שטרייפן." —

1854

צו דער מוטער

(פון דער פּאָעמע „אַ ריטער אויף אַ װײַל")

נישט עס שרעקט מיך פון פרײַנט דער באַדױער,
נישט דער יובל פון פינצטערע פײַנט.
פון מחילה אײן װאָרט אויף מײַן אויער
לאָז בלויז פאַלן, אַ געטין, דו מײַן!

מײַנע פײַנט? זאָל מיך בײַטשן פאַראַכטונג;
קײן רחמנות פון זײ נישט איך װאָרט,
נישט זײ קענען קײן ערגערס פאַרטראַכטן,
פון דעם, װאָס איך טראָג אין מײַן האַרץ.

מײַנע פרײַנט? נײן, נישט גלײַך די פאַרמעסטן:
כ'האָב קײן מיט נישט געזוכט אין קײן זאַך,
כ'האָב געטאַדלט דאָך אַלץ און געלעסטערט,
װאָס זײ האָבן מיט ביטול באַטראַכט.

פיר־אַרוים מיך אויף װעגן פון לײַדן,
כ'האָב פאַרגעסן פון לעבן דעם זין,
כ'בין פאַרזונקען אין בלאָטיקן שװידער —
קלײנע מעשים און קלײנלעכע זינד.

פון די יובלער און װאָרט־פאַרפירער,
װעלכע פלעקן די הענט אין בלוט,
פיר מיך אָפּ אין דעם לאַנד פון מאַרטירער,
װעלכע שטאַרבן מיט ליבע און מוט.

⁂

אַלץ, װאָס ס'האָט אין מײַן האַרצן געזאָטן,
האָט פאַרטריבן פון מאָרגן דער שטראַל.
און אַן אינערלעך קול, פול מיט שפּאָטן,
האָט אין ליד זיך, אין בײזן, צעשאַלט:

— „גיב זיך אונטער, דו — שבט, דו נישטיקער
צו דער ביטערער גאַל פון באַשײד,
ס'האָט פאַרכאַפּט אײך אַ צײַט אַ צעמישטע,
צו דער שװערקײט פון שטרײַט נישט געגרײט.

— „נישט אין קבר זײַט איר, איר זײַט לעבעדיק,
נאָר ס'איז טױט אײַער טאַט אויף דער ערד.
ס'איז אײך הױכע באַשערט געװען שטרעבונגען,
אָבער אויפטאָן איז גאָרנישט באַשערט.

1860

⁂

רוף מיר, פאטערל, אן אזא וואוינארט,
כ׳האב א ווינקל אזא נישט געזען,
וואו עס קרעכצט נישט דיין זייער און היטער,
וואו עס ווערט נישט דיין פויער פארלענדט?

איבער פעלדער ער קרעכצט, איבער וועגן,
אונטער וואגן אויף נאכט-לאגער אין סטעפ,
אין די תפיסות ער קרעכצט, אין אסטראגן,
אין די מינעס אויף אייזערנער ציעפ.

קרעכצט אין אייגענעם ארעמען שטיבל,
פון גאטס ליכטיקער זון נישט באריר-ט,
קרעכצט אין יעדן פארווארפענעם שטעטל,
ביי דער שוועל פון געריכט-הויז און גביר.

גיי צו וואלגע ארויס: וועמעס קרעכצן
איבער רוסישן טייך טראגט זיך ברייט?
אט-דער קרעכץ ביי אונדז ליד ווערט גערופן —
דער בורלאק שלעפט א שיף אויף א קייט.

וואלגע, וואלגע, אין פרילינג-געוויסער
דו פארפלייצסט נישט אזוי פעלד און שטעג,
ווי מיט גרויסן, מיט פאלקישן טרויער
פול איז, פול אונדזער לאנד ביזן ברעג.

1870

רוס

(פון דער פאעמע: „וועמען לעבט זיך גוט אין רוסלאנד")

ביזט א פארוואגלטע,
היים-ערד מיין שפע׳קע,
ביזט א דערשלאגענע,
ביזט אויך א קרעפטיקע,
מוטערל-רוס!

קנעכטיש געראטעוועט
ס׳הארץ דיינס צעווילדעוועט,
ס׳הארץ דיינס, דאס פאלקישע,
ס׳גילדערנע, ס׳גילדערנע.

כוח און אומרעכטן
קען מען פארבייטן דען?
קרבן אין אומרעכטן
קען מען דען לייטערן?

רוס וועט נישט רירן זיך,
רוס — די דערווארגענע,
קוים האט צעצונדן זיך
פונק א פארבארגענער —

קיינער געוועקט האט נישט,
קיינער געבאטן נישט:
קערן צו קערנדל —
בערג אנגעשאטענע.

הויבן חילות זיך,
הויבן און קלעטערן,
כוחות פארמאגן זיי —
נישט צום צעשמעטערן.

1876

די מוזע

שוויג, מוזע, דו — פון טרויער און נקמה,
כ'וויל נישט באַאומרוען אַ פרעמדן טרוים.
מיר האָבן שוין גענוג מיט דיר גע'חרמה'עט
איך שטאַרב אַליין — און שוויג ביים לעצטן זוים.

צואוואָס באַוויינען די פאַרלוסטן ווידער,
וואָלט דאָס געלינדערט כאָטש דעם שווערן צער!
ווי סקריפּ פון תפיסה-טיר, איז מיר דערווידער
די זיפצן פון מיין אייגן האַרץ.

אַ סוף צו אַלץ. דער שטורעם האָט מיט צאָרן
פאַרטונקלט לאַנג דעם וועג צו מיין געצעלט.
ס'וועט הימל איבער מיר נישט ווערן קלאָרער,
קיין שטראַל נישט וואַרפן אין מיין מידער זעל.

אָ, כישוף-שטראַל פון ליבע און פון תחיה,
כ'האָב דיך גערופן איבער גאָר דער ערד:
אין חלום, וואָר, אין שטרייט, ביים שאול-תחתיה,
גערופן דיך, איצט רוף איך דיך נישט מער!

כ'וואָלט נישט געוואָלט דערזען דעם תהום דעם טריבן,
וואָס וואָלט פאַר מיר דורך דיר דאָ אויפגעבליט:
ס'וועט זיך אַ האַרץ נישט אויסלערנען צו ליבן,
וואָס איז שוין האָסן מיד.

1856

צו די זייער

זייער פון וויסן אויף פעלדער אויף פאָלקישע,
זאָג, צי דען פרוכטלאָז דיין באָדן אָן טאָלק איז שוין,
צי איז דיין זריעה דען שלעכט?

ביזטו דען שרעקעוודיק? כוחות דען פעלן דיר?
ווערט נישט באַלוינט דען דיין פראַצע דיין עלנטע?
איז דען דיין זאָמען נישט עכט?

וואו זייט איר, זייער מיט פנימער מונטערע,
זייער מיט הענט מיט געניטע, געזונטיקע,
זייער פון קערנער אין טיפן, אין גרונטיקע,
קומט אין אַ צאָל!

זייט דאָס פאַרנינפטיקע, ס'גוטע און אייביקע,
זייט! — און אַ דאַנק וועט אייך זאָגן אַ קוויקן
ס'רוסישע פאָלק!

1876

ניקיטין

איוואַן סאַוויטש

(1861 — 1824)

פּאַראַן אין אַלץ אַ יש

פּאַראַן אין אַלץ אַ יש, אַ טיף־פאַרהילטער
פון אַ געהיימער, נישט־דערגרייכטער מאַכט,
אַ רעיון ז'דאַ אין חושך פון דער נאַכט,
אין שיין פון טאָג און אין דער קבר־שטילקייט.

אין וועלט־געדריי, אין שטערנדיקער לער,
אין פייערלעכער רו פון אָקעאַנען,
אין דעמערונג פון וועלדער, טיף פאַרקלערט,
אין שווידער־גרויל פון סטעפּן־אוראַגאַנען.

אין קילן אָטעמען פון ווינטעלע אַרום,
אין שאָרך פון בלעטער, איידער ס'הייבט־אָן טאָגן,
אין שיינקייט פון דער מדברדיקער בלום,
אין ריטשקעלע, וואָס צווישן בערגלעך וואַגלט.

1849

דער מירמלשטיין

אין איינזאַמען מדבר, פון מענטשן פאַרלאָזט,
איז מאַרמאָר געלעגן, באַוואַקסן מיט גראָז.
געוואַשן האָט אים אין געוויטער דער רעגן,
און ס'האָבן זיך פייגל אויף רו דאָרט באַגעגנט.

האָט עמיץ פון מאַרמאָר דעם קינסטלער דערציילט.
האָט ער אים באַקוקט — און ווי פלאַמיקע קויל,
אַ פלאַקער־געטאָן אין עקסטאַז האָבן אויגן,
און שלאָפלאָזע נעכט איבער אים זיך געבויגן,

געטעסעט, געהאַקט טעג און נעכט נאָכאַנאַנד,
האָט אויפגעלעבט שטיין אונטער שאַפערשער האַנט.
זינט דאַן אין באַוואונדער, אין שטילשוויייג, אין שטוין
בייגט אָפּט זיינע קני פאַרן שטיין דער המון.

1849

צום דיכטער

אַ, זאָג ניט: נישטיק איז דאָס לעבן.
נייִן, נאָכן בראַך און שטורעמווינט,
נאָך שווערן שטרייט עס קאָן נאָך געבן
די פרוכט, וואָס צייטיקט אין באַגין.

נישט אייביק, דיכטער, איז דיין טרויער.
אין דיר אַליין פון מאַכט דער קוואַל.
קוק זיך אַרום און זאָג: פאַר וועמען
האָט וועלט די אוצרות אויפגעפּראַלט?

דער טיפער וואַלד איז גרין געקרייזלט,
די בלעטער דורכזיכטיק פון גין,
אין גלאָז פון טייכל אָפּגעשפּיגלט,
די וואָלקנס פלאַקערן, ווי קין.

ס'איז דער קורגאַן באַדעקט מיט בלומען,
דו גיי אַרויף נאָר אין דער הויך:
אַ, סאַראַ רחבות! דורך טומאַנען
דאָרט ביי דער זייט דאָס דערפל לויכט.

עס קלינגט און גיסט זיך שטים פון פייגל
דערוויים זיך וואָס איז איר געשאַל.
פאַרשטיי, וואָס שעפּטשען דאָ די זאַנגען,
מיט וועמען פירט אַ שמועס דער קוואַל.

דאָס איז דאָס קיניגרייך פון לעבן:
דאָ אייביק שיינט, דאָ אייביק קוועלט.
באַנעם דאָס לשון פון דער טבע,
וועסט זאָגן דאַן: ס'איז שיין די וועלט!

1853

פון ליד „באַלעבאָס"

אויף אַלטן קורגאַן, אין דער סטעפּישער ברייט
אַ סאָקאָל געקאָוועטער זיצט אויף אַ קייט.

יאָרטויזנטער גייען פאַרביי —
ער קאָן נישט אַרויס אויף דער פריי.

ער רייסט מיט די נעגל זיין ברוסט מיט פאַרדרוס,
און טראָפּנווייז ריזלט דאָס בלוט פון זיין ברוסט.

עס יאָגן די וואָלקנס אין רוים.
און ברייט איז דער סטעפּ אָן אַ צוים.

1852

די פּליאָטקע

כאָטש לעב, ווי אַ נזיר,
כאָטש גיי אויף פּאַראַד,
ס'וועט פּאַקן דיך פּליאָטקע,
ס'וועט קומען דער קאַט.

קוים שליסטו די טיר צו,
דורך לאָך וועט זי גיין.
און שטערט איר דער פּאַרקאַן,
וועט דורכגיין דורך שטיין.

צי זינדיק, נישט-זינדיק,
פּאַרלאָז זיך אויף איר
צו פלעקן דיין נאָמען
ביז לעצטער שוין טיר.

עס וועלן דיך שמוצן
דער פיינט, ווי דער פריינט!
פּאַרשאָלטענע פּליאָטקע!
פּאַרשאָלטענע פּיין!
1856

* *
*

גראַבט-אוים דער ריסקל אַ קבר אַ גרויזאַמען.
דאָליע — נישט-פריידיקע, דאָליע — דו איינזאַמע,
דאָליע — פּאַריתומטע, דאָליע — דו סקאַרביקע,
שווייגנדע דאָליע, ווי האַלב-נאַכט שפּעט-האַרבסטיקע,
ביטער און פינצטער האָט זי זיך געשלעפּט
און אויסגעגאַן, ווי אַ ליכטל, אין סטעפּ.

נו, שלאָף-זשע איין, דו — מיין ביטערע דאָלינקע,
פּעסט וועט פּאַרמאַכן זיך ס'דעקל דאָס סמאָליקע,
צודריקן וועט מיך די רוי-ערד נאָך צייניקער —
בלייבן וועט בלויז מיט איין מענטשן דאָ ווייניקער:
פילן וועט קיינער נישט שטאַרק דעם פאַרלוסט,
בענקען וועט קיינער נאָך אים מיט פאַרדרוס.

הערט, ווי צעקלונגען ס'האָט ליד זיך דאָס ווינטערשע,
ס'זאַרגלאָזע ליד פון דער זינגערקע צווינטערשער,
הערט, ווי עס פלאַטערט אין בלויען אין רוימישע
ס'זילבערנע ליד איבער ערדן תהומישע.
שטילער! דאָס לעבן צו-ענד איז. נישט מער
נויטיק קיין ליד איז, נישט נויטיק קיין טרער.
1861

ווינטער־נאַכט אין דאָרף

פריידיק די לבנה
איבער דערפל לויכט,
ווייסער שניי, ווי פייער,
פינקלט אין דער הויך.

וועלן נעמען שפרייזן
איבער וועלט און לאַנד,
גרינג איז אָנצוטרעפן
אויף אַ שלעכטן מאַן.

די לבנה שטראַלן
גיסט אויף קלויסטער־ווענט.
צלם אונטער וואָלקנס,
ווי אַ ליכטל, ברענט.

ניט צום גוטן פירט שוין
קרומער וועג פון דאַן:
גרינג אָן גאָט פאַרגעסן
און פאַרלירן שאַנד.

איבער דערפל עלנט
שלעפעריקער טריפט,
אונטער וויוגעם שטיבער
איינגעזונקען טיף.

—„זיי זיך, גאָט, מרחם
אויף יתומים צוויי,
גיב זיי קראַפט און שכל,
זיי אַ שומר זיי!״ —

אויף די פוסטע גאַסן
שלעפעריקע שטיל.
און מען הערט שוין מער ניט
פון קיין הונט קיין ביל.

אין לאַמפּאַדע טיפער
ס'פייערל קוים צאַנקט,
און באַלויכט איקאָנעס
בלייכע אינעם שראַנק.

אָפּגעזאָגט די תפילות,
שלאָפט דער פויער פרי,
אומרו־שרעק פאַרגעסן
און די שווערע מי.

דאָס געזיכט פון זקנה,
וואָס איז פול מיט ווײ,
און יתומים־קעפּלעך
דרעמלענדיקע צוויי.

בלויז אין איינס אַ שטיבל
קוים אַ קאַנעץ צאַנקט. .
אויפן בעט אַ זקנה
ליגט דאָרט חרב־קראַנק.

אָט האָט זיך צעקרייעט
ערגעץ וואַכער האָן. .
שטיל און לאַנג און רואיק
האַלב־נאַכט שעה קומט־אָן.

וועגן אירע קינדער
טראַכט די אַלטע בלויז:
ווער וועט זיי דען טרייסטן,
קוים זי גייט דאַ אויס?

און גאָט־ווייס פון וואַנען
האָט אַ זינגער־העלד
פלוצים דורכגעריטן
פריילעך איבער פעלד.

אָרעמע יתומים,
ס'זאָל ניט זיין די שעה!
ביידע מינדעריעריק —
שכל איז ניטאָ!

און אין ווייט פאַרשנייטער
שטילער, שטיל זינקט־איין:
אי ס'געזאַנג פון טרויער,
אי די הולקע־פּיין.

1853

אַפּוכטין

אַלעקסעי ניקאָלאַיעוויטש

(1893-1841)

פליגן

פליגן, ווי שווארצע מחשבות, מיר געבן קיין רו נישט אין חדר:
איבער מיין אָרעמען קאָפּ זיי זשומען און בייסן כסדר.
איינע פון באַק דו פּאַריאַגסט, אַ צווייטע זיך זעצט אויף די ברעמען.

קאָנסט נישט אַנטרינען פון זיי, פון זייער פּאַרהאַסטן געזועמל.
ס'בוך פאַלט־אַרויס פון די הענט, אַלע געשפּרעכן פּאַרשטומען.
אַך, ווען דער אוונט פאַלט־צו, אַך, ווען די נאַכט זאָל שוין קומען.

שווארצע מחשבות, ווי פליגן, מיר געבן קיין רו נישט אין חדר:
איבער מיין אָרעמען קאָפּ זיי זשומען און בייסן כסדר.
איינע פון זיי ערשט פּאַריאָגט, און עס נאָגט שוין אין האַרצן
אַ צווייטע.

ס'לעבן דאָס גאַנצע שווימט־אויף, אין פּוסטע חלומות צעווייטע.
אַלץ ווילסט פּאַרגעסן, נישט לעבן — נאָר ס'האַרץ נאָגט פון
בענקשאַפט און אומעט.
אַך, ווען די אמתע נאַכט, ווען די אייביקע נאַכט וואָלט געקומען!

די שטאַרבנדיקע מוטער

— „איז זי געשטאָרבן? שטילער רעדט. און אפשר
בלויז אויף אַ וויל געפונען האָט זי רו?"... —
האָט עמיץ פּאָרגעשלאָגן: — „ברענגט איר קינד אַהערצו
און לייגט עס צו דער ברוסט איר צו". —

און אַט אויף יענעם אָרט, וואו ס'האַרץ האָט ערשט געשלאָגן,
האָט ס'וויינענדיקע קינד באַהאַלטן דאָס געזיכט...
און אויב אויך איצט זי ליגט און שווייגט, די מאַמע,
איז אַלץ געענדיקט: צינדט די טרויער־ליכט!

פרוג

סעמיאָן גריגאָריעוויטש

(1917 — 1860)

טראָג-אַוועק מיין נשמה

טראָג-אַוועק מיין נשמה אין טיף-בלויער ווייט,
וואו ס׳האָט גאָלדענער סטעפּ זיך צעשפּרייט אָן אַנטבלויזטער,
אַזוי ברייט, ווי מיין אייביק-פאַרמשפּטע לייד,
ווי מיין אומגליק, וואָס האָט ניט קיין אויסוועג.

כ׳וועל צעוועקן די האָפענונגען, לאַנג אויסגעוועפּט,
און וואַרעמען גלויבן און ליכטיקע טרוימען —
ווי אַ ברויזיקע וועל איבער רחבות פון סטעפּ,
וועלן טרערן פון פרייד זיך צעשוימען.

איבער סטרונעס אַ קלאַפּ וועל איך טאָן מיט אַ זונג —
און עס וועלן אַ פלייץ-טאָן פאַרגעסענע קלאַנגען.
און אויסגיסן וועט די נשמה פון גרונט
אַלעליידן אומענדלעכע, באַנגע.

טראָג-אַוועק מיין נשמה אין ליכטיקער ווייט,
וואו גאָלדענער סטעפּ ליגט צעשפּרייט אָן אַנטבלויזטער,
אַזוי ברייט, ווי מיין אייביק-פאַרמשפּטע לייד,
ווי מיין אומגליק, וואָס האָט נישט קיין אויסוועג.

דער ים און דער אַנקער

אַ טיפן ים דו רופסט דאָס לעבן,
די האָפענונג אַן אַנקער איז,
און גלויבסט, אַז אָט-דעם ים פון לעבן
אַריבערשווימען וועסט געוויס.

נאָר ווי אַ וואַנזיניקער חוזק
און ווי אַ שפּאָס אין גורל׳ס האַנט
קלינגט איבער לעבן און בטחון
דיין קול, אַ שטערבלעכער, אין וואַן:

ווען דו ביזט גרייט דעם אַנקער וואַרפן,
איז פלאַך דער ים צו יענער צייט.
און ווען דערזעלבער ים ווערט טיפער,
דיין קליינער אַנקער וואָס באַטייט?

הייס-וויי

(פון מדרש רבא)

רב תנחום, באזיצער פון גערטנער אָן צאָל
אין שרון-טאָל — שענצטן גן-עדן,
האָט איינמאָל געהערט, ווי צוויי קנעכט אויף אַ קול
אין שאָטן פון אייל בירט-בוים ריידן:

—„דאָ לעבט זיך אונדז וואויל. ס׳איז די קנעכטשאַפט ניט שווער,
צו קלאָגן ניטאָ איז קיין סיבה —
און דאָך איז דאָס ווינקל אויף אייגענער ערד
פון אַלץ אונטער הימל אונדז ליבער.

—"עס נאָגט די נשמה — און רייסט זיך פון דאַן..." —
און ס׳האָט אין די רייד זיך געשמאָלצן
אַ בענקשאַפט אַזאַ צו דעם אייגענעם לאַנד,
אַז ס׳האָט זיך רב תנחום דער שטאָלצער

דערנענטערט צו זיי און געפרעגט מיטאַמאָל:
—"פונוואַנען־זשע שטאַמט איר, אַז דאָ, אין גן-עדן
איר בענקט נאָך דער היים פון דעם שיינעם אַמאָל?" —

—"אין טאָל פון די קברים, אין קרעציקן טאָל
מיר האָבן דערצויגן זיך ביידע!" —

איך בין די האַרף

כ׳בין ווינטיקע האַרף פון דער פאָלקישער דאָליע,
די עכאָ פון פאָלקישן באַנג.
צי זעט איר די שאָטנס פון האַרבסטיקן חושך,
צי הערט איר פון קייטן דעם קלאַנג?

די גייסטער פון טרויער, די שליחים פון אומגליק
מיר טראָגן אַהער זייער שאָל.
פאַרגעסן האָב איך, ווי באַגינען זיך רויטלט,
פאַרגעסן ווי ס׳זינגט נאַכטיגאַל.

בליצט האָפענונג אויף, קומט נאָך איר דער פאַרצווייפל
און גיט מיין נשמה אַ שניט.
אַלץ, וואָס כ׳האָב מיט סם און מיט צאָרן געגומען
ביים פאָלק, קער איך אום מיט מיין ליד.

פריינט מיינער

(פראַגמענט)

לידער פון פרילינג דו בעטסט ביי מיר, בייגנדיק
ס'קעפּעלע דיינס אין געצערטלטער פּיין.
גרייט בין איך, טייערע, גרייט בין איך, אייגענע,
נאָר וועגן וואָס זאָל איך זינגען דיר היינט?

פריינט, כ'בין געוואַקסן אויף פרעמד־ערד, אויף גרויער,
זון פון פאַרקנעכטונג און פאָלקישן טרויער.
צוויי האָט פאַרמעגענס געשענקט מיר באַשאַף:
הונגער נאָך פרייהייט און דאַליע פון שקלאַף.

די דריי נשמות

דריי בלייכע שאָטנס קלאַפּן שטיל
אין הייליקן גן־עדן טויער:
—"אָ, עפן, שומר, אונדז די טיר!"—
זיי בעטן אים אין שטומען טרויער.

און זיי פאַרנעמען אין דער ווייט
אַ בת־קול פון ניט־היגע וועלטן:
—"ווער זייט איר, וואָס איר שטרעבט אַהער,
אין אָט־די הייליקע געצעלטן?

—"וואָס האָט איר אויפגעטאָן: אין שלאַכט,
אין וועלכער ליכטיקער עבודה?
און ווי געלעבט? און זאָגט: מיט וואָס
דאָס גליק פאַרדינט איר, פון גן־עדן?" —

און ס'ענטפערט איינע פון די דריי:
—"ס'איז פרעמד געווען מיר לעבנס דונער.
דאָס גאַנצע לעבן מיינס איז פול
געוועזן מיט תפילה און אמונה.

— "אַ פּריסטער בין איך דאָרט געווען,
באַקערט דעם מענטש צו גוטס און לויבן,
געהאָלפן לעשן אים די לוסט,
געצונדן העל דעם פלאַם פון גלויבן." —

— "די ערד כ'בין דורכגעגאַן מיט שווערד
אין האַנט, — אים ענטפערט־אָפּ די צווייטע, —
און שרעק און אומקום כ'האָב געשפּרייט
אין כוואַליעס פלאַמיקע און ברייטע.

— „דאָס גאַנצע זײַן אַוועק אין שלאַכט,
נאָר בלויז פּאָר שוואַכע און געדעכטע
האָב איך געהויבן שווערד און פאָן
אין בלוטיק-גרויזאַמע געפעכטן.״—

—״מיט וואָס באַלויכטן איז דײַן וועג?״—
דער וועכטער פרעגט די זעל די דריטע.
אַ טיפער, לאַנגער, שווערער זיפץ
קלינגט-אָפּ אין שטיל און ווערט פאַרציטערט. .

און ס׳שעפּטשעט ציטערדיק און קראַנק
אַ קול מיט פּחד: —„ איך?... איך ווייס ניט...
כ׳געדענק ניט... עפּעס... רויע קעלט...
אַ שטומע נאַכט... אַ מדבר הייסער...

—״און פרעמדע פענצטער... שײַן אין זיי...
און פרעמדע טירן אויף אַ ריגל...
אַ לעבן לאַנג — בלויז הונגער, פּײַן...
דורך טעג און נעכט — פון סאַמע וויגל...

—״האָב ניט געטאָן קיין תפילה — ניין!
כ׳האָב ניט געקאָנט... און גאָט? ניין, ליידער...
נאָר איך געדענק: בלויז חושך... קעלט...
אָ, זע, ווי שווידערלעך איך לייד דאָ!...

—״אָ, ווי איך האָב מיט פרייד געוואַרט
אויף טאָג, אויף רגע פון מײַן מיתה...
אָ, עפן-אויף און לאָז אַרײַן
פון שײַן און וואַרעמקייט געניסן!

—״און אײַנשלאָפן... דערנאָך דער סוף...
אין אָפּרו... שטילקייט... פריד... און פריידן...״—
—״אָ, העלד און פּריסטער, רוקט זיך אָפּ!״ —
שאַלט רוף ביים טויער פון גן-עדן.

נאַדסאָן

סעמיאָן יאַקאָװלעװיטש

(1887 — 1862)

ניט זאָגט מיר — ער איז טויט

נישט זאָגט מיר, ער איז טויט — ער איז נאָך פול מיט קראַפט.
זאָל זײַן צעשטערט אַלטאַר — די פײַערן נאָך ברענען,
זאָל זײַן די רויז צעפּליקט — זי בליט נאָך פול מיט זאַפט.
זאָל האַרף צעשמעטערט זײַן — עס קלאָגן נאָך די טענער.
1883

בײַם פרישן קבר

(דעם אָנדענק פון נ. מ. ד.)

כ׳בין װידער אײנזאַם... זעלבע נאַכט
און זעלבע פינצטערניש אַרום מיר.
בײַם פרישן קבר כ׳שטײ פאַרטראַכט
אין ענדלאָזן און שװאַרצן אומעט.

װאָס ניצט מײַן לעבן אויף דער ערד;
װאָס זוך איך נאָך אין מי אַ רעטונג:
נישטאָ שוין װעם צו ליבן מער,
נישטאָ צו װעמען שוין צו בעטן.
1885

פרײַנט און ברודער...

פרײַנט און ברודער, אַ לײַדענדער ברודער, דו מײַן,
װער דו ביזט נישט, פאַרליר נישט דעם מוט.
זאָל מיט פינצטערער קראַפט הערשן שקר און פּײַן
אויף דער ערד, פול מיט טרערן און בלוט.

זאָל ער ליגן געשענדט אונדזער גאָט — אידעאַל,
זאָל דאָס בלוט װידער פליסן אין קריג, —
גלויב, ס׳װעט קומען די צײַט — און ס׳װעט אומקומען ב ע ל
און די ליבע װעט קומען צוריק.

נישט אין דערנערשער קרוין, נישט מיט קרײַץ פון אַ שקלאַף,
נישט געשמידט אין אַ שטאָלענער קײַט, —
זי װעט קומען אַהער, פול מיט רום און מיט קראַפט,
מיט אַ פאַקל פון גליק און פון פרײד.

און נישט זײַן װעט שוין מער נישט קײן טרער, נישט קײן האַס.
נישט קײן שקלאַף, נישט קײן שאַנד-קלאָץ נישט מער.

און נישט זיין וועט שוין מער נישט קיין שווערד, נישט קיין לאסט,
נישט קיין פינצטערע נויט אויף דער ערד.

ס'איז, מיין פריינט, נישט קיין טרוים יענער ליכטיקער טאג,
נישט קיין האפענונג — נישטיק און דום.
קוק זיך אום, וועסטו זען: ס'בייז שוין צופיל אונדז פלאגט,
און די נאכט־צופיל פינצטער ארום.

ס'וועט די וועלט ווערן מיד, זיך פארכלינען אין בלוט,
אין דעם וואנזיניק־אייביקן קאמף,
און א הויב־טאן די אויגן מיט תפילה און וואוט
צו דער ליבע, געהייליקט אין פלאם.

1881

סקיטאליעץ (פעטראוו)

סטעפאן גאוורילאוויטש

(1868 — 1925)

ס'ווילט זיך פרייד און חדוה

ס'ווילט זיך פרייד און חדוה, לוסטיקע געזאנגען,
שטורעמדיק געלעכטער און א וויציק ווארט,
ווייל דאס גאנצע לעבן איז אין פיין פארגאנגען,
ווייל איך לעב שוין יארן אונטער יאך פון זארג.

גיט מיר לופט און בלומען, כ'וויל פון זון געדאיען,
כ'האב געשפאנט צו־לאנג אין רעגנדיקע נעכט.
גיט מיר פרייד און חדוה, גיט מיר פולע פרייהייט,
ווייל געשמידט אין קייטן, כ'בין געווען א קנעכט.

שטרייטן כ'וויל מיט שונא, צאלן מיט נקמה
פאר די טעג פון שפלות, קנעכטשאפט און באטריב.
גיט מיר גליק און ליבע, ליכטיקע נחמה,
ווייל כ'בין נישט געווען גליקלעך און געליבט.

1902

גאָרקי, מאַקסים

(אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש פּיעשקאָוו)

(1936 — 1869)

די פייע

אין וועלדל געוואוינט האָט אַ פייע,
אין טייכל זיך באָדן געגאַנגען.
ביז איינמאָל האָט זי זיך פארגעסן —
און ס'האָבן זי פישער געפאַנגען.

זיי האָבן פאַר איר זיך דערשראָקן...
געווען איז מיט זיי יונגער מאַרקאָ.
געכאַפּט האָט ער שיינינקע פייע
און קושן גענומען זי שטאַרקער.

האָט זי, ווי אַ בויגיקע ריטל,
געדרייט זיך אין אָרעמס אין פעסטע,
אין מאַרקאָן געקוקט אין די אויגן
און שטיל זיך געלאַכט און געפּעסטעט.

אַ טאָג האָט זי מאַרקאָן געלאַשטשעט.
און קוים איז דער אָוונט געקומען,
אַוועק איז די פריילעכע פייע —
איז מאַרקאָן באַפאַלן אַן אומעט.

שפּאַנט מאַרקאָ אין וועלדל ביים דונאַי,
פון ליבע און אייפער צעפּאַליעט:
— „וואו איז זי, די פייע?" — ער פרעגט זיך.
— „מיר ווייסן נישט!" — לאַכן די כוואַליעס.

— „איר שפּילט זיך אַליין מיט דער פייע!" —
שרייט מאַרקאָ צו זיי, פול מיט קנאה.
און ס'האָט זיך געוואָרפן דער שוטה
אין דונאַי — זיין פייע געפינען.

עס באָדט זיך די פייע אין דונאַי,
ווי פריער — פאַר מאַרקאָן, דעם גיבור.
און מאַרקאָ נישטאָ שוין — און דאָך איז
פון מאַרקאָן אַ לידל פאַרבליבן.

און איר וועט פאַרברענגען אַ לעבן,
ווי ווערעם, ווי בלינדע, אויף דר'ערד:
קיין מעשיות פון אייך צו דערציילן,
נישט זינגען קיין ליד — איז באַשערט.

ס׳גייט די זון אויף

ס׳גייט די זון אויף און גייט-אונטער,
פינצטער איז ביי מיר אין צעל.
טאג און נאכט די וועכטער היטן
כ׳פענצטער מיינס צו פרייער וועלט.

ווי איר ווילט, קאנט איר מיך היטן,
כ׳בין אנטלויפן גאר נישט גרייט.
ווילן ווילט זיך אויף דער פרייהייט —
ברעכן קאן איך נישט די קייט.

אך, איר קייטן, מיינע קייטן,
כ׳קאן אייך, מיינע בייזע פיינט,
נישט צעררייסן, נישט צעברעכן,
גורל ביטערער דו מיין!

אין די נעכט איבער די וועלדער
כ׳וועל נישט ברענגען מער א וועלט.
ס׳גייט פארביי, פארביי מיין יוגנט
אין דער ענגער תפיסה-צעל.

אך, דו שווארצער ראב, וואס שוועבסטו
איבער מיר, דו בייזער פיינט?
שפירסטו, שפירסטו שוין מיין אומקום?
שווארצער ראב, איך בין נישט דיין!

1898

דאס מיידל און דער טויט

(א מעשהלע)

1.

איבער דערפל — פון פארשפילטער שלאכט
איז דער צאר צוריק אהיים געפארן.
אונטער קוסט ער הערט: א מיידל לאכט,
גליט זיין הארץ מיט בייזן צארן.

האט דער צאר די ברעמען אנגעכמורעט
און א שמיין מיט שפאר אין בויך פון פערד,
און א פלי אויף מיידל, ווי א שטורעם,
און אווארף דעם שפענצער אויף דער ערד.

און זיין שטים צעקלינגט זיך פרעכער, דולער:
— „וואס איז, מויד, אויף דיר דא די גדולה?
— „כ׳האב געליטן ביטערע מפלות:
העלפט פון חיל האט דער פיינט געפאנגען

און די צווייטע אויסגעלייגט, ווי זאַנגען,
פֿאַר איך איצט נאָך פרישע, נאָך חילות.
מיך — דיין צאַר — באַליידיקט האָבן שונאים...
און דו שטייסט — און כיכעסט מיר אין פּנים." —

האָט דאָס מיידל ס'קאַפּטל אירס פאַרריכט
און דעם קיסר ענטפערט זי אָן שרעק:
— „זעסט דען נישט — מיין ליבער צערטלט מיך,
פאָטערל, דו בעסער גיי אַוועק!" —

אַז מ'האָט ליב, ווער דאגהעט פאַרן צאַר.
'שטאָ קיין צייט צו שמועסן מיט קיסרים.
און אַמאָל ברענט ליבע היים, ווי זשאַר,
הייסער נאָך פון ליכט אין די סאָבאָרן.

איז פון כעס געוואָרן ווילד דער קיסר —
אַזש די הענט און פּיס ביי אים זיך טרייסלען.
איז באַפעלט ער: — „שמידט די מויד אין קייטן,
אָדער בעסער אויפן אָרט זי טייטן!" —

האָט זיך באַלד דעם קיסר'ס טרייע סוויטע,
מיט צעקרימטע פּנימער מיט מיאוסע,
ווילד אַ וואָרף-געטאָן מיט בייטש און ריטער —
גרייט דער מיידל אָנצוטאָן אַ מיתה.

2.

יענעם טאָג געווען אין שלעכטע לוינע
איז די מ י ת ה, ביינערדיקע, דאַרע.
נאָר די פרילינג-ליבע האָט דער זקנה
דאָס פאַרגליווערט-קאַלטע בלוט דערוואַרעמט.

ס'איז שוין לאַנג דער אַלטער דאָ דערעסן
טאָג-ווי-נאַכט פאַרנעמען גסיסה-זיפצן,
טוכלע לייבער פון די מתים פרעסן —
ס'גלוסט זיך איר, דער זקנה, אויך אַ שטיף-טאָן.

אַלע ציטערן און פאַלן כורעים
פאַר איר אָנקום: שקלאַפן, ווי קיסרים,
איז איר נמאס שוין דעם מענטשנס מורא,
ס'קריכט פון האַלדז: לוויות, טרונעס, קברים.

ס'איז באַשערט אַ דאַליע איר אַ האַרבע
אויף דער ערד, דער קראַנקער און דער מיאוסער.
ווי אַ פאַכמאַן, טוט זי דאָ איר אַרבעט,
דענקט דער מענטש: ס'איז איבעריק די מ י ת ה.

ברענט אין איר, פאַרשטייט זיך, דער פאַראיבל
קעגן מענטשן-סטאַדע שאַרף און שאַרפער·

ווערט זי בייז — און כאפט די מאס שוין איבער:
הרגעט זי פונקט יענע, וואס מ׳דארף נישט.

אפשר גאר פארליבן זיך דער זקנה
אין דעם טייוול ביז איבער די זאקן —
און פון ליבע-ווייי זיך גאר צעוויינען
אויפן טייוולס פייערדיקע לאקן!

3.

שטייט דאס מיידל דרייסט אין דער סכנה,
ווארט אויף מיתהס שנעלע קאסע-שוואונגען.
שעפטשעט מיתה — ס׳איז איר א רחמנות: —
— „זע נאר, זע — דו ביזט דאך אזא יונגע!

— „זאג, צוואוס באליידיקט האסט דעם צאר?
מוז איך איצט דיך אומברענגען דערפאר!" —
ענטפערט ס׳מיידל רואיק און געלאסן:
— „נו, צוואוס אויף מיר אומזיסט זיך כעסן?

אונטער קוסט פון בעזן-בוים דעם גרינעם
האט מיין ליבסטער מיר געשאנקען גליק, —
איז דער צאר געלעגן מיר אינזינען?...
דארף ער איצט גראד לויפן צ׳ריק פון קריג...

— „זאג איך אים, דעם קיסר, קאנסט נישט זען?
טראג זיך אפ, דו — פאטערל, געביטער...
מיר איז, דוכט זיך, גוט אזוי געווען,
נאר געענדיקט האט זיך, זע, ווי ביטער!

— „קאן מען דען אנטלויפן פון דער מיתה?
מוז מען, הייסט עס, שטארבן נישט דערליבט.
בעט איך דיך: דו — מיתהלע, פארגיב:
לאז מיך קושן נאך מיט אים א ביסל"! —

מאדנע קלינגען איר דעם מיידלס ווערטער:
ב׳האט די יוגנט היינט שוין מער קיין בושה!
— „וואס וואלט איך אויף דר׳ערד געטאן דא, — קלערט זי,
ווען די מענטשן הערן-אויף זיך קושן!" —

ציט זיך מיתה אוים אויף זון אויף העלער,
שפילט זיך מיט דער שלאנג, וואס קריכט אין קויט.
און צום מיידל: — „קוש, נאר מאך עס שנעלער...
כ׳שענק די נאכט דיר... מארגן פרי — זיי גרייט!" —

אויף א שטיין זיצט מיתה, ווארט און כריפעט.
און די שלאנג — זי לעקט די אלטע שיך איר.
און דאס מיידל — אזש פון גליק זי כליפעט...
שעפטשעט מיתה: — „מאך עס, מיידל, גיכער!" —

.4

כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אירן די מיתה:
ס'איז שוין טאָג — און ס'מיידל איז נישטאָ.
וואָרטשעט שלעפּ'ריק: — „אַט אַ מויד אַ מיאוסע!
קאָרג געווען די נאַכט איר — ס'איז שוין טאָג!" —

רייסט זי אָפּ אַ זון-בלום אויפן צאַם,
גיט אַ שמעק, צערייבט זי מיט די הענטלעך,
זעט ווי זון באַגילדט מיט הייסן פלאַם,
וואַרפט אויף גרינע בלעטער געלע רענדלעך.

קוקט, ווי שטראַלן איבערביימער שפּרינגען,
הייבט די מ י ת ה פּלוצים אָן צו זינגען:

„מענטש זיין בעסטן חבר טייט
און צום קבר אים באַגלייט
מיט אַן אויסגעדראָשן ליד:
— „פאַרן צדיק רו און פריד!" —

„כ'קאָן דאָ גאָרנישט נישט פאַרשטיין:
ס'טרייבט טיראַן זיין פאָלק, ווי קעלבער.
שטאַרבט ער, זינגען גרוים און קליין
אויך נאָך אים דאָס ליד דאָס זעלבע.

„צדיק, רשע — נאָך דער טהרה
מאַכט מען זיי די זעלבע וואָרע,
זינגט אין טרויער דער סינקליט:
— „פאַרן צדיק רו און פריד!" —

„ווען ס'זאָל מיין האַנט נישט טויטן:
מערדער, כאַם, צי פּאַראַזיט,
וועט מען אַלעמען באַגלייטן:
— „פאַרן צדיק רו און פריד!" —

.5

אָפּגעזונגען — הויבט זי אָן זיך כעס'ן:
שוין אַריבער אַ מעת-לעת — דאָס מיידל
האָט באַדאַרפט מיט ליבסטן לאַנג זיך שיידן —
זי, די מ י ת ה , האָט נישט ליב קיין שפּאַסן!

ווערט זי בייזער — ממש אַ סכנה,
נעמט אויף גיך די לאַפּטשעס זי פאַרשנורן.
קוים דערוואַרט: אַרויס זאָל די לבנה —
און אין וועג געלאָזט זיך, ווי אַ שטורעם.

גייט אַ שעה — און פּלוצים: אויף אַ לאַנקע,
צווישן טויענדיקע רויזנבעטן,
אויפן סאַמעט-גראָז, אין ליכט לבֿנה'יקן
זיצט דאָס מיידל, ווי אַ פרילינג-געטין.

אפגעדעקט די ברוסט אין שיין אין בלייכער,
נאקעט, ווי די ערד אין פרילינג-פריען,
און אויף הויט, אויף נאקעטער און ווייכער,
העלע קושן, ווי די שטערן, גליען.

שטערן צוויי — די ניפלען פון די בריסט,
און ווי שטערן, אירע אויגן לויכטן,
קוקן ווי אין הימל מילכוועג פליסט
איבער שטעג פון בלויער נאכט באהויכטן.

און די אויגן בלויע שאטנס צירן,
אירע ליפן — וואונדן צוויי צעגליטע.
אנגעשפארט דעם קאפ אויף קני אויף אירע,
שלאפט א בחור, ווי א הירש א מידער.

קוקט די מ י ת ה און אין קאפ אין פוסטן
לעשט זיך כעס, ווי פייערדיקער דראט:
— „וואס האסטו באהאלטן זיך אין קוסטעס,
ווי אמאל האט חוה זיך פאר גאט?" —

האט דעם בחור צוגעטוליעט ס'מיידל
און פון טויט פארשטעלט אים מיט איר גוף,
און דער מ י ת ה אפגעענטפערט פריידיק:
— „שילט מיך נישט, קיין מיאוסע נעמען רוף!

— „ליארעם נישט, כ'וועל לייגן זיך אין קבר,
נאך א ווייל — און קומען וועט מיין סוף.
אבער אים... אים ריר נישט אן קיין אבר...
וועסט אים דא נאך אויפוועקן פון שלאף.

— „כ'האב פארשפעטיקט, פלאגט מיך דער געוויסן.
כ'האב געטראכט: ס'איז נאענט שוין די מ י ת ה,
לאז נאך איינמאל פילן זיין באריר —
אים איז דאך דא גוט אזוי מיט מיר.

— „ער האט מיר געבראכט אזויפיל פרייד.
זע, ווי ער צעקושט האט מיינע גלידער!
זיינע קושן בליען אויף מיין הויט,
בליען העל, ווי רויטער מאן צעגליטער." —

לאכט די מ י ת ה פון דעם מיידלס ווידוי:
— „כ'זע, מיט זון געקושט האסט זיך, פארוואר!
נאר ביי מיר ביזטו נישט קיין בת-יחידה,
טויטן דארף איך פיל נאך ביז קאיאר.

— „כ'בין דער צייט דא ערלעך און געטריי:
מי איז פיל פאראן — און איך ווער אלט.
יעדע רגע טייער איז — שוין צייט,
צייט שוין, מיידל — קלייב אין וועג זיך באלד!" —

בעט זיך ס'מיידל: — „ס'נעמט ארום דער בחור,
זע איך שוין פאר זיך נישט מער די וועלט:
פליסט א נייע קראפט אין אלע קנאכן,
א נישט־דאאיק גליק אין הארצן קוועלט.

— „כ'פיל קיין שרעק פאר אייגענעם געביין,
און איך דארף: נישט גאט, נישט מענטש, נישט קיינעם,
ווי א קינד, די פרייד דא פרייט אליין זיך,
שפיגלט ליבע זיך אין זיך אליין." —

שוויגט די מ י ת ה — ס'קלעמטביים הארץ חרטה,
זעט: דאס ליד — עס רייסט זיך מער נישט איבער!
שענער פון דער זון — נישטא קיין גאט איז,
און קיין פלאם, וואס העלער ברענט, ווי ליבע!

.6

שוויגט די מ י ת ה — און דעם מיידלס ווארט
ברענט מיט קנאה ס'הארץ, ווי גלי פון אייזן,
ווארפט אין היץ זי, הויבט זי פונם ארט —
וואס וועט מ י ת ה ס הארץ דער וועלט באווייזן?

גיט קיין מוטער מ י ת ה איז — א פרוי:
אויך ביי איר איז שטארקער הארץ פון שכל,
אויך ביי איר אין הארצן בליט פארזיי
פון רחמנות, כעס און אומעט ווייכן.

און אין ווען ס'האט פארליבט זיך מ י ת ה ,
און געביסן איז פון אומעטס גאל ווער, —
דורך די נעכט ער שעפטשעט ווערטער זיסע
וועגן גרויסער פרייד פון רו און שלוה.

— „נו, — זאגט מ י ת ה , —כ'גיב דא אויף דעם שטרייט.
זאל א נס געשען דא — כ'לאז דיך לעבן!
אבער איך וועל שטענדיק זיין דאנעבן,
אייביק, ל י ב ע , שטיין דא ביי דיין זייט." —

און זינט דאן, ווי ס'וואלט דער נס געשען דא,
גייען זיי, ווי שוועסטער צוויי, געארעמט:
נאך דער ל י ב ע שלעפט זיך איבער לענדער
ט ו י ט מיט קאסע אין די הענט, די דארע.

גייט איר נאך — א שוועסטער א געטרייע —
וואו א חתונה און א לוויה...
און, פאר'כישופט, ביידע שוועסטער וועבן:
פרייד פון ל י ב ע, העלן גליק פון ל ע ב ן .

1892

3. סימבאָליסטן

סאָלאָוויאָוו
מינסקי
סאָלאָגוב
מערעזשקאָווסקי
איוואַנאָוו
גיפּיוס
באַלמאָנט
לאָכוויצקאַיאַ
ברויסאָוו
קוזמין

וואַלאָשין
בלאָק
ביעלי
גאָראָדיעצקי
קליויעוו
סיעווועריאַנין
גומיליאָוו
אַכמאַטאָוואַ
מאַנדלשטאַם

3. סימבאָליסטן

סאָלאָוויאָוו

וולאַדימיר סערגעיעוויטש

(1900-1853)

ליבער פרײַנט...

ליבער פרײַנט, צי קאָנסט נישט מערקן:
אַלץ, וואָס מיר דאָ רופן אמת,
איז פון דעם, וואָס ס'אויג פאַרנעמט דאָ,
בלויז אַן אָפּשײַן, בלויז אַ רמז.

ליבער פרײַנט, צי קאָנסט נישט הערן,
אַז דער גאַנצער וועלט-געראַנגל
איז אַן עכאָ, בלויז אַן עכאָ
פון די יום-טובדיקע קלאַנגען.

ליבער פרײַנט, צי קאָנסט נישט שפּירן,
ס'איז בלויז איינס פאַראַן אין לעבן:
בלויז ווען איין האַרץ רעדט צום צווייטן
אין אַ שטימונג פון פאַרגעבן.

1888

דאָס אויג פון אייביקייט

אַליין און איינזאַם איבער ערד דער ווייסער
אַ שטערן גינט.
און ציט צו זיך מיט הימלדיקע שטעגן
צו זיך — אַהין.

אָ, ניין, צוואָוואָס? פאַראַנען לויטער נסים
אין בלויז איין בליק,
וואָס שליסט אַ בונד צעווישן ים און לעבן
און הימל-וויג.

אין אָט-דער בליק איז קלאָר אַזוי און נאָענט —
אין אים זיך שטראַל —
און דו אַליין וועסט ווערן שײַן און ברעגלאָז —
דער צאַר פון אַלץ.

1895

מינסקי (ווילענקין)

ניקאלאי מאקסימאוויטש

(1937 — 1855)

אין לייטערונג

ווי נאך א וועל — א לויפנדיקע וועל,
פארגעסונג-שעהן האבן ראש געזעגלט.
דער אומרו האט געוויגט זיך שווינדיק-שנעל,
דעם לעבן אפגעזאגט די נייע רגעם.

און אויסגעלייטערטער פון נייעם גליק,
האב איך גערעדט צו דיר פון ליבע-וואונדער.
געענטפערט „ניין"! האט מיר דיין סומנער בליק,
דערשטיקט דעם פלאם, וואס ס'האט דיין זעל צעצונדן.

1904

סערענאדע

בלייערנע וואלקנס אין הימל-רוים ציען זיך,
אומעטיק, גרויליק, און שיין.
נאקעטעביימער מיט יאמער-קלאג וויגן זיך,
וועק זיך פון שלאף נישט, מיין פריינט!

טרייב נישט, פארטרייב נישט די טרוימען די פריידיקע,
עפן די אויגן נישט אויף:
טרוימען אנזארגיקע,
טרוימען פארגעגנגלעכע
זעט מען בלויז איינמאל אין שלאף.

גליקלעך איז יענער, וואס שלאפט — און אים חלומט זיך
פרילינג אין הארבסטיקער קעלט.
גליקלעך איז יענער, וואס פרייהייט-טרוים ליכטיקן
זעט ער אין תפיסה'שער צעל.

וויי צו די וואכיקע! שליסן זיי קאנען נישט
אויגן אין נעכט און א סוף:
טרוימען אנזארגיקע,
טרוימען פארגעגנגלעכע
זעט מען בלויז איינמאל אין שלאף.

1901

כ׳בין אין שרעק...

כ׳בין אין שרעק צו דערציילן, ווי שטאַרק כ׳האָב דיך ליב.
כ׳בין אין שרעק, אַז דערהערנדיק ס׳וואָרט פון מיין ליפּ,
וועט דער ווינט אין די קוסטעס פון פרייד זיך צעבורן —
טאָן אַ פלי איבער ערד, ווי אַ שטורעם.

כ׳בין אין שרעק צו דערציילן, ווי שטאַרק כ׳האָב דיך ליב.
כ׳בין אין שרעק, אַז דערהערנדיק ס׳וואָרט פון מיין ליפּ,
וועלן שטערן אין רוים בלייבן שטיין אין גענלויפן —
און הענגען די נאַכט וועט אָן אויפהער.

כ׳בין אין שרעק צו דערציילן, ווי שטאַרק כ׳האָב דיך ליב.
כ׳בין אין שרעק, אַז דערהערנדיק ס׳וואָרט פון מיין ליפּ,
וועט מיין האַרץ זיך, אין וואַגזין פון ליבע דערשרעקן —
און פון גליק און יסורים... זיך עקן.

1890

פאַרגיין וועט, ווי אַ טרוים...

פאַרגיין וועט, ווי אַ טרוים, דעם מענטשנס זאָרג און וויי,
פאַרגעסן וועט מען העלד, ס׳וועט פוילן מאַוזאַליי
אין שטויב געמיינזאַמען פון עבר.
און חכמה, וויסן, רעכט און ליבשאַפט אָן אַ ברעג
פון האַנט פון גרויזאַמער וועט ווערן אָפּגעמעקט,
ווי אַלטע יוערטער — פון אַ טאָוול.

און ווערטער אַנדערע — שוין נישט פון זעלבער האַנט —
און ווייט פון שטומער ערד, פאַרגליווערטע אין וואַן —
דערשיינען וועלן, ווי אַ סוד אַ בלינדער.
אויפסניי וועט שיינען ליכט — צו ווערן חושכס רויב,
און עמיץ לעבן וועט, נאָר נישט ווי מיר — אין שטויב,
נאָר פונקט ווי מיר, וועט ער אין טויט פאַרשווינדן.

און שווער איז אונדז אַצינד פאַראויסזען און פאַרשטיין.
אין וואָס פאַרא לבוש ס׳וועט גייסט אויפסניי אַנטשטיין,
אַנטפלעקן זיך אין וועלכע שטריכן.
קאָן זיין, אַז אַלץ, וואָס דאָ ביי אונדז די ליבשאַפט וועקט,
נישט ווידערהאַלן וועט זיך דאָרט אין יענע טעג,
נאָר איין זאַך וועט זיך ווידערהאַלן זיכער:

בלויז וואָס מיר דענקען איצט, אַז ס׳איז אַ פוסטער טרוים,
און סמוטנע שטרעבונגען, וואָס זיינען קלאָר אונדז קוים,
און נאָך נישט-דאַאיקייט דאָס בענקען,

פון אַנגונגען דאָס ליכט, דער האַס צו דעם, וואָס דאָ,
דער דאָרשט נאָך הייליקייט, וואָס איז אויף דר'ערד נישטאָ —
בלויז דאָס אַליין איז נישט פאַרגענגלעך.

און וואָס פאַראַ געשטאַלט און וואו נאָר אויף דער וועלט
זאָל נישט אַ בליץ-טאָן ס'ליכט פון חכמה, שטראַליק-העל,
און ווער די ערד זאָל נישט באַוואוינען,
זיי וועלן רייסן זיך, ווי מיר, אין בלויער ווייט,
פון זייער גרויען שטויב צום טרוים פון אייביקייט —
און פונקט, ווי מיר, דאָרט טרויערן און שטוינען.

דעריבער איז נישט ד ע ר אומשטערבלעך אויף דער ערד,
וואָס איז זי דורכגעגאַן מיט רחמים, צי מיט שווערד,
ווער ס'האָט פון רום דעם קרישלדיקן טאָוול
מיט שטותים אָנגעפילט, מיט צוועקלאָזע, ווי דרויב,
פאַר וועמען ס'האָבן לייט, ווי ער — דער זעלבער שטויב —
געציטערט, אָדער אָנגעטאָן אים כבוד.

נאָר ס'איז אומשטערבלעך ד ע ר , וואָס האָט דורך שטויב פון צייט
דערזען אַ נייע וועלט זיך חלומען אין ווייט,
אַן אייביקן, אַ נישט-געדאַכטן האָפן,
ווער ס'האָט געדורשט אין לייד נאָך אַ נישט-דאָאיק גליק
און האָט זיך אַ מיראַזש, וואָס נערט זיין זעל און קוויקט,
אין מדבר פרוכטלאָזן געשאַפן.

1900

סאַלאַנוב (טעטערניקאָוו)

פיאָדאָר קוזמיטש

(1927 — 1863)

אין פאָגראָם-טעג

כ'האָב געאיילט זיך צו מיין כלה,
ווען פאָגראָם האָט אויסגעבראָכן:
כ'האָב אין דר'היים געפונען אַלע —
איר משפחה.

אַלע ליגן חרוב-וויסטע,
רינט זיך בלוט אין טונקלע ריקעס.
שטעקן טשוועקעס אין די בריסטן
און געניקן.

וואָס די ליבע האָט דעראָבערט,
בייזע קראָפּטן האָט גראָב צעטעכערט.
גוף פון כלה טשוועקעס האָבן
דורכגעלעכערט.

1906

דער נדר

ווען כ'בין אין ברויז פון ים געשוואומען
און ס'איז צום גרונט אַראָפּ מיין שיף,
האָב איך גערופן: — „פאָטער-טייוול,
קום, שלעפּ אַרויס מיך פון דער טיף.

— „נישט לאָז, נישט לאָז פאַרלוירן ווערן
כ'יין זעל פאַרביטערטער אַצינד —
און ס'רעשט פון מיינע שוואַרצע יאָרן
כ'וועל אָפּגעבן דעם גאָט פון זינד!" —

האָט מיך אַ נעם-געטאָן דער טייוול,
אַרויסגעשלעפּט מיך פון געזאַנק,
אַריינגעזעצט מיך אין אַ שיפל
מיט וועסלעס, זעגלען און אַ באַנק.

האָב איך געבראַכט צו דער יבשה,
צוריק צום לעבן מיין פאַרבלייב:
מיין אָפּגעשטויסענע נשמה
און אויך מיין אָרעם, זינדיק לייב.

און טריי בין איך דעם נדר, טייוול,
וואָס איך האָב אין אַ ווילדער שעה
געגעבן דיר, ווען כ'בין געזונקען —
און מיך געראַטעוועט האָסט דאָ.

כ׳וועל אומעטום דיך לויבן, טייוול,
להכעיס זינדיק־שווערע טעג,
אלץ לעסטערן — און פרומע מענטשן,
ווי דו, אראפפירן פון וועג.

1900

דער לץ

איר וואונדערט זיך אויף מיינע בגדים.
איר לאכט: — „ער קליידט זיך, ווי א געץ״ —
איך קום אראפ צו אייך, ווי פריער,
אין הייליקן געשטאלט פון לץ.

כ׳איז אייער חוק מיר נישט קיין אנווייז,
מיין שפאס איז אמת אן א ברעג.
ס׳איז אפענער געפארבטע מאסקע
פון אייער פנים, פול מיט שרעק.

און שעמערירענדיק מיט צויטן,
מיט גלעקלעך פאר א וויסטן לוין,
פיל ערלעכער דעם הויפנארס מיצל
איז פון דעם קיניגס שענצטער קרוין.

אנאנדער צייט און אנד׳רע וועגן:
ס׳איז נישט אמאל, ווען דרייסט און שארף
איך פלעג אין די פאלאצן קומען,
וואו ווילד געיובלט האט דער צאר.

אצינד אויף פאלקישן צונויפקום
איך הויב מיין פייקל אויף מיט גלאנץ
און לאך און שפאס פאר פרייע בירגער
און פאר א טויטער תפיסה כ׳טאנץ.

איר פרייט זיך דא מיט נייער פרייהייט —
מיט ערדם מיט הייליקסטן געזעץ.
עי, מאכט א וועג אים — ברייטער, ברייטער,
א ווארע מאכט — עס שפאנט דער לץ!

ער וועט, ווי שטענדיק, ווידער טרעפן
מיט זיין געלעכטער, דרייסט און שארף,
אויף דעם, וואס קלייבט זיך שוין צו לעקן
די האנט פון מארגנדיקן האר.

1905

דעם טייוולס הוידעלקע

אין שאָטן פון דער יאָדלע,
וואו ס'פליסט דער טייך אין גאַנג,
דער טייוול וויגט די הוידע
מיט מאָכיק-פלינקער האַנט.

ער וויגט און לאַכט און כיכעט:
פאַראוים — צוריק, פאַראוים — צוריק.
עס סקריפּעט ברעט אין בויגן
און ס'רייבט זיך, אָנגעצויגן,
אַן שווערן סענק דער שטריק.

עס פליט די ברעט און סקריפּעט
און וואַקלט זיך פאַרשייט.
דער טייוול לאַכט און כריפּעט
און האַלט זיך ביי אַ זייט.

איך האַלט זיך אָן און וויג זיך:
פאַראוים — צוריק, פאַראוים — צוריק.
איך פּרואוו פון אים זיך ווערן,
און מי זיך אָפּצוקערן
פון שד מיין טונקלען בליק.

און הויך אַריבער יאָדלע
איך הער זיין בלויען כיך:
— קוים וויגסט זיך אויף דער הוידע,
איז כאַפּט דער טייוול דיך! —

אין שאָטן פון דער יאָדלע
דער טומל איז געדיכט:
— קוים וויגסט זיך אויף דער הוידע,
איז כאַפּט דער טייוול דיך! —

איך וויים, ער וועט נישט וואַרפן
די לויפנדיקע ברעט,
כל זמן ס'וועט מיך פאַרשניידן
מיט שרעקן-האַנט דער שד.

כל זמן ס'וועט זיך צעדריוולען
די האַנט פון לויזן שטריק,
כל זמן אַנטקעגנקומען
וועט טרייע ערד צוריק.

איך פלי אַריבער יאָדלע,
ביז כ'פאַל צום באָדן — טראַך!
וויג, טייוול, וויג די הוידע
אַלץ העכער, העכער — אַך!

1904

דער קרוג

אין פולן קרוג, אין העל־געפּאַרבטן,
דער קנעכט פאַרכמורעט טראָגט דעם וויין.
דער קרומער וועג איז נישט באַלויכטן,
אין הימל איז נישטאָ קיין שיין.

מיט אָנגעשטרענגטע, שאַרפע אויגן
ער קוקט אין האַלב־חושך און קוקט,
אַז אויף זיין ברוסט דער וויין אין שטראָמען
זאָל זיך נישט אויסגיסן פון קרוג.

אַזוי־אָ טראָג איך מיינע ליידן
אין פולן ביזן ברעג פּיאַל:
דאָרט דרימלען גרויזאַם, פאַלש און ליסטיק
זכרונות מיינע — גיפט און גאַל.

אויף וועגן זייטיקע כ׳פאַרנעם זיך
מיט קרוג פון בייזן איבערפלוס:
מיט נישט־געהיטע הענט זאָל קיינער
מיר אים נישט אויסגיסן אויף ברוסט.

1903

* *
*

איך שלעפּ זיך איבער וועגן לאַנגע
פון ערדס געמאַרקן מיט פאַרדראָס:
כאָטש אויף אַ רגע ריינער ווערן,
כאָטש אויף אַ רגע ווערן פראָסט.

כאָטש גאָט דערזען אויף בלויז אַ רגע,
כאָטש הערן צאַרנדיקע רייד,
כאָטש איינמאָל בלויז זיך צוצולייגן
צו שוועלן פון גאָטס־הויז מיט פרייד.

דערנאָך זאָל פינצטערן אין שטויבן
גאָטס־וועג אין הייליקן אַ ל י י ן.
און זאָל אין אייטערדיקן דאַ־זיין
שוין שפּאָטן גרויזאַמער המון.

1896

אַ שטיל װיג-ליד

הוילע פיסעלעך אין שטויב,
פיל געלאָפן אינגל מײן.
ליבע פיסעלעך װאַש-אָפּ,
פיסל, פיסל, דרימל-אײן!
כ'װעל דיר זינגען װעגן רו:
באַיו-באַיושקי-באַיו!

שלאָף האָט אָנגעקלאַפּט אָן טיר·
כ'האָב געזאָגט: — „שלאָף, קום אַרײן.
דרימלען הענטלעך אויף זײן ברוסט,
װײסע הערעלעך — װי לײן“. —
זינג איך שטילער, זינג איך צו:
באַיו-באַיושקי-באַיו!

— „שלאָף, פונװאַנען!“ — „פונם פּלױן!“ —
— „װאָס געזען?“ — „לבנה-שײן!“ —
— „און מיט װעמען?“ — „מיט מײן פרײנט!“ —
— „איז דײן פרײנט געקומען?“ — „נײן!“ —
זינג איך שטילער, זינג איך צו:
באַיו-באַיושקי-באַיו!

דרימלט די לבנה בלײך.
שטיל אין פעלד איז און אין סאַד.
עמיץ בײ דעם פענצטער גײט,
עמיץ שעפּטשעט דאָרט אַ סוד.
זינג איך שטילער, זינג איך צו:
באַיו-באַיושקי-באַיו!

עמיץ בײ דעם פענצטער שאָרכט,
װי אַ שטילער צװײַג-גערױש:
— „שװער איז מיר דאָ. איך בין קראַנק.
ברודער, קום אין העלף אַרױס!“ —
שטילער, שטילער זינג איך צו:
באַיו-באַיושקי-באַיו!

— „כ'האָב געקאָשיעט גאַנצע טעג.
איך בין קראַנק און איך בין מיד“! —
און אַ שאָטן װיגט זיך, װיגט,
שטײט בײם פענצטער — און ער הים.
און איך זינג און זינג זיך צו:
באַיו-באַיושקי-באַיו!

1901

מערעזשקאווסקי

דימיטרי סערגייאיטש

(1941 — 1866)

די קללה פון ליבע

מיט אנשטרענג פרוכטלאָזן און שווערן
איך וויל צעברעכן ליבע־קייט:
ווי וואָלט איך וועלן ווידער פריי־זיין,
און מער נישט ליבן בין איך גרייט.

די זעל איז פול מיט שאַנד און פּחד
און וואַלגערט זיך אין בלוט און שפּאָט.
פון שטויבן רייניק מיין נשמה,
באַפריי פון ליבע מיך, אָ גאָט!

נאָר ס׳ווייזט מיר גאָט נישט קיין רחמנות,
איך בעט אומזיסט דורך נעכט אָן שלאָף:
איך ווער אַלץ מידער, האָפנונגלאָזער,
און כ׳ליב אַלץ שטאַרקער אָן א סוף.

נישטאָ קיין פרייהייט, קיין פאַרגעבונג:
צו קנעכטשאַפט ווערן מיר געצייט.
מיר זיינען אַלע דאָ פאַרמשפּט:
אויף ליידן, ליבע און אויף טויט.

1897

נירוואַנאַ

און ווידער, ווי אין טאָג פון בראשית,
איז שטיל דעם הימלס בלויע שיין,
ווי ס׳וואָלט קיין זינד געווען אין הארצן,
ווי ס׳וואָלט דאָ נישט געווען קיין פּיין.

איך דאַרף נישט מער קיין רום און ליבע.
אין שטילקייט פון צעהעלטע טעג
איך אָטעם רואיק, ווי די גראָזן,
וואָס שלאָפן וועלקנדיק ביים וועג.

איך וויל נישט חשבונען, נישט פרעגן,
איך וויל נישט קוקן אויף צוריק.
אָ, ס׳אַרא נחת — מער נישט טראַכטן,
און גאָרנישט וועלן — ס׳אַרא גליק!

1899

סאַקיאַ-מוני *)

איבער בערג און איבער טונקלע היילן,
וואו געהודיעט האָט דער אוראַגאַן,
איז געגאַן אַ מחנה בעטלער הוילע
צו דעם גאַנגעס **) — פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד.

דאַרע גופֿים שטאַרן אונטער שמאַטעס,
מיד פֿון רעגנס און פֿון ווינטשן מאַטע,
נישט געזען שוין האָבן זיי צוויי טעג
נישט קיין פֿייער, נישט קיין הויז אין וועג.

פּלוצים זע: אין פֿינצטערניש אין קאַלטער
עפּעס האָט פֿאָרויס געטאָן אַ שיין.
ס'איז אַ טעמפּל... דאָרט זיך צו באַהאַלטן
איז די מחנה וואַנדערער אַריין.

און פֿאַר זיי — דערשיינט אויף טראָן אויף הויכן
סאַקיאַ-מוני — שטיינערנער גיגאַנט,
און ביי אים אין קרוין, קוים צו דערגרייכן,
שטעקט אַ גרויסער צוויבער-בריליאַנט.

רופֿט זיך אָן איין וואַנדערער: — „חברים,
נאַכט איז פֿינצטער... קיינער איז נישטאָ.
וויפֿל זילבער, ברויט און פֿיינע סחורות
קאָן מען קריגן פֿאַר איין דימענט דאָ.

— "בודאַ'ן איז ער מער נישט נויטיק. ס'פֿעכלען
שענער אים, דעם הערשער פֿון דער וועלט,
קופּעס שטערן — פֿינקלדיק און העל —
אין זיין הימל, ווי אין בלויען בעכער". —

לויט אַ צייכן, גנבֿ'ען זיך ווי קעץ,
אין דער פֿינצטער בעטלער צו דעם געץ.

איידער נאָך דאָס הייליקטום זיי האָפֿן
אָנרירן מיט ציטערדיקער האַנט,
איז אַ דונער און אַ פֿייער-בראַנד
און אַ ווינט פֿון מדבר אָנגעלאָפֿן
און פֿאַרשטויסן זיי אין ווילדן וואַן.

אַלץ פֿון שרעק פֿאַרגליווערט איז געבליבן...
איינער בלויז — דערהויבן, דרייסט און עכט —

---

*) סאַקיאַ-מוני — דער וועלטלעכער נאָמען פֿון בודאַ.
**) גאַנגעס — דער גרעסטער טייך אין אינדיע.

טרעט־אַרוים פון בעטלערשער מסיבה,
רעדט צו בודאַ׳ן: — „גאָט, ביזט נישט גערעכט!”

— „צי געלאַיגט אונדז האָבן דיינע פּריסטער,
אַז דו היילסט דעם טרויער, ווי אַ וואונד,
אַז ביזט גוט און פול מיט חסד ביזטו,
אַז פאַרטרייבסט דעם חושך, ווי די זון.

— „ניין, דו שטראָפסט אונדז פאַר אַ שטיין אַ פּיצלס,
אונדז, וואָס ליגן דאָ פאַר דיר אין שטויב.
כ׳אַראַ בריה׳שאַפט צו שיטן בליצן
אויף אַ הילפלאָז בינטל בעטלער־דרויב!

— „שעם זיך, שעם זיך, קיניג פון די וועלטן,
גרויזאַם, מעכטיק האָסט זיך אָנגעגורט:
ברויט אַ ברעקל צונעמען ביי בעטלער!
בליץ פון וואָלקנס, הערשער פון נאַטור!

— „כ׳שטיי פאַר דיר מיט שטאָלצן קאָפּ דערהויבן,
ווי אַ גלייכער, האַר פון אַלע לויבן,
זאָל דיין פייל מיך טויטן פאַר פאַרברעך, —
כ׳זאָג דעם הימל און צו ערדן־שטויבן:
זעלבסטהערשער פון וועלט, ביזט נישט גערעכט!” —

ווערט אַנטשטומט ער... און ס׳געשעט אַ וואונדער:
ס׳זאָל דעם דימענט נעמען זיין נישט שווער,
בודאַס אָפּבילד בייגט זיין קאָפּ אַרונטער,
נייגט זיין שטאָלצן קאָפּ, מיט קרוין באַשווערט.
אויף די קני, באַשיידן, אונטערטעניק,
גרויסער גאָט, פון גאַר דער וועלט דער קעניג,
ליגט אין שטויב פאַר בעטלער אויף דער ערד.

1902

איוואַנאָוו

וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוויטש

(1949 — 1866)

די וואַנדערער פון שײנקײט

אײך — בײמער פון די אבות
און ענגע כרת־ערד.
און אונדז — דעם פרײַען וואַנדער
די שײנקײט האָט באַשערט.

און יעדן טאָג — אַ שינוי,
אַ נײַער נע־ונד,
אַ פּלען אָן סוף, אָן אויסגאַנג,
אַ בלאָנדזשענדער פּאַראַט.

אַ, גלויבט דעם נס אויף ווײַטער,
דער מעשׂה — אָן אַ צוים,
דעם בלוי פון אַלע פרילינגס,
דער רחבות פון דעם רוים.

חלומות פּאַשעט, קינסטלער,
טאַבונען פרײַע טעג,
רײַסט־אויף, צעאַקערט רוי־ערד,
די זאַנגען וואַרפט אוועק!

און פאַלט פון אײער רחבות
אַראָפּ אין ווינט־צעפּאַך
אויף פעלדער פון פאַרשקלאַפונג,
וואו שטאָליץ איז קנעכט מיט יאָך.

צעטראַמפּל דעם גן־עדן,
אַטילאַ — און פון לער,
ווי ליכטער, וועלן אויפגײן
די בלומען פון דער ערד!

1901

פּאַטאַ מאָרגאַנאַ

כ׳האָב לאַנג מיט גביאישן האָניק
געמישט דאָ דעם ערדישן סם.
אַז כ׳גלויב שוין די בײמער און טײַכן
אין יאוש פון מדבר אין פלאַם,

די שפּיגלען פון פּאַטאַ מאָרגאַנאַ,
דער לופטיקער וואַר פון נאַבאַט,
דעם ליגן פון ערדישע פירער,
דעם אמת פון הימלס פּאַראַט.

1908

ג י פּ י ו ס (מערעזשקאָווסקאַיאַ)

זינאַאידאַ ניקאָלאַיעוונאַ
(1944-1867)

מ י י ן ז ע ל

געמיין, געוויסנלאָז און נידריק-נעבעכדיק,
איז זי אי ערד-שטויביק, אי מיסטיק-גרוי.
און שטאַרבן שטאַרב איך דאָ פון אָט-דער נאָענטקייט,
וואָס נישט צעשיידבאַר איז מיט מיר אַזוי.

זי איז אַ שאַרסטקע, זי איז אַ שטעכיקע,
זי איז אַ קאַלטע, ווי אַ שלאַנג.
ס'האָט מיך פאַרוואונדעט דאָ איר פעל די שופּיקע
מיט איר דערווידערדיקן, הייסן בראַנד.

וואָלט זי מיך כאָטש אַ שאַרפן בים-געטאָן!
אָן אומגעלומפּערטע, זי קריכט אין שטויב.
אַזאַ-אָ שטילינקע, אַזאַ-אַ פּוילבלעכע,
נישטאָ קיין וועג צו איר — ווייל זי איז טויב.

מיט אירע רינגעלעך צו מיר זי לאַשטשעט זיך
און זוכט אַ כאַפּ-טאָן מיך ביים סאַמע קעל:
אָט-די-אָ טויטינקע, אָט-די-אָ שווארצינקע,
אָט-די-אָ שרעקלעכע — מיין זעל.

1904

א ו מ ל י ב ע

ווי נאַסער ווינט, אין לאָדן קלאַפּסטו,
ווי שוואַרצער ווינט, דו זינגסט: — „ביזט מיין!"
איך בין דער כאַאָס, דיין פריינט דיין אַלטער,
איז עפן-אויף פאַר אַלטן פריינט!"

איך האַלט די לאָדן, איך וואָג נישט עפ'נען,
אין שרעק פאַרטאַיעט, די לאָדן כ'האַלט
איך היט מיט בענקשאַפט און מיט באַדויער,
איך היט מיין ליבע — מיין לעצטן שטראַל.

עס לאַכט דער כאַאָס, עס רופט — דער בלינדער:
— „וועסט שטאַרבן, שטאַרבן — צערייס די קייט!
דו ווייסט וואָס גליק איז, דו ביזט דאָך איינזאַם,
ס'איז אין אומליבע, אין פרייהייט — פרייד." —

כ'וועל קילער, קילער. איך זאָג אַ תפילה,
קוים-קוים אַ תפילה פון ליבע כ'רוף.
די האַנט ווערט שוואַכער — די שלאַכט צו-ענד איז,
די האַנט ווערט שוואַכער — איך עפן-אויף.

1905

באַלמאָנט

קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש

(1942 — 1867)

כ׳בין אויף דער וועלט צו זען די זון געקומען

כ׳בין אויף דער וועלט צו זען די זון געקומען
און בלויען קרייז פון ערד.
כ׳בין אויף דער וועלט צו זען די זון געקומען
און הויך פון בערג.

כ׳בין אויף דער וועלט געקומען זען די ים׳ען,
פון טאָלן בונטע פאַרב.
כ׳האָב וועלטן גאַנצע אין איין בליק געקלאַמערט,
איך בין דער האַר!

כ׳האָב די פאַרגעסנקייט באַזיגט די וויאַלע,
מיין טרוים איז צאַרט און גרינג.
מיין יעדע רגע פול איז מיט התגלות,
און שטענדיק כ׳זינג.

עס האָבן ליידן אויפגעוועקט מיין חלום,
מיין ליבע איז צעבליט.
ווער גלייך איז צו מיין זינגעוודיקער דאַליע?
ניין, קיינער ניט!

כ׳בין אויף דער וועלט צו זען די זון געקומען.
און אויב דער טאָג איז גראָ,
כ׳וועל זינגען, זינגען וועגן זון און זומער
ביז לעצטער שעה.

1900

דער טשערעט

אין זומפּיקער שטילקייט פון נאַכטיקער שפּעט
שאַרכט רוישלאָז און רעש-לאָז, שאַרכט שטיל דער טשערעט.

וואָס שעפּטשעט ער דאָרט אומפאַרשטענדלעכע רייד?
וואָס ברענען דאָרט ליכטלעך, צעזייט און צעשפּרייט?

זיי מיניען און ווינקען און זינקען דאָרט איין —
און ווידער טויכט-אויף שוין די בלאַנדזשענדע שיין.

אין נאַכטיקע שעהן רוישט שטיל דער טשערעט,
וואו ס׳נעסטן זיך זשאַבעס און שלאַנגען ביז שפּעט.

עס ציטערט אין זומפּ אַ פאַרפייניקט געזיכט —
דאָס בייגט זיך אין טרויער ס׳לבנה׳ישע ליכט.

עס שמעקט שוין מיט סליאָטע, מיט נעץ און געשטאַנק,
עס וועט שוין פאַרזויגן, פאַרציען ס׳געזאַנק.

— „צואוואָס נאָך? און וועמען? — רעדט שטיל דער טשערעט, —
וואָס ברענען דאָ ליכטלעך פון פרי ביזקל שפּעט?״ —

נאָר ס׳בייגט זיך אין טרויער לבנה׳ישע ליכט
און ווייסט נישט — און נידערט פאַרפייניקט ס׳געזיכט.

צום עכאָ פון טויטער נשמהס געבעט
שאָרכט טרויעריק, רוישלאָז, שאָרכט שטיל דער טשערעט.
1908

אַ וויג-ליד

בלומען פון דופטיקער ליפּע צעבליען זיך,
שלאָף-איין, מיין טייערס, שלאָף-איין!
נאַכט וועט מיט צערטלעכן דעמער פאַרהילן אונדז,
ווייט אין די הימלען וועט צינדן זיך שיין.
סודותדיק וועלן זיך ווינטן צעפּליסטערן,
לאָמיר פאַרגעסן פון עבר די פּיין,
לאָמיר פאַרגעסן די פּיין, וואָס וועט קומען נאָך,
שלאָף-איין, מיין טייערס, שלאָף-איין!

קינד מיינס, דו אָרעמס, אָ, קינד מיינס, דו שעמעוודיקס,
הייניק האָט פרייד אין דיין לעבן געבלים.
פול איז מיט ליידן דיין דאָליע, דיין ביטערע,
פונקט ווי צום טייכעלע בויגט זיך און קניט
צערטליך די ווערבע פאַרוויינטע, פאַרטרויערטע,
פונקט אַזוי מאַטערט דיין בליק מיין געמיט,
זוכט דאָרט אַן ענטפער אויף אַלץ... שלאָף, מיין טייערע,
כ׳וועל דיר דאָ זינגען אַ ליד.

אָ, מיין ליב שוועלבעלע, אָ, מיין ליב קינדעלע,
עלנט איז אונדזער באַשייד.
פריידן און ליידן דאָ גלייך אויף גלייך טיילן מיר,
נויג זיך צום האַרץ מיינעם נאָנט און פאַרטרויט.
מירן נישט בייטן זיך, מירן נישט שיידן זיך,
מירן דאָ זיין טאָג און נאַכט זאַלבעצווייט.
מירן צוזאַם זיך אויף אייביק באַרואיקן...
שלאָף-איין, מיין ליכטיקע פרייד!

1910

בײַ מיר אין גאָרטן

בײַ מיר אין גאָרטן װײַסע רױזן גלימערן,
רױזן װײַסע, רױזן רױט־פאַרקרױזטע.
אין מײַן נשמה פֿרומע טרױמען שימערן,
תּאװהדיק — נישט־דרײַסטע.

געזען האָב איך דיך אײנמאָל בלױז, מײַן טײַערע,
אײן טרױם אַ צװײטן געגנט־אָן בלױז אײנמאָל.
אין מײַן נשמה ברענט מיט טױזנט פֿײַערן
די ליבע אָן אַ צײמל.

איך זע דאָס פּנים דײַנס, דאָס בלײַך־פֿאַרזונקענע,
די כװאַליעס האָר, װי טרױמען העל־צעװײטע.
אין דײַנע אױגן לױכט דערקענונג טונקעלע,
און ליפּן, ליפּן — רױטע.

כ'האָב אײנמאָל בלױז מיט דיר פֿאַרזוכט, מײַן טײַערע,
די העלע פֿרײד, װאָס גליק די מענטשן רופֿן.
אַ, שאָטן מײַן, אַ ליבע אומגעהײַערע,
נישט־זעעװדיק, נישט־גופֿיק.

װי טרױבן צײַטיקע, מײַן ליבע שיכּור איז.
בײַ מיר אין הארצן הײסע רופֿן בױטען.
בײַ מיר אין גאָרטן װײַסע רױזן צװיקערן,
און רױזן העלע־רױטע.

1901

דאָס געבעט פֿון זײַן

כ'האָב געפֿרעגט בײַ דעם װינט בײַ דעם פֿרײַען:
װי דערגרײכט מען פֿון יוגנט דעם זין?
האָט געענטפֿערט דער װינט מיר, דער שטיפֿער:
— „זײַ לופֿטיק, װי רויִק און װי װינט!" —

כ'האָב געפֿרעגט בײַ דעם ים, בײַ דעם שטאַרקן:
דאָס געבעט װאו ז'דאָס גרױסע פֿון זײַן?
האָט געענטפֿערט דער קלאַנגפֿולער ים מיר:
— „דאַרפֿסט, װי איך, אַזױ זינגעװדיק זײַן!" —

כ'האָב געפֿרעגט בײַ דער זון בײַ דער הױכער:
כ'װיל אַ פֿלאַם־טאָן, װי ליכטיקער פֿרי.
האָט מיר גאָרנישט די זון נישט געענטפֿערט,
נאָר דערהערט האָט די זעל מײַנע: — גלי!" —

1900

* *
*

כ'האב אין טרוימען געכאפּט די פארגייענדע שאטנס,
די פארגייענדע שאטנס פון דעם טאג, וואס פארגליט.
כ'בין אויף טורעם ארויף, האבן שטיגן געציטערט,
האבן שטיגן געציטערט אונטער טראמפּל פון טריט.

און וואס העכער איך גיי, נעמען בולטער שווימען,
נעמען בולטער שווימען די קאנטורן ביים זוים.
האבן על-ווייטע קלאנגען ארום זיך צעקלונגען,
ארום זיך צעקלונגען פון דער ערד ביזן רוים.

און וואס העכער איך שפּאן, נעמען ליכטיקער בליצן,
נעמען ליכטיקער בליצן טונקלע שפּיצן פון בערג,
ווי זיי וואלטן געצערטלט מיט דער שיין מיט דער לעצטער,
מיט דער שיין מיט דער לעצטער מיין פארנעפּלטע טרער.

אונטן; טיף אונטער מיר איז די נאכט צוגעפאלן,
איז די נאכט צוגעפאלן צו דער דרימלענדער ערד.
נאך פאר מיר אין דער הויך האט די זון נאך געלויכטן,
האט די זון נאך געלויכטן און דערברענט צווישן בערג.

כ'האב דערקענט, ווי צו כאפּן פארגייענדע שאטנס
די פארגייענדע שאטנס פון דעם טאג, וואס פארגליט.
כ'בין אלץ העכער ארויף — האבן שטיגן געציטערט,
האבן שטיגן געציטערט אונטער טראמפּל פון טריט.
1906

איך וויל אזוי!

כ'וויל זיין א דרייסטער, כ'וויל זיין א פרעכער
און פלעכטן קראנצן פון רייפער פרייד.
איך וויל געניסן פון לייב פון פרעכטיקס,
איך וויל צערייסן אויף דיר דאס קלייד·

כ'וויל זשאר פון בריסטן מיט חשק גלעטן,
פון צוויי באגערן בלויז מאכן איין.
פארנעמט זיך, מענטשן, פארנעמט זיך, געטער!
איך וויל דא בלייבן מיט איר אליין.

זאל מארגן קומען אי קעלט, אי חושך,
היינט ס'הארץ מיינס שענק איך דעם ליבע-ווײ.
כ'וויל גליקלעך זיין דא, מיט יוגנט רוישן,
כ'וויל זיין א דרייסטער! איך וויל אזוי!

1900

עס ברענט דאָס ליכט

עס ברענט דאָס ליכט און לעשט זיך
און ווידער ברענט און טליקט,
די יוגנט-טעג בלויז צאַנקען —
און קומען נישט צוריק.

איז ברען-זשע, ברען און פלאַקער,
כל זמן דו ביזט נאָך יונג,
און ריר די סטרונעס שטאַרקער
פון האַרצנס כישוף-קלונג.

ס'זאָל זיין וואָס צו דערמאָנען
ביים סוף פון שווערע יאָר,
ס'זאָל לויכטן אויף דער עלטער
אַ שיין דיר, העל און קלאָר:

פון הערלעכע חלומות,
פון יוגנטלעכן דראַנג,
פון וואַנזיניקן, שיינעם
און הייליקן געדאַנק.

1912

דער געלייטער

כ'בין פון לאַנגזאַמער רוסישער שפּראַך דער געלייטער.
קענען מיר איז אַ פאַרגייער — יעטווידער פּיטן.
כ'האָב דער ערשטער אַנטפּלעקט אין דער שפּראַך ווערטער שלאַנקע,
בייז-צעזונגענע, צאַרניקע, צערטלעכע קלאַנגען.

כ'בין דער איילעקער בראָך,
כ'בין דער דונער, וואָס פּאָכט,
כ'בין דער ליכטיקער קוואַל,
איך בין קיינעמס און אַל.

כ'בין דער שוימיקער פליעסק, וואָס איז גאַנץ און צעריסן,
כ'בין די איידלסטע שטיינער פון טיף-ערדישע נסים,
כ'בין דער רוף אין דעם וואַלד פון די מאַיען די גרינע,
אַלץ באַנעם איך מיט שטאָלץ און נעם-צו עס מיט קנאה.

אייביק יונג, ווי אַ טרוים.
און די ליבע אָן צוים
גלייך צו אַלעמען גליט.
כ'בין ס'געלייטערטע ליד.

1902

לאכוויצקאיא (זשיבער)

מירא אלעקסאנדראוונא

(1905 — 1871)

סטרוימט א וועלט

ס׳טרוימט א וועלט אין קרישטאל
און אין פלאמיקן שטויב —
א פאר׳כישופטער וואלד
אויף פארפרוירענער שויב.

און דער ווינטערשער פרי
האט צעצונדן א בראנד —
א פארכישופטן שלאס,
פול מיט וואונדער און וואן

און דאס לעבן באצירט
מיט א זילבערנער שוים —
אויף פארפרוירענער שויב
א פארגליווערטער טרוים.
1898

* *
*

און קרעכץ פון ווינט און פליסטער פון געדאנק,
און ס׳לעבן גייט נישט איין.
און ערגעץ רוישט דער ים ביים הייסן ברעג,
און פרייד און העלע שיין.

עס בלאזט זאווי. אין הארצן וואקסט דער עול
פון טרעריקן צעברויז.
און ערגעץ בליט דער גרינער הדס-בוים,
און קוסט פון ווייסער רויז.

דאס לעבן גייט, פארגייט אין פוסטן טרוים,
אין נישטיקייט, אין פיין.
און ערגעץ קוואליק רוישן פרייד און גליק
און ליכטיקייט און שיין.

1901

בריוסאָוו

וואַליערי יאַקאָוולעוויטש
(1924 —1873)

דער מוליער

— מוליער, אַ מוליער, אין פאַרטוך אין ווייסן,
בויסט דאָ פאַר וועמען און וואָס?
— עי, נישט געשטערט אונדז, מיר בויען דאָ פלייסיק,
זעסט נישט: אַ תפיסה איז דאָס!

— מוליער, אַ מוליער, זאָג: ווער וועט דאָ קלאָגן,
ווער וועט פאַרגיסן אַ טרער?
— זיכער נישט דו, נישט דיין ברודער — דער נגיד —
גנבענען דאַרפט איר נישט מער.

— מוליער, אַ מוליער, צי ווייסטו דעם ענטפער:
ווער וועט דאָ ווײלן אָן שלאָף?
— אפשר מיין זון גאָר — אַן ארבעטער-קעמפער —
ס'איז שוין אַזאַ אונדזער שטראָף.

— מוליער, אַ מוליער, וועט ער דאָ דערמאָנען
ווער ס'האָט געלייגט שטיין אויף שטיין?
— עי, נישט געשטיפט, היט זיך אוים פון סכנה!
שווייג שוין — מיר ווייסן אַליין!
1902

דעמער

עס ברענען עלעקטריש לבנות
אויף שטאַנגען, געבויגן און לאַנג.
אין צערטלעכע פינגער, ווי סטרונעס.
קלינגט הויך טעלעגראַפן-געקלאַנג.

עס צינדן זיך העל ציפערבלאַטן,
פאַרכישופטע איבער המון.
אין רואיקייט קילער און מאַטער
וואַכט-אויף פון די גאַסן דער שטיין.

פאַרשטילט אונטער נעצן לילאָווע,
ליגט בלויער, פאַרנעפּלטער סקווער.
און ס'קושט מיט אַ שמייכל דער אָוונט
די אויגן פון זונות פאַרקלערט.

ווי קלאַנגען פון פיאַנאָ, פאַרחלומט,
די ווייטלעכע טאָג-מורמלעריי....
אָ, דעמער, מיט גנאָד און מיט שלום
באַטרינק און באַצויבער אויפסניי!
1897

פ אַ ר פ ל י כ ט ו נ ג ע ן

נישט באַקאַנט מיר קיין אַנדער פאַרפליכטונג,
חוץ דעם זויבערן גלויבן אין זיך.
אַט־דער אמת באַדאַרף נישט קיין סמיכה,
בלויז דורך ליבע דערזען כ׳האָב דאָס ליכט.

ווייל אומענדלעך דער וועג איז צו שלימות,
היט־זשע אָפּ יעדע רגע פון ז י י ן.
איין געגנום איז פאַראַן אַ געהיימער:
קאָנסט פון זיך אַליין העכער נאָך זיין.

בלויז מיט צערטלעכקייט, אומגלוסט, פאַראַכטונג —
מיטן וועג פון די דריי דאַרפסטו גיין.
אַך, ווי גוט אין דעם רוים נישט־געדאַכטן
הינטער זיך בלויז דערזען זיך אַליין.

1897

ל ע נ י ן

ווער איז ער? פירער, וועלטן־פּאַסטעך
פון פאָלקס־ווילנס. געווען זיין זכות
צו בייטן וועג פון מענטשהייט דראַסטיש,
פון צייט די כוואַליעס אין איין פלוס.

צו נייער ערא האָט גערופן
אַ ק ט י אַ ב , — און שטאַרקער וועלט צעטיילט,
ווי אַלע מאַסן, אַלע תקופות,
ווי רענעסאַנס, אַטילאַס זויל.

די אַלטע וועלט ווערט שוואַכער, קלענער,
די נייע וועלט — אַ ים, וואָס פליסט.
און פון אָקטיאַבער־שטורעם — ל ע נ י ן
האָקסט־אוים אויף ראַנדן, ווי אַ ריז.

אַ ערד, פלאַנעט אין גרינע שטראַמען,
די נישטיקסטע אין וועלט־געשטויב,
דיין הערלעכקייט — אין אַט־דעם נאָמען,
פון אַלע רומען — שענצטער לויב!

געשטאָרבן איז ער. בלויז איין רגע
האָט ער אין דורות אויפגעהעלט,
זיין לעבנס טאַט און זיין אַנטפּלעקונג
דערלאַנגען וועלן מיר דער וועלט.

1924

צו אַ יונגן דיכטער

אינגל דו בלייכער, מיט בליקן צעבליצטע,
נעם־אָן פון מיר דריי געבאָטן, ווי פליכטן:
ערשטער געבאָט איז — נישט לעב מיטן א י צ ט ע ר,
ס'איז בלויז די צ ו ק ו נ פ ט ס'געביט פונם דיכטער.

צווייטער געבאָט — האָב קיין מיטלייד מיט קיינעם,
בלויז זיך אַליין לאָב מיט ליבע־געפילן.
דריטער געבאָט איז — דער קונסט בלויז דער ריינער
בוקן זאָלסטו זיך אי זינלאָז, אי ציללאָז.

אינגל דו בלייכער, מיט בליקן פאַרדריקטע,
נעמסטו דאָ אָן די געבאָטן, ווי פליכטן, —
פאלן קאָן איך, ווי אַ העלד אַ באַזיגטער:
כ'האָב אויף דער וועלט דאָ געלאָזן אַ דיכטער.

1896

די קינפּטיקע הונען

וואו זייט איר, אַ קינפטיקע הונען,
איר, וואָס הענגט איבער וועלט, ווי דעלירן?
איך הער אייער טראָט, ווי טשוהונען,
איבער נאָך נישט־אַנטדעקטע פאמירן. *)

איר ויעט אויף אונדז, שיכורע כיתות,
פון פינצטערע ווימטעם אַ פאַל־טאָן,
מיט כוואַליעס פון בלוטן צעגליטע
באַלעבן די לייבער די אַלטע.

פון שקלאַפישער פרייהייט די העלדן,
שטעלט־אויף ביי פאַלאַצן די באַנערם,
צעאַקערט אין פריידיקע פעלדער
דעם זאַל, וואו דער טראָן איז געשטאַנען.

ברענט ביכער אין חדוה אין טעמפער
און האַפקעט אין פרייד ביי די שייטערם,
טוט מיאוסקייטן אָפ אין די טעמפלען —
ווי קינדערלעך, אומשולדיק זייט איר!

און מיר, די חכמים און דיכטער,
די היטער פון סוד, וואָס איז הייליק,
מיר וועלן געצונדענע ליכטער
פאַרטראָגן אין מדרבשע היילן.

---

*) פאמיר — אַ מדבר־לאַנד אין צענטראַל אַזיע.

און וואָס וועט דער שפּיל פונם צופאַל,
דורך חורבן און רעש און געוויטער,
פון אונדזער פון גרויזאַמער תקופה,
פון אונדזער יצירה פאַרהיטן?

ס׳וועט אַלץ אייער האַנט דאָ פאַרצערן,
וואָס מיר בלויז געוואַגט האָבן וויסן.
נאָר איך, וואָס איר וועט מיך צעשטערן,
מיט זיגרייכער הימנע באַגרים איך.

1905

צום דיכטער

דאַרפסט שאַרף זיין, ווי שווערדישע שאַרפן,
און שטאָלץ, ווי אַ פּאַן, דאַפסטו זיין.
ווי דאַנטען, דיין פּנים דאַרף שרפע׳ן
פון גיהנם די פלאַמיקע שיין.

פון אַלץ זיי אָן עדות אַ קאַלטער,
ציל־אָן דיינע בליקן — און שטוין.
און זיין דאַרף דיין טוגנט צעשטראַלטע:
די גרייטקייט אויף שייטער צו גיין.

קאָן זיין, אַלץ איז דאָ בלויז אַ מיטל
פאַר ליכטיקן לידער־געזאַנג.
פון קינדערוויז אָן, פון נישט־צעבליטער
זוך זיווג פון ווערטער־געקלאַנג.

אין רגעס פון ליבע און פריידן
צו קאַלטבלוטיקייט זיך דערהויב.
אין שעה פון אוממענטשלעכע ליידן
די פּיין און די וויטיקן לויב.

און זיין וועט אָן גליק און פאַרלאַנגען
דיין גורל אויף קיינעמ׳ס באַראָט.
און וויס: ביזט אויף אייביג געפאַנגען
אין מאַכט פון פאַרבאָרגענעם סוד.

כאַפּ־אויף וואָס עס שעפּטשעט אין צויבער
דער גורל פון פרי ביזקל שפּעט.
געדענק אויך: פון דערנער איז אייביק
די הייליקע קרוין פון פּאָעט.

1907

קוזמין

מיכאַיל אַלעקסעיעוויטש

(1936 — 1875)

דאָס בלינדע קינד

אויפֿן ברעג איז דאָס בלינדע קינד געזעסן.
און די ים־לײַט האָבן אים אַרומגערינגלט.
און שמייכלענדיק, האָט דאָס קינד געזאָגט: — „קיינער ווייס נישט
פֿון וואַן איך קום, וואוהין איך גיי און ווער איך בין.
קיין שטערבלעכער קאָן מיך נישט אויסמײַדן
און מיך אונטערקויפֿן קאָן מען נישט.
פֿאַר מיר זײַנען אַלע גלײַך: דער העלד, דער דיכטער און דער בעטלער.

איך טראָג פֿון אומפֿאַרמײַדלעכקייט דעם האָניק:
פֿאַר איינעם אומגליק, פֿאַר אַ צווייטן — פֿרייד.
דער אינגלינג רופֿט מיך מיטן נאָמען „ליבע",
דער רײַפֿער מאַן, ער רופֿט מיך „לעבן",
דער זקן רופֿט מיך „טויט".
ווער זשע טאַקע בין איך!" —

1904

מײַן שטאָט

ים־לײַט פֿון אוראַלטע משפּחות,
פֿאַרליבטע אין ווײַטע האָריזאָנטן,
וואָס טרינקען ווײַן אין טונקעלע האַפֿנס,
אַרומנעמענדיק לוסטיקע פֿרויען.

פֿראַנטן פֿון די דרײַסיקער יאָרן,
נאָכאָמער פֿון ד׳אָרסעי און ברומעל,
וואָס ברענגען צרײַן אין שטעלן פֿון דענדים
נאַאיוויטעט פֿון אַ יונגער ראָסע.

יוסטע גענעראַלן מיט אָרדנס —
געוועזענע פֿריילעכע יונגען,
וואָס דערציילן לוסטיקע מעשׂות בײַם ראָם
איין־און־די זעלביקע מעשׂות.

פֿאַרנעמע אַקטיאָרן אָן איבעריקן טאַלאַנט,
וואָס האָבן געבראַכט פֿון פֿרעמדן לאַנד אַ שולע,
שפּילן אין רוסלאַנד „מאַהאָמעדן"
און שטאַרבן — אומשולדיקע וואָלטעריאַנער.

און מיידלעך אין סטיינגעס,
וואס שפילן מיט געפיל מאראקליוס וואלסן,
און שנירלעך־אוים בייטעלעך פון קרעלען
פאר זייערע חתנים אין די ווייטע מלחמות,
און פארגייען זיך תפילהדיק אין קלויסטערס,
און ווארפן זיך קארטן.

אויסגערעכנטע, קלוגע פריצהטעס,
וואס רימען זיך מיט זייערע זאפאסן,
וואס קאנען יענעם באפאלן און באשפעטן
און מוחל זיין און פריינדלען זיך מיט מענטשן —
אפשפעטערינס און פרומע צניעות,
וואס שטייען אויף קאיאר אין ווינטער.

און חנ׳עוודיק־נארישע בלומען פון טעאטער־סטודיעס,
פון קינדווייז־אן געהייליקטע דער קונסט פון טאנצן,
צערטלעך־אויסגעלאסענע,
ריינלעך־זינדיקע,
וואס ברענגען־אוים דעם מאן אויף טייערע קליידער
און קוקן־אן זייערע קינדער
בלויז איינמאל אין טאג.

און פריער נאך — דווארינעס פון פארווארפענע עקן,
אזוינע גרויזאמע יחסנים,
פון דער רעוואלוציע אנטלאפענע פראנצויזן,
וואס האבן נישט באוויזן ארויפצוגיין אויף דער גיליאטינע.

אלע — איר, איר — אלע,
האט געשוויגן אייער גאנצן לעבן.
און איצט שרייט איר מיט הונדערטער קולות,
געשטארבענע און לעבעדיקע,
אין מיר — דעם לעצטן און ארעמסטן פון אייער שטאם —
וואס האט פאר אייך א צונג באקומען
און וועמעס יעדער טראפן בלוט
איז אייך נאענט,
הערט זיך צו צו אייך,
האט אייך ליב.

איר — אלע:
וואוילע, נארישע, רירנדיקע, נאנטע,
בענטשן מיך
מיט אייער שטיל־שווייגנדיקער ברכה.

1909

וואָלאָשין, (קירענקאָ)

מאַקסימיליאַן אַלעקסאַנדראָוויטש

(1932 — 1877)

זי

איך האָב אומזיסט געזוכט איר שפור
פון טראָפּיק ערדישן ביז טראָפּיק,
אויף טרעפּ פון הימאַלאַיער בערג,
אין אַלטע האַפנס פון אייראָפּע.

איך האָב אין איר דעם ווייטן טרוים
געזען פון דורות איידער-איידער.
געוואוסט דעם שאָרך פון אירע טריט,
געפילט דעם רויש פון אירע קליידער.

כ'האָב רו פון קברים אָפט פאַרשוועכט,
מיט האַק געהויבן אַלטע פּליטעס,
און זי געזוכט און זי געליבט
אין תאווה-שטריכן אַפראָדיטעס.

איך האָב פאַר איר געקניט אין שטויב,
געקושט די פלאַמענדיקע ריזע
פון זון — דער בת-מלכה ט אַ י אַ ד,
די שלייערן פון מאָנאַ-ליזע.

אין זיסער אָנמאַכט כ'האָט געזען
זי אונטער גלעקער-קלאַנג און תפילה
אין געטינס וואַקסענעם געזיכט
אויף הייסע גאַסן פון סעווילייע.

געלייענט האָב איך איר גורל קלאָר
אין שמייכל פון דעם אָנהויב עיבור:
ביי טויטע יונגפרויען אין גרוב,
ביי פרויען אין מאָמענט פון ליבע.

ס'האָט אָפט איר שמייכל מיר געטלי'ט
אין פלאַם פון פנימער באַקאַנטע.
און עמיץ האָט גערופן מיך
פון תהום פון לייבער נישט-געאַנטע.

נאָר אומפאַרענדערלעך איז זי,
זי שלייכט-אַרוים פון שאָטנס בלייכע,
און אויף די ליפן פינקלט שטיל
איר אייביק-אומפאַרמיידלעך שמייכל.

1910

בלאָק

אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש
(1921 — 1880)

לידער וועגן רוסלאנד

1. אָ, רוסלאַנד, אָרעמע...

עס טרעפּען זיך דריי אַלטע שלייעס
דורך יאָרן גאָלדענע אויפסניי,
אין לויזע, בלאָטיקע קאָלייעס
צעפּאַרבטע שטאַנגען זינקען פרייי.

אָ, רוסלאַנד אָרעמע, עס זיינען
מיר דיינע הייזלעך ביי דער ערד
און ווינט-געקושטע לידער דיינע,
ווי יונגער ליבעס ערשטע טרער.

איך האָב אויף דיר נישט קיין רחמנות.
איך טראָג מיין קרייץ — מיין מידע גאַב.
צום ערשטן ליכטיקן מכשף
דיין שיינקייט רוצחישע גיב־אָפּ.

זאָל ער פאַרנאַרן און פאַרפירן,
דו וועסט דערפון נישט אונטערגיין.
עס וועט די זאָרג בלויז שטום פאַרנעפּלען
דיין ליכטיק-צויבערלעכן חן.

איז וואָס? וועט זיין מיט איין זאָרג מערער —
פון נאָך אַ טרער דער טייך ברויזט-אויף.
און דו ביזט אַלץ נאָך — וואַלד און פלוינען,
און פאַרביק טיכל ביזן שלייף.

און דאָס אוממעגלעכע ווערט מעגלעך,
און לייכטער ווערט דער וועג צום גליק,
ווען ס׳טוט אַ בליץ אין וויטן מהלך
פון אונטער טוך אַ הייסער בליק
ווען ס׳קלינגט, ווי אומעט-פּיין פון תפיסה,
דאָס שטומע וויי-ליד פון יאַמשטשיק. *)

2. אָן אויפהער זינדיקן

אָן אויפהער זינדיקן, אָן בושה,
פאַרלירן מ׳חשבון פון די טעג,
דערנאָך מיט שווערן קאָפּ — צום קלויסטער
מיט שטעגל זייטיקן אַוועק.

---

*) יאמשטשיק — אַ פורמאַן.

דריי מאָל אויף קני אַנידערפאַלן,
און צלמען זיך זיבן מאָל,
און אין געהיים מיט הייסן שטערן
באַרירן דעם פאַרשמוצטן פאָל. 1)

אַוועקלייגן אַ קופּער־גראָשן
אויף טעלערל — און נאָכאַנאַנד
אָלץ קושן, קושן לאַנג, אָן אויפהער,
אַזויפיל מאָל געקושטע האַנט.

אַהיימקומען, אויף זעלבן גראָשן
אַ שכן אָפּנאַרן מיט גיר,
און באַלד אַ הינקענדיקן כלב
מיט פוס אַ שטויס־טאָן פון דער טיר.

און ביי דעם לעמפּל פון איקאָנע
טיי טרינקען, חשבונען אויף „שטשאָט", 2)
באַשפּייען, ציילן די קופּאָנעס
אין אַלטן, בייכיקן קאָמאָד.

און אויף דער פערענע דער ווייכער
אַנשלאָפן ווערן, טעמפּ און שווער, —
אַזאַ אַפילו, ביזט, מיין ר ו ס ל אַ נ ד ,
פון אַלץ מיר טייערער אויף דר'ערד.

1914

3. אויף קוליקאָווער פעלד 3)

דער טייך צעשפּרייט האָט זיך. ער וואַשט די ברעגן
און אומעט שעפּט.
די סטויגן טרויערן ביים געלן באַרג־רים
פון בידנעם ליים אין סטעפּ.

אָ, רוס מיינע, אָ! ווייב מיינע! ביז וווייטיק
דער וועג איז אונדז באַוואוסט,
דער וועג, ווי פייל פון טאָטערישן הפקר,
צעלעכערט אונדז די ברוסט.

דער וועג פון סטעפּ, דער וועג פון גרויען אומעט,
דיין בענקשאַפט, רוס, צעבליט.
פאַר חושך לעצטן, נאַכטיקן אַפילו,
איך שרעק זיך ניט.

---

1) פאָל — דיל.

2) „שטשאָט" — ביינדלעך, לויט וועלכע רוסן מאַכן זייערע געלט־חשבונות.

3) קוליקאָווער פעלד — אין 1380 האָבן די רוסן צום ערשטן מאָל באַזיגט די טאָטערן אויפן קוליקאָווער פעלד אין טולער גוב. דאָס האָט שפּעטער געפירט צו דער באַפרייאונג פון די רוסן פון דעם טאָטערישן יאָך.

זאל זיין, ס׳איז נאכט. מיר וועלן סטעפּ באלויכטן
מיט שייטער־בראנד.
עס וועט אין סטעפּ־רויך אונדזער פאן א בליץ־טאן,
ווי שווערד פון כאן.

און אייביק שלאכט! מיר זעען בלויז אין חלום
די רו דורך בלוט־צעגאס.
עס יאגט, עס יאגט די סטעפּישע קאבילע
און טראמפּלט ס׳גראז.

נישטא קיין סוף! עס שווינדן ווערסטן, סקאסן...
א, שטעל זיך אפּ!
עס יאגן, יאגן שרעקעדיקע כמארעס
אין בלוטיקן גאלאפּ.

אין בלוט די שקיעה! בלוט פון הארצן ריזלט...
וויין, הארץ מיינס, קלאג!
נישטא קיין רו! די סטעפּישע קאבילע
פארוים זיך טראגט.

1908

אַלץ אויף דער ערד וועט שטאַרבן

אלץ אויף דער ערד וועט שטארבן: מוטער, יוגנט,
פארראטן וועט דאס ווייב, פארלאזן וועט דער פריינט.
נאר דו, דו לערן זיך אנאנדער טעם געניסן,
פארקוק זיך אין דער קאלטער פאליוס־שיין.

דיין שיפל נעם און שווים צום וייטן פאליוס,
צו ווענט פון אייז — און שטיל פארגעס אין גאף,
ווי מ׳האט געליבט, געקעמפט און אומגעקומען,
פארגעס דאס עבר־לאנד פון לײדנשאפט.

און צו דעם אויפציטער פון קריוה לאנגזאם־שארפער
געוואוין די זעל דיינע די מידע, איין, —
אז זי זאל ד א שוין גארניט ניט באדארפן,
ווען ס׳וועט פון ד א ר ט א פלייץ טאן איר די שיין.

1909

די אומבאַקאַנטע

אין רעסטאָראַנען אין די אָונטן
די הייסע לופט איז ווילד און הויל —
און ס׳הערשט איבער קולות שיכורע
אַ ריח — פרילנגדיק און פויל.

פון ווייטן, איבער שטויבן גאַסיקע,
אין לאַנגווייל פון אַ נאָנטן דאַך
אַ בעקערס שילדל ערגעץ גאָלדיקט זיך,
און ס׳וויינט אַ קינד וואו אין דער נאַכט.

און יעדן אָוונט ביי די טויערן,
פאַרשאַרצט די היטלען אָן אַ זייט,
שפּאַצירן אָפּט מיט יונגע דאַמעלעך
ווּאָויליונגערישע כיטרע לייט.

עס סקריפּן וועסלעס אויף דער אָזיערע,
עס קוויטשעט וואו אַ פרויען־שטים.
און אויפן הימל דיסק לבנהיקער,
צו אַלץ שוין צוגעוואוינט, זיך קרימט.

און יעדע נאַכט מיין פריינט מיין איינציקער
איז אָפּגעשפיגלט אין מיין גלאָז —
און פונקט, ווי איך, דאָ אַ פריטשמעליעטער
פון טערפּקער משקה אינם כוס.

און דאָ דערביי, ביי טישלען שכנהישע
לאַקייען שטייען מיד, נאָר פעסט.
און ס׳גוואַלדעווען — מיט אויגן קראָלישע —
„אין ווינאָ ווערי‌טאַס״*) די געסט.

און יעדן אָוונט, צי עס דוכט זיך מיר,
אין אַ באַשטימטער שפּעטער שעה,
אַ פרוי מיט דינער טאַליע מיידלישער,
געהילט אין זייד, באַווייזט זיך דאָ.

און לאַנגזאַם צווישן מענער שיכורע
זי גייט אַ שטאָלצע דורך איר וועג,
מיט נעפּלען און פּאַרפיומען ווייענדיק,
ביים פענצטער זעצט זי זיך אָוועק.

---

*) „אין ווינאָ ווערי‌טאַס״ — אַ לאַטייניש ווערטל, וואָס מיינט: אין וויין ליגט דער אמת.

און ס׳ווייט מיט מעשהלעך מיט אוראלטע
פון איר שטייף-זיידענעם טומאַן,
פון חוט מיט שוואַרצע טרויער-פעדערן,
פון רינגען אויף איר שמאָלער האַנט.

פאַרכישופט פון איר מאָדנער נאָענטקייט,
איך קוק אַהינטער איר וואואַל —
און כ׳זע אַ ברעג אַ ווייט-פאַרכישופטן,
אַ צויבער-לאַנד, ווי דער שיקזאַל.

עס ווערן סודות דאָ פאַרטרויעט מיר,
און עמיצנס אַ זון מיר שיינט —
און מיין נשמה׳ס אַלע שטראַלונגען
האָט דורכגעדרונגען טערפקער ווייך.

און אירע פעדערן די שטרויסענע
אין מאָרך זיך וויגן הין-און-הער,
און אויגן בלויע, טיף-אומענדלעכע
צעבליען זיך אויף ווייטער ערד.

אין מיין נשמה ליגט אַן אוצר דאָ —
און ס׳איז דער שליסל מיין, בלויז מיין!
גערעכט ביזט, שיכורע פאַרזעעניש,
איך ווייס: „דער אמת ליגט אין ווייך!״
1906

זון-פאַרגאַנג

שטאָט האָט טויטן פרצוף זיינעם
אומגעקערט צום רויטן גלוט —
און זיין גוף, זיין שטייניק-גרויער,
אַפּגעגאָסן איז מיט בלוט.

ווענט, פאַבריקן, הייזער, פענצטער
און אַ מאַנטל — רויט פון קויט —
און אַ ווייענידקער לאָקן —
אַלץ פאַרגאָסן איז מיט רויט.

גלאַנצן, פינקלען פערדן-גריוועס
אין באַגילדטן רויטן שוויים,
יאָגן וואַנזיניק מכשפות —
בריסט פון וואָלקנס, גיריק-הייס.

רויטער דוואָרניק *) גיסט פון עמער
רויטע וואַסער איבער ערד,
טאַנצן פייערדיקע היפטן
פון די זונות אויפן סקווער.

און אין הויכן גלאָקן־טורעם
מיט זיין קופּערדיקן צונג
שטעקט אַרויס דער גלאָק מיט חדוה
זיין פאַרבלוטיקט־רויטע צונג.

1904

נאַכט

.1
נאַכט. גאַס. אַפּטייק. פון אַ לאַמטערן
אַ נאַרישע און בלינדע שיין.
לעב דורות לאַנג — נישטאָ קיין אויסוועג,
און וואָס געווען, וועט ווייטער זיין.

און נאָך דיין טויט — דער זעלבער גורל,
עס ווידערהאָלט זיך יעדער פאַל:
נאַכט. גאַס. אַפּטייק. לאַמטער — און קנייטשן
פון אייז־געפּאַנצערטן קאַנאַל.

.2
אַ פּוסטע גאַס. אַ פייערל אין פענצטער רעכטס.
פון שלאָף דער אידישער אַפּטייקער קרעכצט.

און פאַרן שראַנק, וואו אויפשריפט בליט: „ווענענאַ",
מיט קני געבויגענע, אַן אויסגעדאַרטער פעניעק,

שטייט אַ סקעלעט, פאַרהילט אין זיין קאַמזויל,
און זוכט עפּעס אין שראַנק און קרימט דאָס שוואַרצע מויל.

געפונען... מיטאַמאָל אין עפּעס טוט אַ פויק ער.
דער שאַרבן דרייט זיך אויס... עס וועקט זיך דער אַפּטייקער.

אַ הויב — און אויף דער צווייטער זייט ער פאַלט.
און דער סקעלעט שטופּט גיפטיקן פיאַל

אין ציטערדיקע הענט פון פרויען צוויי אַן נעזער
אין גאַס אונטער לאַמטערן־גלעזער.

1912

---

*) דוואָרניק — הויז־באַדינער.

צו פריינט!

אָ, שווייגט איר פאַרשאָלטענע סטרונעס!

א. מאיקאוו

מיר האָבן דאָך איינער דעם צווייטן
מיט קנאה און פינצטערן כעס.
ווי לעבט מען, ווי אַרבעט מען פשוט,
מיר ווייסן נישט, בלינדע פון האַס.

וואָס טוט מען? ס'האָט יעדער באַמיט זיך
פאַרגיפטן דאָס אייגענע הויז:
עס טריפן מיט סם שוין די באַלקנס,
וואו ציט מען אויף אָפּרו זיך אויס?

וואָס טוט מען? מיר גלויבן אין גליק נישט, —
שיכורים, געצרירטע פון זין, —
און קוקן פון גאַסן, ווי ס'קראַכן
שוין אונדזערע הייזער אין ווינט.

פאַררעטער פון לעבן און פריינטשאַפט,
צעטרענצלער פון ווערטער און טעג,
פאַר אונדזערע יורשים די ווייטע
מיר רייניקן אָפּ איצט אַ וועג.

ווען ס'וועט צווישן קראַפּיווע פוילן
ביים פלויט אונדזער ביין אין דער ערד,
וועט עפּעס אַ ווייטער געשיכטלער
פאַרפאַסן אַ גרויסאַרטיק ווערק.

ער וועט בלויז פאַרדאַרבן, דער טייוול,
די אָרעמע קינדערס געשמאַק:
מיט דאַטן פון טויט און געבורטן,
מיט שלעכטע ציטאַטן אַ פּאַק.

ס'אַ ווינסטע און פינצטערע דאָליע
צו לעבן אין פוסטן ווילקיר
און ווערן אַ רויב פאַר דאַצענטן,
און קריטיקער פלאַדיען אָן שיער.

ווי וואָלט איך אין שלאָף זיך פאַרגעסן,
פאַרשטעקט זיך אין ווילדגראָז מיט האַסט.
אָ, שווייגט, איר — פאַרשאָלטענע ביכער,
כ'האָב קיינמאָל אייך דאָ נישט פאַרפאַסט!

1908

אין דעם בלויען ווייטן אַלקערל

אין דעם בלויען ווייטן אַלקערל
שלאָפט דיין קינדעלע און קוועלט.
איז אַרום דאָס קליינע קאַרליקל
און דעם זייגער אָפּגעשטעלט.

אַלץ ווי פריי׳ר געווען. צעגאָסן זיך
האָט אַ שטילקייט בלויז אַרום.
אַ פאַרנעפּלטס — אין דיין פענצטערל
גרוילט דאָס געסל נאַכטיק־שטום.

ווי ס׳וואָלט עפּעס נישט דערזאָגט געווען,
וואָס געקלונגען האָט פון וויט.
ס׳האָט צעבונדן זיך אַ פעדעמל,
וואָס האָט גאַנץ־געמאַכט די צייט.

ביזט פאַרבייגעגאַן אַ שלעפעריקע,
איבער צימערן אַליין,
ביי דעם בלויען פענצטער־פאָרהענגל
ביזט נישט־דרייסט געבליבן שטיין.

און דערנאָך, אַ קוים־באַמערקבאַרע,
אויפגעהויבן האָסט די דעק —
און דער חושך דער קאַיאָריקער,
ווי די צייט, איז שטיל אַוועק.

ס׳איז געוואָרן שטיל. אין אַלקערל
רואיק בלויער דעמער בלאַנקט,
ווייל דאָס קליינע, קליינע קאַרליקל
האַלט דעם אומרו מיט זיין האַנט.
1905

איך האָב פאַרגעסן

איך האָב פאַרגעסן וועגן הויכע טאַטן
און וועגן רום און העלדנטום און פליכט, —
ווען אָפּטמאָל פלעג פאַר מיר אין פראָסטן רעמל
אַראָפּשיינען פון טישל דיין געזיכט.

נאָר ס׳האָט די שעה געשלאָגן — ביזט אַנטרונען,
האָב איך דיין רינג פאַרוואָרפן אין דער נאַכט.
דו האָסט דיין גליק געפונען ביי אַ צווייטן —
און ס׳בלייבט דיין פּנים, אומעטיק און וואַך.

געפלויגן זיינען טעג, ווי ווילדע קללות,
געפייניקט האבן ליידנשאפט און וויין.
כ'האב זיך דערמאנט אן דיר אין שעה פון תפילה
און דיך גערופן, ווי א יוגנט-פריינט.

כ'האב דיך גערופן — דו ביזט נישט געקומען,
איך האב געוויינט — האסט נישט געבראכט קיין טרייסט.
דו האסט פארהילט זיך אין דיין בלויען מאנטל —
און ביזט אין רויער נאכט אוועק פון הויז.

איך וויים נישט, טייערע, איך וויים נישט, צארטע,
יואו ס'זעגלען איצט די נעכט דיינע און טעג.
איך שלאף — און זע אין טרוים דיין בלויען מאנטל,
אין וועלכן ביזט אין רויער נאכט אוועק.

איך טרוים שוין מער נישט וועגן רום און צארטקייט.
ס'איז אלץ פארביי. די יוגנט — אפגעווישט.
מיט האנט מיט אייגענער האב איך אראפגענומען
אין פראסטער ראם דיין פנים פונם טיש.

1908

סקיפן 1)

פאנמאנגאליזם! כאטש ווילד דאס ווארט איז,
דאך צערטלט עס מיר מיין געהער.

ווּלאדימיר סאלאוויאוו

מיליאנען — איר, מיר — מחנות אן א שיער,
פארמעסט מיט אונדז זיך אין הריגה!
יא, סקיפן — מיר! יא, אזיאטן — מיר, —
מיט גיריקע, מיט שיקלדיקע אויגן!

פאר אייך — יארהונדערטער, פאר אונדז — א שעה אין ריי
געהאלטן האבן מיר — כאלאפן —
א שווערע שויך-וואנט צווישן ראסן צוויי:
מאנגאלן און אייראפע!

יארהונדערטער ווי אייער טיגל שמידט,
פארטויבט די בארג-ריסן די שווערע,
ווי ווילדע מעשיות, האט פאר אייך געגליט
מעסינאס, ליסאבאנס 2) צעשטערונג.

געקוקט האט איר צום מזרח דורות-לאנג
און אונדז געפלינדערט אן רחמנות,
מיט חוזק ציילנדיק די טעג, געפלאנט
ווען אנצושטעלן די קאנאנען.

דער טאָג איז דאָ. מיט פליגל פאַטשט די נויט,
די עוולות האַלטן זיך אין מערן:
פון אײער װעלט נישט בלײבן װעט קײן קװיט
און אײער ישוב װעט נישט װערן.

אָ, אַלטע װעלט, כל־זמן מיט לעצטן כריפּ
דו לעבסט אין זיסע נאָך יסורים,
איז שטעל זיך אָפּ, אַ קלוגע, װי עדיפּ, 3)
פאַר ספינקס מיט רעטעניש מיט אורער.

אַ ספינקס איז רוסלאַנד. יובלענדיק דורך פּײן,
באַגיסט זי זיך מיט בלוט מיט שװאַרצן
און קוקט און קוקט און קוקט אין דיר זיך אײן
מיט ליבע און מיט האַס אין האַרצן.

אַזױ װי אונדזער בלוט אין ליבע־װאָן,
פון אײך קאָן קײנער שױן נישט ליבן.
איר האָט פאַרגעסן: ליבע איז פאַראַן,
װאָס ברענגט אײך אום און ברענט אין פיבער.

מיר ליבן אַלץ — פון קאַלטן צאָל די בראַנד,
ס׳געשאַנק פון געטלעכע געשטאַלטן.
פאַרשטײען מיר: די שאַרף פון גאַל׳ס 4) פאַרשטאַנד,
דעם דײטשס גאונות פינצטער־קאַלטע.

געדענקען מיר — פאַריזער גאַסן־געװאַלט,
װענעדיק׳ס קילקײט אונטער בריקן,
דעם װײטן ריח פון ציטראָנען־װאַלד
און קעלנ׳ער 5) רױכיקע פאַבריקן.

מיר ליבן גוף — זײן טעם און פאַרב און חן,
זײן שטיקנדיקן מתים־אויר,
נישט אונדזער שולד, װען ס׳טרעשטשעט אײער בײן
אין אונדז׳רע לאַפּעס צאַרט־שערשאַװע.

מיר זײנען צוגעװאױנט צו צױמען פערד,
װאָס יאָגן װילד און צעפּלאַכעט,
און ברעכן בײ די אָגערס שװערע קערק
און װילדע שקלאַפינס אונטעריאָכן.

אָ, קומט צו א.נדז! פון קריג און גרױל און טױט
אָ, קומט צו אונדז אין שױם פון פרידן!
כל זמן ס׳איז נאָך נישט שפּעט — די שװערד אין שײד,
חברים! לאָמיר װערן ברידער!

אויב נישט -- פארלירן איז נישטא שוין וואס,
מיר קאנען אויך זיין פאלש — א מורא!
פארשעלטן וועלן אייך דאן מיט פארדראס
די קראנקע קומענדיקע דורות!

מיר וועלן זיך צעשפרייטן איבער ערד,
אייראפע לאזן אין סכנה
מיר וועלן דא צו אייך זיך טאן א קער
מיט אונדזער אזיאטיש פנים!

קומט אלע, איר, קומט אלע אויף אוראל! 6)
מיר טרעטן־אפ די שלאכט צו שטאלן
פון הויב־מאשין, וואו ס'אטעמט אינטעגראל,
מיט ווילדע הארדעס פון מאנגאלן.

מיר זיינען אייך נישט מער קיין צוים און וואך,
מיר גייען מער נישט אין הריגה.
מיר וועלן צוקוקן, ווי ס'ברענט די שלאכט,
מיט אונדזערע קאסאקע אויגן.

מיר וועלן זיך נישט רירן, ווען ס'וועט הון 7)
אין קעשענעס פון מתים שארן,
אין אייער קירך פארטרייבן זיין טאבון
און ס'פלייש פון ווייסע ברידער זשארן.

צום לעצטן מאל — באדענק זיך, אלטע וועלט!
אויף ברודער־פעסט פון מי און פרידן,
צום לעצטן מאל — אויף פעסט אין איר געצעלט
דעם בארבארס לירע רופט אייך, ברידער!

1918

---

1) סקיפן —פארצייטיקע רוסן.

2) מעסינא און ליסאבאנס צעשטערונג — ערד־ציטערנישן, וואס האבן צע־שטערט די צוויי שטעט.

3) עדיפ — גריכישער קעניג

4) גאל — פראנצויז

5) קעלן — דייטשע שטאט

6) אוראל — בערג

7) הון — ווילד פאלק, וואס האט באזיגט אייראפע אין 450

צוועלף
(פּאָעמע)

1.

שוואַרצער אָוונט,
ווייסער שניי.
ווינטן ראָווען 1)
קוים מע שטייט אויף די פיס פון זאַווײ.
ווינטן, קעלטן
איבער גאָטס גאַרע וועלטן.

דער ווינט פאַרקרייזלט
אַ שנייעלע ווײס.
אונטער שנייעלע — אייז.
ס'אַ גליטש — אַ סכנה.
און יעטווידער שפּרייזער
גליטשט זיך אוים — ס'אַ רחמנות!

פון געביי ביז געביידע
איז פאַרצויגן אַ שטריק.
אויפן שטריק אַ פּלאַקאַט זיך וויגט,
פון ווינט געשליידערט
אין רוים אין געראַמען:
„די גאַנצע מאַכט דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג!"

אַ זקנה וויינט און קאָן זיך נישט טרייסטן,
קאָן אַלץ נישט פאַרשטיין — וואָס הייסט עס,
וואָס דאַרף מען אַזאַ פּלאַקאַט?
צוואָס אַ שטיק אַזאַ גרויס?
וויפל אָנוטשעס 2) וואָלט מען פאַר קינדער געהאַט?
אַלע גייען דאָך הויל און בלויז...

די זקנה, ווי אַ הינדל,
איבערן שניי-הויפן קוים, נעבעך, זי גייט:
— „אַך, מוטערל, באַשיצערין פון זינדער!
— „אַך, די באָלשעוויקעס — זיי מאַכן מיר דעם טויט!" —

דער ווינט שמייסט — אַ שוידער!
כ'שטייט נישט אָפּ אויך דער פראָסט!
און דער בורזשוי אויפן שיידוועג
האָט באַהאַלטן אין קאָלנער די נאָז.

---

1) ראָוועו — בושעווען
2) אָנוטשעס — טיכער איינצואוויקלען די פיס.

און דער, ווער איז? די האָר צעפּאַטלט,
מיט רמזים רעדט ער:
— „פאַררעטער!״ —
— „מ׳איז רוסלאַנד מקבר!״ —
ווייזט אויס, אַ מחבר —
אַ בטלן.

און אָט אין לאַנגן הולך
מיט זייטעלע — אין שניי.
וואָס ביזטו היינט נישט פריילעך,
חבר פּאָפּ אַזוי?

געדענקסט, ווי פאַרן עולם
האָט דיין בויך געטויכט,
ווי ס׳האָט געשיינט מיט צלם
אויפן פאָלק דיין בויך?

און אָט אַ פּריצה׳טע אין קאַראַקול
צו אַ צווייטער האָט זיך צוגעבויגן:
— „האָבן מיר, ליבינקע, טאַקע
זיך שוין אויסגעוויינט די אויגן...״
און באַץ! — זיך אויסגעצויגן!
אײַ־אײַ, שלעפּ־אַרויף!
הויב זי אויף!

דער ווינט אין בהלה
איז פריילעך און בייז.
אָט דרייט ער די פּאָלעס,
די גייער פאַרהאָלעט,
אָט טראָגט ער פאָרויס
אין רוים אין געראַמען
פון פאַסאַד צו פאַסאַד
דעם גרויסן פּלאַקאַט:
— „די גאַנצע מאַכט דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג!״

מיט ווערטער זיך שליידערט:
...אויך ביי אונדז איז געווען אַן אסיפה...
...טאַקע דאָ, אין אָט־דער געביידע...
...באַטראַכט און באַשלאָסן. וויפל...
...פאַר אַ וויל — בלויז צען... פינף און צוואַנציק פאַר אַ נאַכט...
און ווייניקער נישט נעמען ביי קיינעם...
...אָפּגעמאַכט...
...לאָמיר גיין שלאָפן אינאיינעם!...

אווגט שפּעטער.
די גאַכן פּוסטעווען.
בלויז אַ בעטלער
הויקערט זיך פון הוסטן.
און דער ווינט —
ער פייפט און יושעט.
עי, דו — שלעפער, קום געשווינד,
לאָמיר זיך צעקושן!
ברויט אַ לעק
גיב מיר גי' מיר!
גיי דיין וועג!
הימל, שוואַרצער הימל!
צאָרן, אומעטיקער צאָרן
זידט אין ברוסט, ווי לאַווע.
פיצטערער צאָרן, הייליקער צאָרן...
אויף דער וואַך זיי, חבר!

2.

עס הוליעט ווינט, עס פלאַטערט שניי.
עס גייען מענטשן צוועלף אין ריי.
די ביקסן־רימענס — שוואַרץ און שטום.
אַזויפיל פייערן — אַרום!
אין ציין — ציגייער, צעקנייטשט דער הוט,
טויז־שעל 1) אויף פלייצע געווען וואָלט גוט!

פרייהייט, הפקר און פאַרשייט!
עך, עך, אָן אַ קרייץ!
טראַ־טאַ־טאַ!
חבר, ס'איז אַ קעלט אַזאַ!

— אין שענק מיט קאַטקאַן וואַנקאַ זיצט,
— אין זאַק קערענקיס 2) האַלט זי איצט.
וואַניושאַ איז שוין רייך און זאַט...
— געווען מיט אונדז, איצט — אַ סאָלדאַט!
— נו, וואַנקאַ, וואַנקאַ, סוקין סין, 3)
דאָס מיידל מיינס פאַרזוך אַצינד!

פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט דולע,
עך, עך, אָן אַ צלם!
כ'האָט מיט וואַנקאַן זיך פאַרהוליעט
קאַטיאַ שיינע, קאַטיאַ וואוילע,
זיך פאַרהוליעט מיטן יאַט —
טראַ־טאַ־טאַט!

---

1) טויז־שעל — אַ באַצייכענונג פאַר אַן אַרעסטאַנט.
2) קערענקיס — געלט אַרויסגעגעבן פון דער קערענסקי־רעגירונג.
3) סוקין סין — הינטישער זון.

אַרום די ליכטער — טליק און טליק...
אויף שולטערס — רימענעס פון ביקס...
דעם רעוואָלוציאָנערן שפּאַן האַלט-אויף!
גרייט צו פאַרצערן, דער פיינט נישט שלאָפט!

די ביקס האַלט, חבר, נישט זיי קיין טרוס!
אַ שיס-טאָן לאָמיר אין דער היילִיקער רוס!
אין דער אַלטער, אין דער שיווער,
אין דער שטוביקער, מאַסיווער,
אין ברייט-זאַדיקדיקער!
עך, עך, אָן אַ קרייץ!

.3

איז געגאַנגען אונדזער חברה
דינען אין דער רויט-אַרמיי,
דינען אין דער רויט-אַרמיי,
קעפּ אַוועקלייגן פאַר זיי!

עך, דו דאַליע ביטערע,
ס'לעבן — אַן אַנטיק!
ס'רעקל אַ צעריסנס,
עסטרייכישע ביקס!

פאַר בורזשויען אויף פאַרצווייפל
צינדן וועלן מיר אַ שריפה.
איבער וועלט אַ בראַנד פון בלוט —
בענטש אונדז, גאָט, און גיב אונדז מוט!

.4

ס'דרייט דער שניי. דער פורמאַן ציט.
וואַנקאַ מיט זיין קאַטקאַן פליט —
אַן עלעקטרישער פּאַנאַ"ל
אויף האַלאַבליעס גליט.
אַך, אַך, פאַל-אַראָפּ!

טראָגט אַ מאַנטל אַ סאָלדאַטסקע,
און אַ פּרצוף אַ דוראַצקע,
דרייט און דרייט די שוואַרצע וואָנצע,
דרייט די שפּיציקע —
און ער וויצלט זיך...

אַך, דו, וואַנקאַ — פּלייצעס ברייט!
אַך, דו וואַנקאַ — רעדסטו רייד!
נעמסט אַרום דיין קאַטקאַ־קרוין
און פאַררעדסט איר שוין די ציין...

האָט פאַרוואָרפן זי דעם קאָפּ,
ציין, ווי פּערל, בלישטשען־אָפּ...
אַך, דו קאַטיאַ, קאַטיאַ מיינע —
פּעטע מאָרדעלע...

.5

אויפן העלדזל דיינעם, קאַטיאַ,
מעסער־שניט פאַרהיילט זיך נישט.
אונטער ברוסט דיינער, אָ, קאַטיאַ,
יענער שראַם איז אַלץ נאָך פריש.
עך, עך, טאַנץ און שפּרינג!
דיינע פיסלעך — שיין און גרינג!

וועש מיט קרוזשעוועס מיט שווערע
האָסט געטראָגן טראַג־זשע, טראָג!
האָסט געהורט מיט אָפיצערן,
הור־זשע ווייטער — טאָג נאָך טאָג!
עך ,עך, וויין אין לוסט!
טיאָכקעט ס׳האַרץ ביי מיר אין ברוסט!

דו געדענקסט דאָס אָפיצערל —
ס׳האָט מיין מעסער אים צענישט...
צי געדענקסטו נישט, כאָליערע?
צי זכרון איז נישט פריש?
עך, פריש־אָפּ נאָר יענע טעג!
שלאָפן לייגן מיט זיך אוועק!

האָסט געטראָגן געטרעס 1) גרויע
און געפרעסן שאָקאָלאַד.
מיט די יונקערס 2) האָסט געבראָיעט,
איצטער הוליעסט מיט סאָלדאַט?
עך, עך ,זינדיק, זינק —
דער נשמה וועט זיין גרינג!

---

1) געטרעס — וואַרעמע זאָקן, וואָס מיטראָגט איבער די שיך.
2) יונקערס — יונגע צאַרישע אָפיצערן.

.6

און ווידער פורמאַן שרייט און יאָגט,
אַנטקעגן אין גאַלאָפּ זיך טראָגט...
שטיי! שטיי! אַנדריוכאַ, העלף מיר, העלף!
פּעטרוכאַ, קום פון הינטן, שנעל!
טראַך-טאַראַראַך-טאַ-טאַך-טאַך-טאַך!
צום הימל הויבט זיך שניי פון שליאַך.
אַוועק דער פורמאַן, וואַנקאַ אויך...
שטעל-אָן דאָס צינגל, ציל אין בויך!
טראַך-טאַראַראַך! וועסט וויסן שוין
ווי מיט אַ פרעמדער מויד צו גיין!...

— — — — — — — — — — — —

אַנטלאָפן... וואַרט שוין, דעזערטיר,
כ׳וועל זיך צערעכענען מיט דיר!
און קאַטיאַ וואו איז? טויט שוין, טויט!
איר קאָפּ צעשאָסן ליגט אין קויט!
צופרידן קאַטיאַ? שווייגסט אַזוי?
איז ליג, נבלה, אויפן שניי!
דעם רעוואָלוציאָנערן שפּאַן האַלט-אויף!
גרייט צו פאַרצערן, דער פיינט נישט שלאָפט!

.7

און די צוועלף שוין שפּאַנען ווידער
מיט די ביקסן אויף דער זייט.
בלויז ביים אָרעמען, ביים מערדער,
איז דאָס פּנים וויים, ווי קרייד.
איילט דעם שפּאַן ער גיכער, גיכער
איבער שניי-באַדעקטער ערד,
וויקלט-איין דעם האַדלז אין טיכל —
קאָן צו זיך נישט קומען מער.

— ביזט, פּעטרוכאַ, אָנגעבלאָזן,
האָסט דערשראָקן זיך, באַלוואַן?
האָסט די נאָז אַראָפּגעלאָזן,
טוט דיר אפשר קאַטיאַ באַנג?

— אַך, חברים מיינע, וואָוילע,
ליב געהאַט האָב איך די מויד,
געכטלעך שיכורע און הוילע
כ׳האָב מיט איר פאַרבראַכט אין פרייד.

— צוליב פרייד, געמישט מיט ווייטיק,
אין דעם פייער פון איר אויג,
צוליב הן־פינטל דעם רויטן
אויפן אקסל ביי דער צויג,
האָב איך אומגעבראַכט — דער שוטה —
האָב איך היציק זי געטויט... אַך!

— הערסט, ווי ער האָט זיך צעלאָזן,
ביזט אַ באָבע, פּעטקאַ־יאָלד?
צי אַנטפּלעקן אַלע בלאָזן
פון דיין זעל האָסטו געוואָלט?
האַלט דו אָן די שטאָלצע פּאָזע,
האַלט דאָ איבער זיך קאָנטראָל!
נישט די צייט איז איצט צו קלערן
און מיט דיר זיך ניאַנטשען היינט!
ס׳קומט אַ צייטעלע אַ שווערערס,
טייער חברל, דו מיין!

און פּעטרוכאַ שטיל פאַרלאַנגזאַמט
זיינע איילנדיקע טריט.
ער פאַרוואַרפט אַרויף דאָס קעפּל,
ווידער פריילעך זיין געמיט.

עך, עך!
זיך אַ שפּיל־טאָן — קיין פאַרברעך!
אַלע גאָרנדלעך פאַרמאַכט —
מ׳עט ראַבירן היינט ביינאַכט!
אַלע קעלערס עפנט־אויף —
הוליען וועט מען היינט לרוב!

.8

אוי, דו דאָליע ביטערע,
אומעט אַנגסטיקער,
טויטלעכער!

כ׳וועל דאָס צייטעלע
טאָן אַ טרייב, אַ פאַרטרייב
כ׳וועל דאָס נאַקנדל
טאָן אַ רייב, טאָן אַ רייב!

כ׳וועל דעם סאָניעשניק
טאָן אַ פליק, טאָן אַ קנאַק!
מיטן מעסערל
טאָן אַ ביק, טאָן אַ האַק!

פלי, בורזשוי, דו — שפּערל שטילינקער,
כ'וועל דיין בלוט אַ זשליאַקע־טאָן:
פאַר מיין ליבינקער,
דער שוואַרץ־לאָקיקער...
באַרואיק, גאָט, די זעל פון דיין שקלאַפין!
אומעטיק!

.9

מ'הערט שוין נישט דעם שטאָט־האַרמידער,
אויף ניעווא־טורעם 1) — שאַ און שטיל.
נישטאָ קיין גאָרדאָוואָי 2) שוין, ברידער,
אָן משקה הוליעט היים און ווילד!

עס שטייט בורזשוי אויף ראָג פאַרלאָזטן,
אין קאָלנער טיף פאַרשטעקט די נאָז.
און לעבן אים — מיט פעל מיט שאַרסטקער
דער הונט, מיט עק אַראָפּגעלאָזט.

עס שטייט בורזשוי אין וויסטן עלנט —
אַ הונט, געפּלעפט פון הונגער־שרעק.
די אַלטע וועלט, ווי אַט־דער כלב,
שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטן עק.

.10

ס'האָט דער שטורעם זיך צעבויטעט,
ווינט־געדריי און שניי־געדריי!
איינער קאָן נישט זען דעם צווייטן
אין דער שנייאיקער זאַווערוכע.
קרייזלט שניי פון גרוב צו גרוב,
הייבט זיך ,דרייט זיך, ווי אַ סלופּ...

— גאָט, איז דאָס אַ זאַווערוכע!
— נעם נישט איבער זיך, פּעטרוכאַ!
האָט דיך נישט געשוינט, בר־דעת,
גאָלדענער איקאָנאָסטאַס 3)
נישט באַוואוסטזיניק ביזט, חבר.
גיב אַ קלער נאָר אויף טשיקאַוועסט:
זענען ניט אין בלוט די הענט
צוליב קאַטקאַ'ס ליבע דען?

1) ניעווא־טורעם — אַ טורעם איבערן טייך ניעוואַ אין פּעטערבורג.

2) גאָראָדאָוואָי — פּאָליציאַנט.

3) איקאָנאָסטאַס — דאָס אָרט, וואו עס שטייען די איקאָנעס אין קלויסטער

האַלט דעם שפּאַן דעם רעוואָלוציאָנערן!
גרייט איז שונא צו פאַרצערן!
פאַראויס אין רעוואָלט!
דו, אַרבעטער־פאָלק!

.11

גייט מען אַן אַ גאַט אין הארצן,
אַלע צוועלף — אין ווייט:
גרייט אויף אַלץ — אויף פרייד און מאַרטער,
גאַרנישט טוט זיי לייד.

ביקסלעך שטאָלענע דערהויבן
אויפן שונא האַלטן זיי,
אין די געסעלעך די טויבע,
וואו עס דרייט זיך די זאַווײ.
און אין פּוכקע, סיפּקע הויפנס
זינקען שטיוועלעך אין שניי.

שלאָגט אין אויגן
רויטע פאָן.
קלינגען שפּאָנען —
מאָנאָטאָן.
בייזער שונא
אויפשטיין קאָן.

שטויבט אין אויגן זאַווערוכע
אויף מעת־לעתן אָן מנוחה,
אָן קאָנטראָל...
פאָראויס צום רעוואָלט,
אַרבעטער־פאָלק!

.12

נייען זיי מיט שפּאָן צעשפּרייטן.
— ווער איז דאָרטן? — קום אַרויס!
דאָס האָט ווינט מיט פאָן מיט רויטער
זיך צעפלאַטערט — עט פאַראויס!

פאָרנט — הויפנס שנייען קאַלטע,
— ווער איז דאָרטן? — קום אַרויס!
ס'איז דער אָרעמער און אַלטער
כלב הונגעריקער בלויז.

— טשעפּע־אָפּ זיך, שעלודיוווער, 1)
כ׳וועל אַ קראַץ־טאָן מיט באַגנעט!
אַלטע וועלט, דו — הונט פאַרשיוווער,
טראָג זיך אָפּ — דעם קאָפּ דיר כ׳פּלעט!

...שטשירעט, ווי אַ וואָלף, די ציינער,
שאַרצט דעם עק — און טרעט נישט אָפּ.
הונט פאַרשיוווער, הונט געמיינער...
— עי, ווער גייט דאָרט? — רוף זיך אָפּ!

— ווער מיט רויטער פאָן דאָרט פאָכעט?
— ס׳אַרא פינצטערניש — אַ גרויל!
— ווער האָט דאָרט זיך צעפּלאָכעט
און באַהאַלט זיך פון אַ קויל?

— כ׳וועל אַלציינס דיך באַלד דערטאַפּן,
גיב זיך לעבעדיקערהייט!
עי, נישט גוט־זיין וועט דיר, חבר,
קום־אַרויס — כ׳בין שיסן גרייט!

טראַך־טאַך־טאַך! — און בלויז די עכאָ
איבער הייזער אין געדריי.
בלויז דער ווינט מיט גרויס געלעכטער
הילכט און קוילערט זיך אין שניי.

טראַך־טאַך־טאַך!
טראַך־טאַך־טאַך!

...גייען זיי מיט שפּאַן צעשפּרייטן...
אַלטער כלב — הינטער זיי.
און פאַראויס מיט פאָן מיט רויטער,
נישט באַמערקט פון קויל און שניי,
נישט באַשעדיקטער פון זיי,
מיט אַ צאַרטן שפּאַן פאַרווייטן,
מיט אַ פערל־שאָט פאַרשנייטן,
אין אַ קריינדל — ווייס און רויז —
יעזוס קריסטוס שפּאַנט פאַראויס.
1918

---

1) שעלודיוווער — פאַרוואָרלאָזטער.

ביעלי, אַנדרעי

באָריס ניקאָלאַיעוויטש בוגאַיעוו

(1933 — 1880)

דער טויטער דיכטער

געגלויבט דעם גאָלדענעם אַפשיין,
נאָר געשטאָרבן פון זון־פיילן מיד.
מיט געדאַנק האָב איך דורות געמאָסטן,
נאָר לעבן געקאָנט האָב איך ניט.

אַ, לאַכט נישט פון טויטן דיכטער,
אַ בלימל אַ קליינס אים ברענגט.
אויפן צלם אי זומער, אי ווינטער
מיין קריינדל אַ קינסטלעכס הענגט.

די בלומען אויף אים צעטראָטן,
דאָס בילד אַפגעקראָכן און גרוי,
און די שטיינער — די שטיינער די שווערע —
כ'וואַרט, ס'זאָל עמיץ אַראָפנעמען זיי.

געליבט בלויז דעם קלאַנג פון גלעקער
און דעם זון־פאַרגאַנג.
איך וויים: איך בין שולדיק, שולדיק —
וואָס־זשע טוט אַזוי ווי מיר און באַנג?

קומט צו גיין, האָט רחמנות, איך בעט אייך,
ווי אַ קרוין, כ'וועל זיך טאָן אַ צעוויג.
האָט מיך ליב, איך בין נאָך נישט געשטאָרבן,
איך וועל אפשר נאָך קומען צוריק.
1906

דיין קלאָרער בליק

דיין קלאָרער בליק: כ'זע זיך אַליין אין אים,
דאָס אומבאַגרייפלעכע באַגריף איך ווידער,
און אָפגעשפיגלטן כ'ליב זיך אַליין,
און אָפגעשפיגלטן אין מיינע לידער.

דיין קלאָרער בליק. איך שפיגל זיך אין אים: —
און פול בין איך מיט רו און מיט חלומות,
מיט רחבותדיקער ריזיקייט פון זיין,
מיט רחבותדיקער ריזיקייט פון שלימות.

פּארוועבט האָט אונדז די זונעדיקע מאַכט,
מיר גייען טרוימען זוניקע אַנטקעגן,
ווייל אָפּגעריסן האָבן זיך, פאַרטערערט,
נשמות אונדזערע, ווי פרילינג-רעגן.

אי „דו״, אי „איך״ — אַן אָפּגעבליטער טרוים,
וואָס האָט צעשמאָלצן זיך אין שיין אין בלינדער,
געטראָפן זיך פון יענער זייט פון צייט,
ווי גליקלעכע, צעבאַלעוועטע קינדער.
1916

ראָסיאַ 1)

צעקלאָג זיך אין שטורעם, סטיכיע,
אין פייער פון זייליקע ווענט:
ראָסיאַ, ראָסיאַ, ראָסיאַ,
אין וואַנזין פאַרקויל מיך, פאַרברען!

אין דיינע פּאַטאָלע ראַזרוכעס,
אין טיפקייטן דיינע אַן צוים
פּארוועבט פליגל-העגטיקע רוחות
דאָ האָבן אַ ליכטיקן טרוים.

אַ. ווייגט נישט: אין פייער-געראַנגל
אויף קני לאָזט-אַראָפּ זיך אין שרעק,
אין דונער פון שרפים-געזאַנגען,
אין פלוסן פון קאָסמישע טעג.

דורך טרוקענע חרפות און וויסטע,
דורך ימען פון טרעריקן גליק
וועט קומען דערוואַרעמען קריסטוס
מיט שטראַל פון אַנוואַרטיקן בליק.

אין הימל — די רינגען סאַטורנס,
פון מילכוועג דער זילבערנער שווערד.
זיד-אויף אין פּאַספּאַרישן שטורעם,
דו — פלאַמיקער יאָדער פון ערד!

און דו — דו פאַרקויל מיך, סטיכיע,
אי מיך, אי מיין גאַנצן פאַרמאָג:
ראָסיאַ, ראָסיאַ, ראָסיאַ,
משיח פון קינפטיקן טאָג!

1917

---

1) ראָסיאַ — רוסלאַנד.

נאָראָדיעצקי

סערגעי מיטראָפאַנאָוויטש

(1884)

פרילינג

קלאַנגען באַנגע — ווידערקלאַנגען.
קלאַנגען — זיפצן, קלאַנגען־טרוים.
הויך די סקאָכן — נישט דערלאַנגען,
גרין דער אָפרים — אָן אַ צוים.

אויסגעוויסט די ווענט די הוילע —
ס'האָט איגומעניע באַפוילן.
ווייגט ביים שוועל פון מאָנאַסטיר
ס'טעכטערל פון גלאָקנצי'ר.

אָך, דו פעלד מיינס, פריי צעזויקלט,
אָך, דו טייערינקער וועג!
אָך, אין ריינעם פעלד אַ בריקל,
ברענט מיין ליכטל אָן אַ פלעק.

ברענט מיין ליכט אין ווינט אין גרויסן,
ווערט פאַרלאָשן פון זיין פאָך.
בייגט זיך אָן און אָטעמט הייסער,
פון מיין הארצן הייסער נאָך.

כ'בין געבליבן און פארבליבן
ביי דעם בריקל שטיין פאַרחושט.
פלאַם פון ליכטלעך צאַנקט און פיבערט —
אויף די ליפּן זיך געקושט.

וואו קאָן איך דיך, ליבסטער, גרייכן,
היים־געליבטער, וואו ביזטו?
אָך, טומאַנען, פרילינג־רויכן,
אָך, מיין מיידעלישע רו!

קלאַנגען באַנגע — ווידערקלאַנגען,
קלאַנגען — זיפצן, קלאַנגען — טרוים.
הויך די סקאָסן — נישט דערלאַנגען,
גרין דער אָפרים — אָן אַ צוים.

אויסגעוויסט די ווענט די הוילע.
ס'האָט איגומעניע 1) באַפוילן:
ביי דעם מאָנאַסטירער פלויט
נישט צו שליאָיען זיך אָן נויט.

1911

---

1) איגומעניע — אויפזעערין פון אַ פרויען־מאָנאַסטיר.

קליועוו

ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש

(1937 — 1885)

דונר באַיאַן 1)

אָ, לאָזט דעם באַיאַן פון דער רובלישער רום,
איך וואַש זיך מיט סודות און וויש זיך מיט ליד.
דעם הערלעכן יום-טוב כ׳וועל שיקן אַ גרוס —
אי שענער אי רויטער פון עפּלבוים-צוויט:

כ׳גרים אייך: אָ, מוטערל-פריי,
ערדישער וואוילער געדאי,
ווייסינקע מעריא, 2) סיביר,
לאַדאָגעס 3) ווייט און געפּריר.

כ׳גרים אייך: אָ, וואָלכאָוו-געשעפּ, 4)
גרויסער בוכארישער סטעפּ,
בלויער מאָזדאָקער 5) טומאַן,
וואָלגע און סטענקאס 6) קורגאַן.

האָט איר פאַרבענקט זיך נאָך מיר —
פרילינגדיק-ליכטיקן פירשט?
דענקט איר, ס׳האָט וואַסערן-שד
לידער-געזיכט מיר צעפּלעטט?

איך האָב אין שטוב און ביים פּלויט
אויסגעשטעפּט גאָלדענע רייד.
סירין 7) האָט בשורות געבראַכט
מיר פון די קברים ביים שליאַך.

ברעקל זיך, גורל — מיין שוואַן,
ליפּן פאַרזים מיר מיט קלאַנג.
קיעווער פייער-געררויש
זאָל, ווי די מסטאַ, 8) טאָן אַ לויש.

ס׳קושן פון שבט און כרך
ווידער איך פּנים מיינס וואַכט.
פרילינגדיק-רוסישע ליד,
איך בין דיין חתן און שמיד!

1915

---

1) באַיאַן —זינגער.
2) מעריא — פינישער שבט.
3) לאַדאָגע — אָזיערע.
4) וואָלכאָוו — טייך.
5) מאָזדאָק — שטאָט אין קאַווקאַז.
6) סטענקאַ ראַזין — פאָלק־העלד.
7) מסטא — טייך אין צפון־רוסלאַנד.
8) סירין — לעגענדארישער פויגל

סעווערי־אַניִן (לאָטאַריעוו)

איגאָר וואַסיליעוויטש

(1937 — 1886)

ס׳איזביים ים דאָס געוועזן

ס׳איז ביים ים דאָס געוועזן, וואו די שוים — ווי אַזשורן,
וואו עס טרעפט זיך גאָר זעלטן ווען אַ שטאָט־עקיפּאַזש.
ס׳האָט די מלכה שאָפּענען געשפּילט הויך אין טורעם,
און פאַרליבט דורך שאָפּענען האָט אין איר זיך דער פּאַזש.

ס׳איז געווען אַזוי פּשוט און געווען אַזוי מאַט איז:
ס׳האָט די מלכה צעשניטן דאָרט אַ מילגרוים אויף צוויי
און געגעבן אַ העלפט אים — און אין קלאַנג פון סאָנאַטן
אין דעם פּאַזש האָט די מלכה שטאַרק פאַרליבט זיך אַזוי.

און דעם גליקלעכן פּאַזש זיך אָפּגעגעבן מיט שטורעם:
ווי אַ שקלאַפין, די האַרין איז געשלאָפן ביז גרוי.
ס׳איז ביים ים דאָס געוועזן, וואו די שוים — ווי אַזשורן,
וואו סאָנאַטע פון פּאַזש איז, וואו די כוואַליע איז בלוי.

1916

אין דעם קלייד דעם מוֹאַרישן [1]

אין דעם קלייד דעם מוֹאַרישן, רוישיק קלייד דעם מוֹאַרישן,
איבער שטעגל לבנהישן שפּאַנט מיט טריט איר מיט שרההישע.
שיין באַפּוצט אייער מאַנטל איז, ווי דער הימל קאַיאַרישער.
ס׳איז די סטעזשקע די זאַמדיקע פול מיט בלעטער אוזאַרישע,
ווי די לאַפּעם די שפּיניקע, ווי די פעל יאַגואַרישע. [2]

ס׳איז די נאַכט אייביק חופּה־נאַכט פאַר אַ פרוי אַ גאַלאַנטישער
ס׳האָט דער גורל געצייכנט אייך טרינקען ליבע ראָמאַנטישע
אין דעם קלייד דעם מוֹאַרישן, רוישיק קלייד דעם מוֹאַרישן,
אַזאַ פרוי אַן עסטעטישע, אַזאַ איידל־שאַרמאַנטישע,
ווער קען זיין אייער ליבהאָבער אין דער שפּיל דער ווירוואַרישער?

און די פּיסלעך פאַרדעקט איר זיך מיטן פעלד יאַגואַרישן
און איר זעצט זיך באַקוועם אריין אין אַוטאָ דעם בענזינישן,
ס׳לעבן, טרויט איר דעם אינגל אָן מיטן שמייכל דעם צינישן,
און די אויגן פאַרמאַכט איר אים מיטן קלייד, דעם יאַסמינישן,
מיטן קלייד דעם מוֹאַרישן, רוישיק קלייד דעם מוֹאַרישן.

1915

1) מוֹאַריש קלייד — אַ קלייד, געמאַכט פון דינעם כוואַליעדיקן זייד.
2) יאַגואַר — אַ טיגער.

גומיליאָוו

ניקאָלאַי סטעפּאַנאָוויטש

(1921 — 1886)

דאָס וואָרט

אין דעם טאָג, ווען איבער נייע וועלטן
גאָט זיין פּנים האָט געניינגט מיט פאָרכט,
אָפּגעשטעלט מיט ווערטער האָט מען זונען,
שטעט פאַרניכטעט האָט מען מיטן וואָרט.

נישט געפּאַכט האָט מיט קיין פליגל אָדלער,
שטערן האָבן זיך געדריקט אין שרעק,
ווען דאָס וואָרט איז, ווי אַ רויזן־פייער,
דורכגעשוואומען רוים אין יענע טעג.

און פאַר לעבן פּשוטן דער ציפער,
ווי בעל־חי פאַריאָכטער, האָט געדינט,
ווייל דער קלוגער ציפער גיט דאָך איבער
אַלע פאַרב־שאַטירונגען פון זין.

ווי אַ זיגער, האָט דער גרויער עלצטער
גוטס און שלעכטס באַצוואונגען מיט זיין האַנט,
נישט געוואָרט צו קלאַנגען זיך צו ווענדן,
האָט ער ציפער אויסגעקריצט אויף זאַמד.

נישט פאַרגעסן האָבן מיר דאָ קיינמאָל,
אַז דאָס וואָרט איז שטראַליק, ווי אַ קרוין,
אַז פון לאַנג אין יוחננס יעוואַנגל
ווערט געזאָגט, אַז וואָרט איז גאָט אַליין.

האָבן מיר געשטעלט אים אַלס פאַרצאַמונג
פון סובסטאַנץ אַ שפּאָרן איבערברוך.
און ווי בינען אין פאַרלאָזטן בינשטאָק,
טויטע ווערטער האָבן שלעכטן גרוך.

1914

דער נדר

ר׳האָט געשוואוירן אין דעם טעמפּל
פאַרן בילד פון דער מאַדאָנע:
בלייבן טריי וועט ער דער דאַמע,
ד ע ר — מיט בליקן פון אַ נאָנע.

האָט פאַרגעסן ער פון נדר
מיט איעדער יפת־תואר.
האָט מען אים בײנאַכט געקוילעט,
קומט ער צום גן־עדן טויער:

— „האָסטו נישט פאַר מיר געשוואוירן, —
קלינגען רייד פון דער מאַדאָנע, —
אַז וועסט בלײַבן טריי דער דאַמע,
ד ע ר — מיט בליקן פון אַ נאָנע?

— „גיי דיר, זינדיקער, פונדאַנען,
נישט פאַר דיר די היגע פריידן.
ווער עס האָט פאַרשוועכט אַ נדר,
איז אַ פרעמדער אין גן־עדן". —

אַ פאַרעקשנטער אין טרויער,
פאַלט ער צו די פיס מאַדאָנעס:
— „נישט באַגעגנט כ'האָב קיין דאַמע,
ד י — מיט בליקן פון אַ נאָנע!" —

1915

מחשבות

אין שטאָלצן מאַרך מײַנעם פאַרקלײבן זיך מחשבות,
ווי רויבער אין דער נאַכט אויף געסלעך לאָמע,
און ווי די שפּאַרבערס, פינצטערע און בייזע,
באַפאַלן זײַנען מיך, געמאָנט פון מיר נקמה.

געווען בין איך אַליין. געלאָפן זײַנען די מחשבות.
די אויגן האָבן זיך געריסן פון די לעכער.
און כ'האָב געלייענט אויף אויסגעטראַכטן טאָוול
די ווערטער מײַנע, מעשים און פאַרברעכנס.

דערפאַר, וואָס כ'האָב מיט מײַנע קאַלטע אויגן
געקוקט אויף שפּילן אין דעם זיגערס היכל,
דערפאַר, וואָס כ'האָב מיט בלוט־באַשפּריצטע ליפּן
געקושט די ליפּן ציטערדיקע, בלייכע.

דערפאַר, וואָס ס'האָבן אָט־די הענט און פינגער
קיין אַקער נישט געוואוסט, געווען צו איידל,
דערפאַר, וואָס האָבן לידער, ווי די וואָגלער,
געהאַט קיין רו נישט, און גענאַרט כסדר, —

פאַר אַלץ געקומען צייט איז פון נקמה:
מיין פאַלשן, צאַרטן טעמפּל בלינדער וועט צעפליקן.
און ווי אַ בעטלער אין דער שטיל פון פאַרשטעט,
מחשבות־רויבער וועלן מיך דערשטיקן.

1916

זי

(אַכמאַטאָווא געווידמעט)

איך קען אַ פרוי. עס רוט די שטילקייט,
די טערפּקע מידיקייט פון וואָרט
אין אירע ברייט־צעפראַלטע אַפּלען,
אין שיין פון סודות׳דיקער קלאָר.

איר זעל איז אָפן, אָפן גיריק
צו קופּערנער מוזיק פון ליד.
פאַר לעבן טאָליקן פון פריידן
איז זי אי גאוהדיק, אי מיד.

איר גאַנג איז נישט־געאיילט און רואיק,
משונה־לייכט איר יעדער ריר.
מע קאָן נישט אָנרופן זי שיינע,
נאָר ס׳גאַנצע גליק מיינס ליגט אין איר.

און ווען איך וויל זיין ווידערשפּעניק,
געוואַגט און שטאָלץ צו איר איך שפּאַן:
זיך לערנען קלוגן, זיסן ווייטיק
אין מידקייט אירער, אין איר וואָן.

אין שעה פון בענקען איז זי ליכטיק,
און בליצן טראָגט זי אין איר האַנט.
די טרוימען אירע קלאָר, ווי שאָטנס
אויף פלאַמיקן גן־עדן זאַמד.

1915

דער פאַרבלאָנדזשעטער טראַמוואַי

גענאַנגען בין איך איבער גאַס נישט־באַקאַנטער
און פּלוצים דערהערט אַ ראָב־קאַרקעריי,
און קלאַנגען פון ציטרעס און דונערן ווייטע —
פאַר מיר איז דורכגעלאָפן אַ טראַמוואַי.

ווי אַזוי אַרויף איך בין אויפן טרעפּל,
געווען איז אַ רעטעניש פאַר מיר אַליין.
אין לופט האָט געבליצט בלויז אַ פלאַמעדיק שטעגל
אין ליכט פון טאָג אויף ברוקירטן שטיין.

ער האָט זיך געיאָגט, באַפליגלט און טונקל,
ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין תהומיקן קאָן.
שטעלט־אָפּ, שטעלט־אָפּ, וואַגאָנען־פירער,
שטעלט־אָפּ, שטעלט תיכף אָפּ דעם וואַגאָן!

שוין שפּעט. מיר זײַנען אַ וואַנט פאַרבײַ שוין,
דורך וועלדל פון פּאַלמען מיר זײַנען פאַרבײַ,
איבער דער ניעווע, דעם ניל און דער סענע,
און דורכגעדונערט איבער בריקן דרײַ.

און נאָענט, גאַר נאָענט פון דער פענצטער־ראַמע
געוואָרפן האָט אונדז אַ נײַגעריקן בליק
אַן אָרעמער זקן, אָט־דער, וואָס אין ביירוט
געשטאָרבן איז דאָך מיט אַ יאָר צוריק.

וואו בין איך? און ס׳ענטפערט מיר אָפּ אין מהומה
דאָס האַרץ מײַנס דאָס שוואַכע אין שטומען געבעט:
— „אָט זע: אַ וואָקזאַל, אַוואו מ׳קאָן קויפן
אין אינדיע פון גײַסט אַ בילעט״. —

אַ שילדל אַ גרינס... מיט בלוט פאַרגאָסן,
די אותיות ריידן אין רויטן געשוועב:
מ׳פאַרקויפט דאָ קיין קרויט נישט און נישט קיין ריבן —
מ׳פאַרקויפט דאָ טויטע קעפּ.

אין העמד אין רויטן, מיט געזיכט, ווי אַן אייטער,
האָט מײַן קאָפּ אויך דער תליון אָפּגעהאַקט דאָ.
געלעגן איז מײַן קאָפּ מיט אַנדערע אינאיינעם
אין גליטשיקן קעסטל, אויפן סאַמע דנאָ.

און אין געסל אין קליינעם שטייט אַ פּלויט פון ברעטער,
אַ הויז מיט דריי פּענצטער און אַ גרויער גאַזאָן. 1)
שטעלט־אָפּ, שטעלט־אָפּ, וואַגאָנען־פירער,
שטעלט־אָפּ, שטעלט תיכּף אָפּ דעם וואַגאָן!

מאַשאַ, דו האָסט דאָ געאַוווינט און געזונגען,
און מיר, דיין חתן, אַ טעפּיך געוועבט.
וואו־זשע איז איצט דיין קול און דיין קערפּער?
ביזטו טאַקע טויט, ווי קיינמאָל נישט געלעבט!

ווי דו האָסט געזיפצט אין קעמערל דיינעם!
און איך מיט געפּודערטן צאָפּ, געדענקסט:
געגאַנגען זיך פאַרשטעלן בין איך פאַר דער מלכה —
זינט דעמאָלט האָב איך דיך שוין מער נישט געזען.

איצטער פאַרשטיי איך, אַז אונדזער פרייהייט
איז בלויז אַ ליכט, וואָס שלאָגט־אָפּ פון ד אָ ר ט
מענטשן און שאָטנס ביים אַריינגאַנג שטייען
צום זאָאָלאָגישן גאָרטן פון שטערן־האָרד.

מיטאַמאָל אַ ווינט, אַ באַקאַנטער און זיסער,
און פון הינטערן בריק פליט אויף מיר, איך הער:
די דלאָניע פון רייטער אין אַן אייזערנער האַנדשו
און קאָפּיטעס צוויי פון זיין פערד.

געטריי דער פעסטונג פון אונדזער אמונה,
אויסגעשניצט פלאַקערט א י ס אַ ק י 2) אין ליכט.
דאָרט וועל איך אָפּריכטן די לעצטע תפילה
וועגן מיין מ אַ ש אַ ן און וועגן זיך.

אויף אייביק, אויף אייביק בלייבט ס'האַרץ מיינס אין טרויער,
ס'איז אָטעמען שווער און לעבן אין ווייי.
מ אַ ש ע נ ק אַ , ס'האָט קיינמאָל זיך מיר נישט געחלומט,
אַז ליבן קאָן מען און בענקען אַזוי.

1917

---

1) גאַזאָן — אַ גראָז־לאָנקע.

2) איסאַקי — דער באַרימטער איסאַקיעווסקי סאָבאָר (קלויסטער) אין אַלטן פּעטערבורג.

אכמאטאווא, (גאָרענקאָ)

אַנאַ אַנדרעיעוונאַ

(1889)

⁂

כ׳דריק די הענט אונטער טונקעלן שלייער:
„זאָג, וואָס ביזט אַזאַ בלייכע היינט?״
— „בלויז דערפאַר, וואָס מיט טערפקען טרויער
כ׳האָב פאַרשיכורט אים היים, ווי מיט ווײַן!״ —

ווי פאַרגעסט מען: אוועק, זיך געוואקלט.
ס׳האָט זיך פיינלעך געקרימט זיין מויל.
כ׳בין געלאָפן נאָך אים, נאָכן עקשן,
ביזן טויער געלאָפן אין גרויל.

כ׳האָב געשריגן: — „ס׳אַ שפּאַס! זיי מיר מוחל,
גייסט אַוועק, וועל איך שטאַרבן אַצינד!״ —
האָט ער רואיק און גרויליק געשמייכלט
און געזאָגט מיר: — „נישט שטיי אויפן ווינט!״ —

1912

אַ תפילה

זאָג אַ תפילה וועגן מיין פאַרלוירענער
און מיין לעבעדיקער זעל,
דו — אין אַלץ און אומעטום אַ זיכערער —
האָסט דערזען דאָס ליכט אין צעלט.

און בלויז דיר — אַ טרויעריקע־דאַנקבאַרע —
וועל דערציילן דיר פאַרוואָר:
ווי געפּיינט האָט מיך אַ נאַכט אַ רויכיקע,
ווי מיט אייז געהויכט קאַיאָר.

כ׳האָב געזען דאָ, אין דעם לעבן ווייניקלעך —
בלויז געזונגען און געוואַרט.
כ׳ווייס: מיין ברודער קיינמאָל כ׳האָב נישט פיינט געהאַט
און מיין שוועסטער — נישט גענאַרט.

איז פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט גאָט געשטראָפט מיך נאָך
יעדן טאָג און יעדע שעה?
צי געוואָלט האָט מלאך ס׳ליכט מיר אָנווייזן,
וואָס מיר זעען נישט אַט־דאָ?

1911

אין אַ ווייסער נאַכט

כ'האָב נישט פאַרמאַכט דאָס טירעלע,
געצונדן נישט קיין ליכט.
דו ווייסט נישט — אַ פאַרמאַטערטע
זיך לייגן נישט געריכט.

אַ, זען ווי ס'לעשן פאַסן זיך
אין טונקלער שקיעה-שיין,
פאַרשיכורט פון דער קלאַנגען-שטים,
וואָס ענלעך איז צו דיין.

און ווינסן: אַלץ פאַרלוירן איז —
דאָס לעבן, ווי דאָס גליק.
געוועזן בין איך אַ זיכערע,
אַז קומען וועסט צוריק.

1912

און דו ביזט איצט

און דו ביזט איצט אַ כמורנער און אַ שווערער,
זיך אָפּגעזאָגט פון רום און טרוים און רו.
נאָר מיר ביזט אַלץ נאָך טייערער און ליבער —
וואָס טונקעלער, אַלץ רירנדער ביזטו.

דו זשליאָקעסט ווין. די נעכט דיינע ווי אומריין,
דו ווייסט נישט אויף דער וואָר וואו אוים, וואו איין, —
נאָר גרין זיינען די ליידנדיקע אויגן,
קיין רו געפינען קאָנסטו נישט אין ווין.

דאָס האַרץ בלויז בעט אויף זיך אַ טויט אַ גיכן,
זייל ס'קריכט דער גורל, לאַנגזאַם ווי אַ קרעט.
דער מערב-ווינט ברענגט אָפּטער אַלץ און אָפּטער
די טענות דיינע און דיין שטיל געבעט.

ווי וואַג איך דען צו דיר צוריקצוקומען?
אין היימלאַנד מיינעם אונטער בלייכער שיין
איך קאָן בלויז זינגען, כ'קאָן בלויז דיך דערמאָנען —
און דו דערמאָנען מיך נישט וואַג, מיין פריינט!

עס לויפן טעג און כפל'ען בלויז די זאָרגן.
ווי זאָל איך בעטן גאָט פאַר דיר אין פרידי?
דו האָסט געטראָפן: ס'איז אַזאַ מיין ליבע,
אַז דו אפילו טויטן קאָנסט זי נישט.

1913

דערפֿאַרונג

נײַן, נישט קײן שׂכל, נאָר בלויזע דערפֿאַרונג,
אַ פֿאַרעװע, פּיסנע געטראַנק.
יוגנט געװען, װי אַ ליכטיקע תּפֿילה,
קאָן איך פֿאַרגעסן איר קלאַנג.

װיפֿל געשפּאַנט כ׳האָב מיט דעם, װאָס נישט ליב איז,
װעגן פֿאַרװיסט און באַטריבט,
װיפֿל געקניט כ׳האָב פֿאַר ד ע ם אין די קלויסטערס,
ד ע ם , װאָס מיך האָט געליבט.

אַלץ כ׳האָב אין לעבן פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן.
האַרבסט־װינט די יאָרן פֿליקט.
ליפּ נישט־געקושטע און אויגן אָן שמײכלען
כ׳װעל שױן נישט אומקערן צ׳ריק.

1935

דער גרױ־אױגיקער קיניג

לױב דיר, אומאױפֿהערלעך־שטענדיקע לײד!
קיניג גרױ־אױגיקער טױט איז שױן, טױט.
האַרבסטיקער אָװנט איז שטיקנדיק־רױט,
כּאָן מײַנער רעדט צו מיר רױיקע רײד:

„װײסט, מ׳האָט געבראַכט פֿון דער יאַגד אים אַהײם,
מ׳האָט אים געפֿונען בײַם אַלטינקען בױם.
װי איז דער קיניגין — יונג נאָך אַזױ.
גרױ איבער נאַכט איז געװאָרן זי, גרױ.״ —

ער האָט זײַן ליולקע דערטאַפּט אױף קאַמין
און איז אַװעק אױף זײַן נאַכטיקער מי.
אױפֿװעקן װעל איך מײַן טעכטערל באַלד,
זוכן אין אײגעלעך גרױע אַ שטראַל.

װײַזן װעל איך איר: אױף שלאָס אױבנאָן
הענגט פֿאַר דײַן פֿאָטער אין טרױער די פֿאָן.
רױשן טאָפּאָלן בײַם פֿענצטער פֿאַרקלערט:
— „מער שױן דײַן קיניג נישטאָ אױף דער ערד!״ —

1916

מאַנדלשטאַם

אָסיפּ עמיליעוויטש

(1945 — 1891)

דער יונגער לוי

צעווישן פּריסטער־לייט אַ לוי — יונג, געוואַגט —
געשטאַנען ביז באַגין איז ער, אַ טרייער שומר.
ס'איז נאַכט יהודה'שע געהאַנגען, ווי אַ פּסק,
און טעמפּל חרובער געוואַקסן איז אין אימה.

ער האָט גערעדט: — „דער הימל איז פון געלקייט דול,
די נאַכט איז איבער פּרת. אַנטרין פונדאַנען, ברודער!" —
געטראַכט די זקנים האָבן: — „ס'איז נישט אונדזער שולד,
די שוואַרץ־און־געלע שיין אַ פריידּ איז פאַר יהודה!" —

ער איז מיט אונדז געווען, ווען אין ווייסן לײַן
מיר האָבן אויסגעצירט דעם שבת, לויט דער תורה,
און העל באַשיינט מיט זיבן־רעריגער מנורה
ירושלימס נאַכט אין נעפּל פון נישט־זײַן.

1917

מײַן מוטערס טויט

ס'איז די נאַכט אַ נעסט פון טרויער,
ליכטיק איז ביי אייך אין הויז.
ביי ירושלימס טויער
איז אַ שוואַרצע זון אַרויס.

גרויזאַם איז די זון די געלע,
שלאָף, מײַן מוטער, אַי־ליו־ליו!
אין יהודה'ס טעמפּל העלן
ברענגט מען דיך צו לעצטער רו.

נישט געווען קיין רייכע סעודה·
(נישט געהערט צו סאַמע פּני!)
אין דעם טעמפּל פון יהודה
קלינגט דער הספּד נאָך דער פרוי.

איבער איר אַ טרויער־ניגון
האָט אַ אידישער געשאַלט.
— כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אין וויגל,
פון אַ שוואַרצער זון באַשטראַלט.

1916

האַלץ

עס פרעסט מיין טרוקן לעבן
דאָס פייער אָן אַ זין.
איך זינג נישט וועגן שטיינער,
נאָר וועגן האָלץ איך זינג.
דאָס האָלץ איז נישט געהובלט,
נאָר ס׳איז פון זעלבן שייט:
דאָס האַרץ פון דעמב, די רודערס
פון יונגע פישערלייט.
שלאָגט קרעפּטיקער די שפּונטן,
איר — האַמערס, קלאַפּט און קלינגט:
פון הילצערנעם גן־עדן,
וואו זאַכן זיינען גרינג.

1923

די נאַטור

נאַטור איז זעלבער רוים, וואָס שפּיגלט זיך אין איר.
געשטאַלטן זעען מיר אין כוח פון איר אָדל:
אין דורכזיכטיקער לופט, ווי אין אַ בלויען צירק,
אין פאָרום פון דעם פעלד, אין וועלדער־קאַלאָנאַדע.

נאַטור איז זעלבער רוים, געהאַקט פון זעלבן שטיק.
צואוואָס די געטער ווידער שטעלן צום נסיון?
פאַראַן קרבנות־דרויב — צו טרעפן וועגן קריג,
און קנעכט — צו שווייגן שטיל און שטיין־געווערק — צו בויען.

1919

איך האָב אַ גוף

איך האָב אַ גוף — וואָס זאָל איך מיט אים טאָן,
מיט אים דעם איינציקן, וואָס איז מיר נאָנט?

פאַר שטילער פרייד, פאַר לעבנס זיס געטראַנק
צו וועמען זאָל איך אָפּשיקן אַ דאַנק?

איך בין דער גערטנער, איך בין אויך די בלום,
אין לעבנס תפיסה כ׳גיי נישט עלנט אום.

עס ליגט שוין אויף דער שויב פון אייביקייט
מיין אָטעם־צוג, מיין וואַרימקייט.

עס איז אויף איר פאַרזיגלט מיין אוצר —
נישט צו דערקענען אים פון לאַנגע יאָר.

ביז אָפּרינען וועט רגע׳ס מוטנער פלעק,
וועט דער אוצר נישט ווערן אָפּגעמעקט.

1916

4. מאָוועטישע דיכטער

ביעדני
קאַמענסקי
מאַרשאַק
אַסיעיעוו
פּאַסטערנאַק
כליעבניקאָוו
אינבער
ערענבורג
מאַיאַקאָווסקי
מאַריענהאָף
יעסענין
באַגריצקי
טיכאָנאָוו
אַנטאָקאָלסקי
גרעבניאָוו (פיינבערג)
בעזימענסקי
ליעבעדיעוו-קומאַטש
סעלווינסקי
שטשיפּאַטשאָוו
אושאַקאָוו
סורקאָוו
פּראָקאָפיעוו
איסאַקאָווסקי
גאָלאָדני
סוויעטלאָוו
אוטקין
זשאַראָוו
קירסאַנאָוו
טוואַרדאָווסקי
דאָלמאַטאָווסקי
סימאָנאָוו

4. סאָוועטישע דיכטער

כיעדני, דיעמיאַן

(יעפים אַלעקסעיעוויטש פרידוואָראָוו)

(1945 — 1883)

מיין ליד

איך זינג. נאָר „זינג" איך דען?
מיין קול פאַרהאַרטעוועט אין שלאַכטס אין סאַמע ברען.
מיין ליד... נישטאָ אין איר קיין גלאַנץ און קיין בראַוואַדע.
נישט אויף קיין בליציקער עסטראַדע
און נישט פאַר „פני," וואָס ווערן שטאַרק נתפּעל,
נישט אונטער פידל־זיפּץ, צעזונגען און באַצויבערט,
איך הויב דאָ אויף מיין קול
אין צאָרנדיקן, חוזקדיקן שויבער.
פון דורות שווערע כ'טראָג פאַרפלוכטע לאַסט,
קיין דינער בין איך נישט פון מוזע און פעגאַס:
מיין האַרט און קלאָר געזאַנג — מיין העלדנטאַט און גלויבן.
אַ פאָלק, מיין פאָלק מאַרטירער פון פאַבריק און שאַכט,
דיין אורטייל בלויז איך נעם אין אַכט,
דו ביזט מיין ריכטער איינציקער און פרייער,
דו, וועמעס האָפנונגען כ'בין אויסדריקער געטרייער,
פון וועמעס ווינקלען כ'בין דער „כלב אויף דער וואַך".

1917

ביי לענינס לויה

די חיה'שע די סטעזשקעלעך פאַרשאָטן
האָט נעכטיקער צעבויטעטער בוראַן.
אויף שטילינקער, אויף טיף־פאַרטראַכטער יאָדלע
די שנייעלעך — זיי פאַלן נאָכאַנאַנד.

מיט אייזיקער מיט קלעמעניש פאַרקאָוועט,
פון דערפעלעך פון שטילינקע די פלאַג.
און ווידער שטייט ער אויף מיר פאַר די אויגן
דער טויטלעך־מרה־שחורהדיקער טאָג.

געדוכט האָט זיך: ס'איז ערד אַראָפּ פון דרך,
מיט פינצטערניש באַדעקט האָט זיך די וועלט.
אַ וויי־געטאָן מיט אימה און פאַרצווייפל
יער ווינטער האָט מיט קרירהדיקער קעלט.

וועל איך פאַרגעסן דען ס'געווייַן ביי גאָרקי *)
און די באַגלייטערס הערצער, פול מיט שרעק,
די אָנטשעס די טויזנטער, די לאַפּטשעס,
וואָס האָבן אויסגעטראָטן לענינען דעם וועג?

געגאַן איז מען אין לענטעס איבער בערגלעך,
פון שניי־הויפן ביז הויפן אין זאַווייַ.
געפאַלן זייַנען שנייעלעך, געפאַלן
אויף לענינס אָרון, אויסגעווייסט פון שניי.

קאַמענסקי

וואַסילי וואַסיליעוויטש

(1888)

ר ע וו אָ ל ו צ י ע

צעקלינג זיך, פרילינגדיקע רוסלאַנד,
צעבלי זיך, חופּהדיק, מייַן לאַנד,
און קום באַגעגענען די פרייהייט
מיט סטרוניק־קלינגעוודיק געזאַנג!

ווי פריידיק־לויכטנדיקע קינדער,
אין אונדז דער רוף צום יום־טוב בליט.
קום, לאָמיר שמידן מאַרסאַליעזיש
דער רעוואָלוציע אַ ליד!

מיר זייַנען אַלע איצט חברים,
ס'איז יעדער פריי דאָ און געזונט.
מיר זייַנען אַלע פול מיט שאַפונג,
ווי איין משפּחה — אין איין בונד.

ס'איז איצט אַ גליק צו זייַן אַ דיכטער,
ס'איז איצט אַ גליק אַ בירגער זייַן,
ווען פייַערן אויף אַלע גאַסן
באַגריסן מיט רובינען־שייַן.

לעב־אויף, איין פאָלק, און זינג אונדז לידער
און שטעל דייַן לייב־און־לעב אין קאָן,
באַדעק מיט רום, מיט גליק און פריידן
דעם גורל, ווי אַ רויטע פאָן!

ס'אַ צייט אַ הייליקע געקומען —
די פאָנען בליען רויט, ווי צוויק.
זאָל בויען זיך די נייע רוסלאַנד —
דעם מענטשנס וואונדער־רעפּובליק!
1917

*) גאָרקי — אַ שטעטל ביי מאָסקווע

מאַרשאַק

סאַמואיל יאַקאָװליעװיטש

(1888)

די מוטער

אַזאַ געװײנלעך־פּראָסטער טאָג
אין יוני גאָלדיק בלױט.
פֿאַשיסטן פֿירן פֿויער־לײַט
פֿון דאָרף אַרױס צום טױט.

ס׳איז רואיק־שטיל דער לעצטער װעג.
נאָר אָט צום תּליונס שטײן
אַרױסגענומען האָט אַ פֿרױ
איר ברוסט אײַנמיטן גײן.

זי נעמט די אױגן אירע נישט
אַראָפּ פֿון פּיצל קינד,
זי גיט איר זון צום לעצטן מאָל
זיך אָנזױגן געשװינד.

עס טראָגט זיך צװישן עולם שטיל
אַ שלוכצענדיק געװײן —
און ס׳שרײַט דער תּליון עפּעס אױס,
פֿאַרשטשעמענדיק די צײן.

דער עולם שפּאַנט דעם לעצטן װעג
מיט אײַלנדיקע טריט...
דער יוני־הימל האָט געבלױט,
דער לײַן האָט זיך צעבליט.

1942

די צײַט

דאָס קול און די טריט פֿון דער צײַט זײַנען שטילער
פֿון יעטװידן שאָרך און געהילך.
עס דרײען פֿאַרבאָרגן זיך רעדלעך פֿון זײגער
און רױשן, װי מײַז אונטער דיל.

די ליסטיקע צײַט שפּילט זיך אײביק מיט רגעס
און גרױסע מטבעות זי שפּאָרט.
דו קוקסט — און זי צײלט דיר שױן גאַנצע מעת־לעתן,
אַ חודש, און זיבעציק יאָר.

דער װײַזער פֿון רגעס לױפֿט שנעל און אָן אָטעם
מיט אײגענעם אײביקן װעג.
אַזױ, װען מיר שלאָפֿן בײַנאַכט אונטער שטאָרן,
אַ צוג לױפֿט זײַן װײַטן געיעג.

1941

אַסיעעוו

ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש

(1889)

די מענטשהייט איז מיט אונדז

הער-זשע א וואָרט א וואָגיקס,
הער די אמתע רייד:
צוליגן דאַרף מען אן אקסל —
דאָס איז אונדזער באַשייד.

מיר זיינען ערוב פאר מעשים
פון אונדזער גרויסן דור:
אונדזער אמת זאָל זיגן,
אונזער וואָרע וואר.

נישט דערויף זיך געשלאָגן
האָבן מיר זיך דורך נויט,
אז אונדזער גרויסן אמת
זאָל פאַרשלינגען דער טויט.

פערטל יאָרהונדערט געפראַצעט,
זיידעס און קינדער — איין שטאַנד.
פערטל יאָרהונדערט שטאָלצירט מיט
מי פון אייגענע האַנט.

איצטער. נישט שוין-זשע איצטער
וועסטו אינמיטן וועג
פאַרן געשפּענסט פון אומקום
פאַלן אויף קני פון שרעק?

ניין, ס'וועט אַזוינס נישט פּאַסירן!
גוט צו פאַרטרייבן פון ריי,
ס'פאָלק האָט געשאַפן א ווערטל:
— „נישטאָ קיין טויטן קיין צוויי!" —

מיר מיטן טויט, מיט איינעם
וועלן פאַרמעסטן זיך היינט
און אים פאַריאָגן, אז פריער
גרעפּן זאָל ער דעם פיינט.

און מיטן טויט, מיט איינעם
גרויזאַם וועט זיין דער פאַרמעסט.
הינטער דיין פלייצע — די גאַנצע
וועלט, ווי א וואַנט, שטייט פעסט.

ס'האָרכט זיך אײן גאָר די מענטשהײט
צו דײַן געקאָװעטן שפּאַן.
ס'אָטעמט שוין גאָר די מענטשהײט
גליאיק אין גרױזאַמען װאַן.

שרעק זיך נישט, גיב זיך נישט אונטער,
שטעל זיך צום פײַנט — מיטן שפּיז!
בלײַבן אויף אײגענעם באָדן,
שטײן אויף די אײגענע פֿיס!

בלאָזן װעט װינט פֿון נצחון,
אָטעם זײַן דופּט אײַן אויפסנײַ.
זינגען מיר װעלן נאָך לידער,
לידער פֿון ליכטיקער פרײַ.

ס'װעט אונדזער אײביקער פײַער
פלאַקערן דור־דורות לאַנג.
ס'װעט אונדזער פאָן, אונדזער רויטע,
קײנמאָל צעברעכן איר שטאַנג.

איבער די פעלדזן פֿון אומגליק,
איבערן בלוט פֿון קריג,
איבערן גרױס־שליאַך פֿון לעבן —
אונדזערם װעט זײַן דער זיג.

ס'איז גאָר די מענטשהײט מיט אונדז דאָ
אײניק אויף דור־דורות לאַנג.
ס'װעט אונדזער פאָן, אונדזער בראַװע,
קײנמאָל נישט בויגן איר שטאַנג.

1942

בודיאָניס מאַרש

אויף הימל אויף מיט־טאָגיקן
די שװערע היץ זיך קלעפּט.
בודיאָנים בראַװע רײַט־אַרמײ
צעװאָרפן ליגט אין סטעפּ.

אַלץ, װאָס װי די פײגעלעך,
װיקלט זיך אין װעג,
פֿאַר דער שװערד דער שאַרפינקער
קײקלט זיך אַװעק.

ניט ווי מאַמעס זינדעלעך
אין יחוסדיקער הויף,
געבוירן זיינען מיר אין פלאַם
פון פולווערדיקן רויך.

און נישט מיט רום פאַרצייטיקן
איז אונדזער גלייכנס רייך.
אַליין ווי לאַווע, גיסן זיך
אויפן פיינט מיר גלייך.

זאָל קיין פּאַן נישט רימען זיך
מיט פליען פלינק און שנעל,
מיט פערד־געלאָף צעמאָלן מיר
זייער חייל, ווי מעל.

נישט פאַרגעסן ווייסער וועט
גראַזן־שושקעריי,
ווען פון פויער־ארבעטער
טראָגט זיך רויט־אַרמיי.

מיר קיין שלאַכטן זוכן נישט,
געדענקט נאָר פּערעקאָפּ:
קוילן האָבן מיר גענוג
פאַרן ווייסנ׳ס קאָפּ.

זאָלן קלינגען ציימעלעך
אַ לויה־קלאַנג:
אָט אַזוי צעטרעטן מיר
מיטן פערד די שלאַנג.

ס׳וועט קיינער וועג פאַרגאַנגענעם
נישט געבן צ׳ריק אַ שטויס.
עס גייט בודיאָנים רויט־אַרמיי
פאָרויס! פאָרויס! פאָרויס!

1922

פּאַסטערנאַק

באָריס לעאָנידאָוויטש

(1890)

די צווייגן באַהאָנגען

די צווייגן באַהאַנגען מיט קנאָספּן, ווי שנויצן,
מיט מענלעכקייט ציט פון די פּאַרקן,
אַפּריל האָט מיט װאַרעמקייט העל זיך צעלויכטן,
רעפּליקן פון װאַלד װערן שטאַרקער.

פאַרצויגן דער װאַלד, ווי אַן אַקס מיט אַ פּעטליע,
פון טויזנטער פייגלעשע גאַרגלען,
און קרעכצט אין דער נעץ, ווי עס קרעכצט אין סאַנאַטן
דער שטאַל-גלאַדיאַטאָר פון אָרגל.

אַ, דיכטונג, װאַלסטו, ווי אַ שוואָם, ווי אַ גריכישע,
געווען צווישן קלעפּיקע גראָזן,
װאָלט איך דיך אין סאַד אויף אַ באַנק אויף אַ גרינער,
אויף ברעטל אויף פייכטן פאַרלאָזן.

לאָז אויפגיין דאָ פּרעכטיקן קרייטעך און בלימל,
זאַפּ-איין אין זיך װאָלקנס און גריבער —
און שפּעט אין דער נאַכט כ'וועל דיך אויסקוועטשן, דיכטונג,
אויף דאַרשטיק פּאַפּירל מיט ליבע.

1916

די נשמה

אָ, שקלאַפין באַפרייטע, געדענקסטו, געדענקסטו נאָך,
און אויב האָסט פאַרגעסן — אַ קנעכטין פון פליכט!
לויט מיינונג פון אַנדערע — די זעל איז אַ פּילגערין,
לויט מיינער — אַ שאָטן אָן באַזונדערן שטריך.

אויב אַפילו פאַרזונקען אין דעם שטיין פון דעם ליד ביזטו,
אויב אַפילו דערטרונקען ביזט אין שטויביקן שקוואַל,
דו צאַפּלסט זיך דאָ, ווי די פירשטן געפאַנגענע,
ווען גרוב פון דער פעסטונג האָט פאַרגאָסן פעוואַל.

אָ, דו — איינגעוואָרצעלטע! אין מי פאַר אַמנעסטיע,
זיי שטעלן די צייט; ווי מע שעלט דעם זשאַנדאַר,
קלאַפּן יאָרן, ווי בלעטער אָרונטערגעפאַלענע
אין די גערטנערשע פלויטן פון וועלט-קאַלענדאַר.

1916

אַ שרעקלעך מעשהלילע

אַלץ וועט זיך ענדערן אַצינד,
ס׳וועט ווידער בליען היימלאַנד,
די שרעק פון אויפגעוועקטן קינד
פאַרגעבן וועט מען קיינמאָל.

פאַרגעסן וועט מען נישט די שרעק,
אויף פּנימער דאָס שטוינען:
פאַר אַלע צרות, אַלע שלעק
באַצאָלן וועט דער שונא.

זיין אָנקום, ווי אַ מעשה-ווערק,
אַמאָל וועט מען באַטראַכטן.
פאַר די געליטענע וועט ער
באַצאָלן הונדערטפאַכיק.

דערמאָנען וועט מען נאָך אַמאָל
די מעשים פון פאַרברעכער,
ווען ער געטאָן האָט, וואָס געוואָלט,
ווי הורדוס אין בית-לחם.

און קומען וועט אַ נייע צייט,
פאַרשווינדן וועט דער שונא.
פון קליינע קאַליקעס די לייד
פאַרגעסן וועט נישט קיינער.

1941

פרילינג

ס׳איז פרילינג. כ׳קום פון גאַס, וואו טאָפּאָל אין געפלעט,
וואו ווייט אין פחד איז, וואו הויז — אין שרעק פון טרייסל,
וואו לופט איז בלוי, ווי ס׳קלומעקל מיט גרעט
ביי איינעם, וואָס איז פון שפּיטאָל אַרוים ערשט.

דער אָוונט פּוסט, ווי אַ דערציילונג, איז,
וואָס איז אָן המשך אינדערמיט געבליבן —
צום פלוצימדיקן שטוין און צום סורפּריז
פון אויגן אויסדרוקלאָזע, טריבע.

1932

מיינע לידער

אויף טראָטואַרן איך צעשטוים
מיט זון און גלאָז זיי אין פאַרבלענד,
כ׳אַנטפלעק דער סטעליע זיי פון הויז
און לייען זיי פאַר די נאַסע ווענט.

ס׳טוט בוידעם פלוצים זיי אַ זונג
דער ראַם, דעם ווינטער מיט אַ גרוס,
און אויף קאַרניזן הילכט דער שפּרונג
פון אומגליק, צייכנס און פון שטות.

קיין חודש ווייען וועט בוראַן,
פאַרקערן סוף און אָנהייב גיך.
כ׳דערמאָן זיך פּלוצים: זון פאַראַן,
איך זע: ס׳איז נישט דאָס זעלבע ליכט.

ס׳וועט ניטול בליקן, ווי אַ ראָב,
און טאָג צעהוליעטייר אין שטוין
וועט לויטער מאַכן מיר אין קאָפּ,
וואָס שווער געווען איז צו פאַרשטיין.

אין שאַרף געהילט, מיט האַנט אַ גריס,
איך וועל די קינדער טאָן אַ פרעג:
— „זאָגט, וואָס פאַראַ יאַרטוויזנט איז
אויף גאַס ביי אונדז אין אָט־די טעג? —

ווער האָט אַ שטעגל אויסגעפלאַכט
צו טיר פאַרשאָטענער מיט שניי,
ווען כ׳האָב מיט בייראָנען פאַרבראַכט,
ווען כ׳האָב מיט פאָו געטרונקען טיי?

ווען אין דאַריאַל מיין לעבן אָפּט.
מיט הייסן גיהנם׳דיקן גלוט
ווי ציטער־פרייד פון לערמאָנטאָוו,
האָב איך געטונקען אין ווערמוט.

1928

קאַווקאַז

קאַווקאַז זיך שפּרייט ווי אויף דער דלאָניע
און ווי אַ בעט, צעקנייטשט און ווייס.
און וואַרעמער פון זיינע תהומות
פון שפּיצן זיינע בלויט דאָס אייז.

דאַריאַל — אַ דורכגאַנג צווישן די קאַווקאַזער בערג.

און נישט מיט אַלעמען, פֿאַרנעפּלט,
ווי נ׳אויטאָמאַט, פּרעציז, מיט האַסט,
געהויבן האָט ער, ווי די זאַלפֿן,
פֿון זײַנע אײַז־גליבעם דעם כעס.

און קוקנדיק אויף אָט־דער שײנקײט
מיט אויגן, אָנגעשפּיצט אין רוים,
האָב איך דערפֿילט אַזאַ מין קנאה
צו אָט־דער הערלעכקייט אין צוים.

אָ, ווען עס וואָלט אַזאַמין צופֿאַל
פֿון צײַטן ווײַטע דורך טומאַן
אויף אונדז געקוקט פֿון זעלבע הייכן
אַ טאָג, ווי אונדזער גרויסער פּלאַן!

וואָלט טאָג און נאַכט פֿאַר מיר זײַן פּיאַטע
געשפּאַנט אַרונטער פֿון דעם באַרג,
ער וואָלט דעם שפּריי פֿון מײַן נבֿואה
געטראָמפּט מיט באַרגפֿוס פֿון זײַן קאַרק.

איך וואָלט מיט קײנעם נישט געקריגט זיך, —
פֿון קײנעם נישט פֿאַרדעכטיקט, ריין, —
שטאָט לעבן, ווי אַ פּערזאָן־שרײַבער,
וואָלט איך געלעבט, ווי ס׳ליד אַליין.

1937

סייאָר 1905

(פֿראַגמענט פֿון אַ פּאָעמע)

אין דער מיאוסקייט פֿון אונדזער פּראָזע
אין אָקטיאַבער דער ווינטער שוין שפּאַנט.
צו דער ערד לאָזט אַראָפּ זיך דער הימל,
ווי דעם פֿאַרהאַנג׳ס צעטרעפּעטער פֿראַנדז.

ערשטער שניי איז נאָך פֿריש און צעפּודזשעט,
ווי אַ בשורה, און שרעקיק און וואַך.
אין ניט־דאַאיקער ניי פֿון מעסלעסן,
רעוואָלוציע, שפּאַנסט איבער שליאַך.

זשאַנאַ ד׳אַרק פֿון סיבירער פֿאַרברעכער,
אַ קאַטאָרזשניצע פֿון יענעם שטאָף,
וועלכע וואַרפֿט זיך אין ברונעם פֿון לעבן,
מעסט נישט אָפּ דעם פּאַנאַנדערגעלאָף.

האָסט פון דעמער אונדז, סאָציאַליסטקע,
ליכט געהאַקט, ווי פון פייער און גלוט,
האָסט געוויינט — און מיט יאַשטשערקע־פּנים
האָט געשיינט און געפּרירט אונדזער בלוט,

אין געהילך פון דעם שיס־פּלאַץ פּאַרזונקען,
אַ פאַרפרעמדטע אין אייביקן וואָן,
האָסט די פלאַמען פון לעבן געטרייסלט,
ווי די גאַס וואָלסט געדרייט אין דער האַנט.

און אין בלאָנדזשען פון שנייעלעך ווילדע
האָסט באַהאַלטן דעם שטאָלצן זשעסט:
ווי אַ קינסטלער, מיט זיך נישט צופרידן,
האָסט אַליין זיך באַזייטיקט פון פעסט.

ווי אַ דיכטער, אַ לאַנג־אָפּגעגליטער,
זוכסט צעשטרייאונג אין אייליקן גאַנג.
דו אַנטלויפסט פון די אייזערנע מוחות,
אַלץ, וואָס נישטיק, ז'דיר מיאוס, ווי אַ שלאַנג.

1926

ל י י ט ע נ אַ נ ט ש מ י ד ט

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

אָקטיאַבער. אַ ריי זאַבאַסטאָווקעס.
אָ, ווינטן! אָ, גהינם־ליכט רויטע!
פון פּעק און פון ים'ען צעבויטעט,
צעפלויגענע צויטן.

אָ, שטורם פון בראָשורן, ליסטאָווקעס!
אָ, שלאַקסן, אָ נעכט אָן לבנה,
אָ, רוף פון סירענע — סכנה,
פון ז ע ק ס ט ן דער אָנהויב!

פון טורמע צום שטורם פון בראָשורן.
אָ, נעכט! אָ, פריי־רייד — אין וואונדער!
און זאַלפן אַנטקעגן — די וואונדן,
ווי ליכטער געצונדן!

אָ, צווינטער אין טאָג פון לוויה!
און צום לייטענאַנטישן נדר
פאַרפלעקטע אי בליקן, אי קליידער,
פון וואונקן און לאַסקעס דער שווידער.

אָ, שטיגן אין קרעפּ! אָ, געזאַנגען!
און כאָרן אויף גאַסן און סקווערן,
הוי פּודיקע בראַנדזע, ווי שווערע:
— „אָ, שווערט אונדז"! — „מיר שווערן!" —

אָ, ווינט, וואָס רייסט-איבער די פראַזן,
ווי קליאַנען און אולמען! אָ, ווינטן,
וואָס שאַנעווען גאַרנישט אין פלינדער —
בלויז ווערטער, ווי פלינטן!

דו יאַגסט איבער שטורמישע פלאַכן:
— „לזכר פאַר קינפטיקע קלאַנען
אָ, שווערט אונדז: קיין שפּאַן נישט פונדאַנען!"
— „מיר שווערן! קיין שפּאַן ניט!" —

1927

כליעבניקאָוו

וועלעמאַר

(1922 — 1890)

ניט דערפאַר

עי, וואוילערישע סוחרים'לעך,
א ווינט אייך אין קאָפּ!
איך טראָג זיך אין שאַפּנפּעלץ
איבער מאָסקווע אין גאַלאָפּ.

ניט דערפאַר האָט ביים שונא
בלוט געטריפט, ווי פון לאָגל,
אַז דימענטן אויף די לאַפּעס
זאָלן הענדלערקעס טראָגן.

כ'וועל ניט שטשירן די ציינער
אין די נעכט אין די לאַנגע,
כ'וועל אויף דאָן און אויף וואָלגע
שווימען מיט געזאַנגען.

כ'וועל פאַראויסשיקן אויף טייכן
מיינע אָוונט-שיפן פרייע.
— ווער וועט גיין מיט מיר אין וואַנדער?
—מיינע פריינט געטרייע! —
1918

*) לייטענאַנט שמידט, אָנפירער פון פלאָטן אויפשטאַנד אין סעוואַסטאָפּאָל,
אין דעצעמבער 1905. הינגעריכטעט געוואָרן אין 1906.

אינבער,

ווערא מיכאילאָוונאַ

(1890)

פינף נעכט און טעג

(אויף לענינס טויט)

און איידער מ'האָט אים צו זיין קבר
אוועקגעפירט דעם לעצטן וועג,
איז ער אין זיילן־זאַל געלעגן
פינף גאַנצע נעכט, פינף גאַנצע טעג.

פאַראוים מיט פלאַטערדיקע פאָנען
האָט העל געשטראָמט דער מענטשן־פלוס:
אַ קוק־צו־טאָן אויף געלן פראָפיל,
אויף רויטן אָרדן אויף זיין ברוסט.

געשטראָמט. און איבער ערד האָט גרויזאַם
געהערשט אַזאַ מין בייזע קעלט,
ווי ער מיט זיך וואָלט מיטגענומען
די וואַרעמקייט פון גאָר דער וועלט.

פינף נעכט איז מאָסקווע נישט געשלאָפן,
ווייל ער זיין אויג האָט צוגעמאַכט,
און פייערלעך־באַטריבט געהאַלטן
לבנה האָט איר ערן־וואַך.
1924

די נשמה פון לענינגראַד

אין די קאָמונע־טעג, אין צייטן פון מאַדריד
אַ סך געוועזן זיינען מאַמעס, פרויען,
כ'האָט זייער מוט מיט העלדישקייט געבליט,
ווען מ'האָט קיין ברויט זיי ניט געטיילט אין רייען,
ווען ס'האָבן באָמבעס אין דעם טויט־צעוויג
זיך אויפגעריסן איבער קינדערס וויג.

נאָר אין דער שעה, ווען לאַנגזאַם ביזט אַריין
אין דער געשיכטע, פרוי — דו, לענינגראַדער,
געמאַכט אַ וואַרע האָט אין מאָרגן־שיין
פאַר דיר די אַלטע העלדישע בריגאַדע,
פאַר דיר, וואָס האָט אין יענע בייזע טעג
זיך נישט געבויגן ביי דעם נעווא־ברעג.

פאַרלוסטן, מי און צרות אָן אַ סוף,
האָסט אויסגעטראָגן אַלץ אין דער מלחמה,
דאָס הויז אָן ליכט, די לאַנגע נעכט אָן שלאָף —
דו ביזט געווען לענינגראַדס נשמה,
געווען זיין גרויסע מוטערלעכע קראַפט,
וואָס קיינער, קיינער האָט נישט אָפּגעשלאָפט.

שטייט-אויף פאַר מיר דיין העלדיש-מיד געשטאַלט
נישט אין קיין קרוין, אַ, פרוי — דו, לענינגראַדער!
כ׳זע דיך אין וואַלענער פאַרהילט אין שאַל
אין קאַלטן טאָג, בגניבה, אָן בראַוואַדע,
דו ווישט מיט הענטשקע אויס פון אויג אַ טרער,
זי זאָל נישט גליווערן אויף באַקן שווער.

1942

ערענבורג,

איליאַ גריגאָריעוויטש

(1891)

אין נאָוועמבער 1917

געדרייט די ציגאַרקעס, געזונגען:
— „אַזאַ ביזטו, ליבסטע דו מיין!״ —
בלויז אויף ליבע און גרויע שינעלן
פלעקן בלוט — פון שונא, צי פריינט?

ווע האָט זי מיט ליבע דערמאָרדעט —
יועמען? — ניט געוואוסט האָבן זיי.
ס׳האָבן באַבעס געוויינט, זיך גע׳צלמ׳ט,
ס׳האָבן כלבים געבילט אין זאַוויי.

איבער ערד, איבער קלויסטערדיק-צאַרטער
געלער רויך שפּרייט זיך ביז האָריזאָנט.
מיר האָבן געוואַלט זי ראַטעווען,
נאָר אין תפילות זי בלויז דערמאָנט.

און איר זייט, ווי ליכטיקע קינדער,
געקומען צום סוף שוין, פאַרווירט,
נישט געבעטן האָט איר פאַר נצחון,
נאָר שטאַרבן פאַר אונדז און פאַר איר.

ווען ס'האָט אַלץ זיך געענדיקט, געשריען
האָט איר, קינדער: „זי לעבט!" — אין וואַן,
נאָר קיינער האָט אייך נישט געענטפערט —
ס'האָט מאָסקווע געשוויגן שוין דאַן.

ווען דער טאָג איז פאַרביי און פאַרשוואונדן,
ווער ווייס ניט, ווי איר האָט געוויינט,
ווי איר האָט דורך די נעכט געוואונדיקט
אויף קאַלטן, אויף האַרבסטיקן שטיין.

און ווען אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן
און ס'האָבן שטערן געצונדן זיך רויט,
ווען מ'האָט זיך געטיילט מיט די שטיקלעך
פון איר טונקל צעריסן קלייד, —

אָ, מיט וואָס פאַראַ ליכטיקן גלויבן
האָט איר אין דער שעה פון געפאַר
זיך געטוליעט מיט שוואַכע הערצער
צו מאָסקווע'ס טויטן האַרץ.

1917

אין געטאָ — ביים אָפענעם גרוב

געדענק דעם גרוב. האָסט אַלץ דערקענט:
דעם פּרצוף פון דער שטאָט, וואָס איז פאַרברענט,

דאָס שוואַרצע מיילכעל פון דעם קינד דעם טויטן,
דעם האַנטוך, איינגעשמירט אין זשאַווער רויטן.

און שווייג — דעם אומגליק וועסט נישט העלפן מיט קיין וואָרט.
ביזט דורשטיק, זוך קיין וואַסער דאָ נישט פאָרט.

קיין וואַקס, קיין מירמלשטיין דו קענסט דאָ נישט פאַרמאָגן.
געדענק: ביזט היימלאָזער פון אַלע וואָגלער.

נישט צי זיך צו דער בלום — אויך זי'ז מיט בלוט פאַרקלעפּט.
האָסט אַלץ געזען דאָ — פאַרגעדענק און לעב.

1943

מאַיאַקאָווסקי,

וולאַדימיר וולאַדימיראָוויטש

(1930 — 1893)

אונדזער מאַרש

פויקט איבער סקווערן אין בונט פון טרומפייטן,
העכער די רייען פון קעפ באַערט.
מיט דעם צעגאָס פון דעם מבול דעם צווייטן
מירן צעוואַשן די שטעט פון דער ערד.

ראַב איז דער אָקס פון טעג,
לאַנגזאַם פון יאָרן דער בויג.
אונדזער גאָט — איז געיעג,
אונדזער האַרץ — איז אַ פויק.

גאָלדיקער וואָס איז פון אונדזער עשירות?
אונדז וועט דען בייסן פון קויל די פליג?
אונדזער כלי־זין — איז אונדזער שירה,
אונדזערע שטימען — אונדזער גאָלדן גליק.

לאָנקע, לייג זיך צעבליט,
שפּרייט־אויס פון טעג דעם דעק.
בויגן, די דוהעם שמיד
פאַר פליגקע פערד פון טעג.

זעט איר, עס לאַנגווייל זיך די מזלות,
אונדזערע לידער אָן זיי פאַרזייט!
העי, גרויסער בער, דו פאָדער, מע זאָל אונדז
ברענגען אין הימל לעבעדיקערהייט.

טרינק פרייד, זינג!
אין אָדערן — פרילינג־גוס.
האַרץ, פון חדוה צעשפּרינג,
קופּערנע פויק — אונדזער ברוסט.

1918

די זון און איך

(אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפן מיט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין זומער אויף דאַטשע).

זיי הונדערט זונען האָט געברענט
די שקיעה יענעם זומער.
איך בין אויף דאַטשע דאָן געווען,
די חמימה איז געשוואומען.

ס׳האָט פּושקין־בערגל זיך געהאָרבט
צום באַרג אַקולע — העכער.
און אונטן ס׳דאַרף האָט באַרג־אַראָפּ
געקלעטערט איבער דעכער.

ס׳איז הינטער דאָרף געווען אַ לאָך,
און דאָרטן — איך קען שווערן!
פלעגט זינקען לאַנגזאַם יעדן טאָג
דער הימלישער לאַמטערן.

אויף מאָרגן אויפשטיין פלעגט די זון,
מיט ליכט די וועלט פאַרגיסן.
און ס׳האָט באמת מיך דערפון
גענומען שטאַרק פאַרדריסן.

ביז איינמאָל האָט זיך מיר דער קאָפּ
פאַרדרייט פון כעס פון שווערן.
כ׳האָב אויסגעשריען: — „קריך אַראָפּ,
גענוג אין אויוון פערען!

— „דו שווימסט אין הימל, פוסטנפּאַס,
געקעכלט פון די כמאַרעס,
און איך דאַרף זיצן דאָ אין פּאַס
און אַלץ פּלאַקאַטן זשאַרן.

— „וואַרט־צו אַ ווײַלע, גאָלדנשיין,
צזאוואַס אין הימלען שיסן!
כאַפּ בעסער זיך צו מיר אַריין
אַ גלעזל טיי געניסן!״ —

וואָס האָב איך אָפּגעטאָן! איך שטוין
און קוק זיך צו מיט שפּאַנונג,
ווי ס׳שפּאַנט צו מיר די זון אַליין
בכבודה — איבער לאַנען.

איך האָב באַהאַלטן גאָר מײַן שרעק —
און שיער נישט אָפּגעצויגן.
נאָר זע: אין גאָרטן איבער וועג
זי שפּאַנט מיט גרויסע אויגן.

אַרײַן דורך פענצטער, דורך דער טיר
דער זונ׳ס צעגליטע מאַסע.
און פלוצים ווענדט זי זיך צו מיר
און רעדט, ווי טויזנט באַסן:

— „צום ערשטן מאָל זינט וועלט־באַשאַף
איך טרייב צוריק די ליכטער.
דו האָסט גערופן, טיי מיר שאַף,
דערלאַנג וואַרעניע, דיכטער!״ —

די אויגן ברענען מיר פון זשאַר,
די חמימה בריט די גלידער.
נאָר כ׳ווייז איר אָן אויף סאַמאָוואַר:
— „נו, זעץ זיך, זון, אַנידער!״ —

דער טייוול האָט מיך אָנגערעדט
זיך חוצפּהדיק צו קירהן.
איך זיץ אויף שפּיץ פון טאַבורעט
און טראַכט: וואָס וועט פּאַסירן?

נאָר פון דער זון אַ קלאָרקייט ווייט,
אַז כ׳האָב די היץ פאַרגעסן.
איך זיץ און שמועס פּראָסטע רייד,
ווי כ׳וואָלט מיט פריינט געזעסן.

איך רעד מיט איר פון אַלץ און גאָר,
אַז שווער קומט־אָן דער גראָשן.
און ס׳ענטפערט זון מיר: — „נישט געזאָרגט,
דו קוק אויף זאַכן פּשוט!

— „וואָס מיינסטו, מיר קומט־אָן דאָ גרינג
צו ליכטן? ווילסט פאַרזוכן?
גאָר האָסט זיך איינגעשפּאַנט, איז זינג!
פאַרפאַלן, ברודער — דוכן!״ —

געשמועסט האָבן מיר ביז שפּעט,
ביז ערשטער נאַכט־אשמורה.
מיר האָבן שוין אויף „דו״ גערעדט,
ווי אַלטע צוויי חברים.

כ׳באַהאַלט שוין נישט די פריינטשאַפט מער,
איך קלאַפּ איר אויף דער פּלייצע.
און זי: — „ס׳איז פירן אונדז באַשערט
דאָס וועלטל ביי די לייצעס.

— „איז לאָמיר אויפזינגען, פּאָעט,
אַ פלי־טאָן פון דער נידער.
איך — זון — וועל גיסן ליכט ביז שפּעט,
און דו — גיס ליכט מיט לידער!" —

די שאָטן־וואַנט פון תפיסה־נעכט
אין זון־שיין איז געפאַלן.
גיי־אויף, געמיש פון ליד און לעכט,
און לויכט אין אַלע א ל ן !

ווען זון ווערט מיד — און ס'נעמט די נאַכט
אין טיפן שלאָף פאַרזינקען,
איך הויב־אָן לויכטן אויף דער וואַך —
און טאָג נעמט ווידער זינגען.

צו לויכטן שטענדיק און מיט ברען
ביז לעבנס לעצטע טירן,
צו לויכטן — וואָס ס'זאָל נישט געשען! —
איז מיין דעוויז — און אירער.

1920

באַפעל נומער צוויי דער אַרמיי

פון קונסט

דאָס איז אייך — באַריטאָנען אָפּגעפּרעסענע —
פון אָדמ'ן ביז איצט — לויט אייער באַרוף,
איר שטורעמט מיט ראַמעאָ און זשוליעטאַ פּיעסן
די פאַרדעכטיקע הייזלעך, וואָס טעאַטערס איר רופט.

דאָס איז אייך — מאָלערס, פעט־געוואָרענע, ווי אָגערס,
זויפנדיקע און הירזשענדיקע רוסלאַנדס שטאָלץ,
איר באַהאַלט זיך אין וואַרשטאַטן ביז פאַרטאָגן
און מאַליעוועט קווייטן און לייבער, ווי האָלץ.

דאָס איז אייך — צוגעדעקטע מיט בלעטלעך פון מיסטיקער,
די שטערנס צעגראָבן מיט קנייטש און מיט שראַם,
פוטוריסטעלעך,
אימאַזשיניסטעלעך,
אַקמעאיסטעלעך,
פאַרפּלאָנטערטע אין שפּינוועבס פון גראַם.

דאָס איז אייך — וואָס פאַרביטן אויף פּריטשאָסקעס אויף גלאַטע
די שויבערס, און די לאַפּטשעס באַשמירט מיט לאַק,
פּראָלעטקולטאָווצעס, וואָס לייגן לאַטעס
אויפן אָפּגעריבענעם פּושקינישן פראַק.

דאָס איז אייך — וואָס איר טאַנצט אונטער דודקעס אָן זאָרגן,
און פאַרקויפט זיך אָפן און פאַרבאָרגן,
און זינדיקט אין געהיים יעדן טאָג,
און שטעלט זיך פאָר דעם מאָרגן,
ווי אַ ריזיקן אַקאַדעמישן פּאַיאָק.

אייך זאָג איך עס —
צי בין איך אַלס גאון, צי ניט, פאַרשריבן,
איך, וואָס טו אין ר אָ ס ט אַ *) מיין חוב,
זאָג אייך, איידער מ'האָט אייך מיט ביקס פאַרטריבן:
ה ע ר ט - א ו י ף !

הערט-אויף, פאַרגעסט, גיט אַ שפּיי אויף די קרויזן,
אויף די גראַמען, די אַריעס און דעם ראָזעווען קוסט
און אויף אַלע אַנדערע שאַלאַמויזן
אין דעם אַרסענאַל פון קונסט.

וועמען אינטערעסירט עס,
אַז „אַך, אַט-דער ליידיקגייער
איז פאַרליבט און איז דערפון שיער נישט געשטאָרבן”...
מייסטערס, נישט קיין לאַנג-האָריקע פּרעדיקער
דאַרף מען איצט האָבן.

הערט! די לאָקאָמאָטיוון רעווען — אַ סכנה,
עס בלאָזט אין שפּאַרונע און פּאָל:
— „דערלאַנגט אַהערצו קוילן פון דאָן אונדז,
שלאָסערס, מעכאַניקער אין דעפּאָ!” —

ביי יעטווידן טייך,ביים טיפן,
וואו ס'ליגן צעלעכצטע אין רו,
שרייען צעלעכערטע שיפן:
— „גיט אונדז נאַפט פון באַקו!” —

אין דער צייט, וואָס מיר קריגן זיך דאָ און שרייען
און זוכן פאַרבאָרגענעם זין און זאָג:
— „דערלאַנגט אונדז דאָ פאָרמען נייע!” —
טראָגט זיך פון תכלית אַ קלאָג.

---

*) ראָסטאַ — סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ, אין וועלכער מאַיאַקאָווסקי האָט געאַרבעט.

נישטאָ קײן נאַראָנים, װאָס זאָלן פאַלן כורעים
פאַר דעם „מײסטערס" װאָרט, װי די אידיאָטן:
גיט אונדז אַ נײַע קונסט, חברים,
װאָס זאָל די רעפּובליק אַרױסשלעפּן פון בלאָטע!

1920

„זשיד"

כאַפּט אײַך דער טײַװל, שװאַרץ־מאה׳איקע פּגירות,
איר האָט זיך באַהאַלטן פון קױלן און קעלט,
פאַרכאַמעט געװאָרן, געראַטעװעט די פעל.

כאַפּט אײַך דער טײַװל, איר — װאָס גרײט צו קראַפּירן
זײט איר אױף פּאַפּיר בלױז פאַר קאָמוניזם׳ס הױך —
און בײַ זיך אין דער הײם פּאַשעט איר דעם בױך.

כאַפּט אײַך דער טײַװל — די אַלע, װאָס פאַרבלײַבן
קאָמוניסטן בלױז ביז דרײַ פון אַכט —
דערנאָך פאַרשליסן זײ דעם קאָמוניזם אױף בײַנאַכט.

כאַפּט אײַך דער טײַװל — איר, קינסטלער און שרײַבער,
װאָס זעען די מיאוסקײט מיט אױגן מיט צװײ —
און שרײַבן װעגן שײנקײט און לירישן װײ.

אױב דאָס ליד קאָן ניט אָניאָגן די װירקלעכקײט,
מיט פּראָזן מיט רױע, פּובליציסט, שטרײַט!
װײל הײַנט, װי אַ שראַנק, פּרעסט מײַן געמיט
דאָס שװער־פּודיקע װאָרט: „ז ש י ד !"

אָט־דאָס װאָרט איבער דערפער, װי ראָבן, פּאָכעט,
אין משקה־פלעשער פאַרשטעקט אין טראַקטיר.
אָט־דאָס־װאָרט — אַ פּאַראָל איז פאַר מאַנאַשקעס, גלחים
און פאַר גרעפּיגס, װאָס מ׳האָט נאָכנישט ליקװידירט.

דאָס װאָרט האָט געשיפּעט אױף ליפּן אױף כעסיקע
איבער אידישן װאָזאָװעץ *) מיט חוזק און כיך,
װען קריסטן־װאָזאָװוצעס האָבן געפּראַסקעט
מיט שמוציקן גאַלאָש דעם „זשיד" אין געזיכט.

דאָס װאָרט האָט מיט בליקן, װי פלאַמיקע צװיקן,
שלאָסערײַ ביזן אױג אָנגעפילט מיט אַ פרײד,
יענעם טאָג, װען די מײסטערס, צעװישעטע, שיכורע,
האָבן אידישן לערױנג שיער פאַרפּײניקט צום טױט.

---

*) װאָזאָװעץ — סטודענט פון הױכשול.

א דיכטער אין ביר־שענק רופט עמיצן „זשיד",
ביים קלאנג פון פלעשער אין א חוזק־טאָן
בלויז דערפאר, וואס גערימן זיין טאלאנטלאז ליד
האט איינער, וועמעס נאמען ענדיקט זיך אויף „זאָן".

אט־דאס ווארט סלינעט א נישט־דערבאקענער קאמוניסט
מיט גליטשיקע ליפן, ווי שמוציקע גלעזער,
ווען ער זוכט צו פארטרייבן דעם ליינגווייל אומזיסט
מיט א לעצטן א אידישן וויץ א סקאברעזן.

ס'הייבט אן שוין צו דונערן די קריסטלעכע פלאג —
דו דערלאנג נאר א לאזונג די פריסטער:
צווערשט יעדן ארעמען „זשיד", וואס ברילן טראגט,
און דערנאך שוין אלע „ציצילי‌סטן".

אין דער ריי — שושקערייען: „מ'דארף אייביק דא שטיין!..
„מ'האט דערשאסן א רוס — א מיוחס...
„אומעטום בלויז זשידעס... בלויז זשידעס אליין...
„סאוועטשיקעס... ספעקולאנטן — מלוכה!"...

איז לאמיר א נעם־טאן דעם ערשטן ביים קארק,
און אויסיעטן אים — דעם פארשיווען גארב!

דערצייל: וואו זיינען זיי מיט וואליוטע די הענדלער?
ווי פלינק ס'זאל נישט זיין זייער פינצטערער שטאם,
פארשיקן מע וועט מיט דער שפיז די פארלענדער
אויף א ווייטן אינדזל אויפן ווייסן ים.

נישט געזען קיין אידן? פאר זיך דורך קיין קרים:
גיי זיך דורך איבער שטיינער — פחדים:
אין שווערער פראצע קאנסט דארט טרעפן אים
באארבעטן דעם שטייניקן באָדן.

ווייסטו כאטש וועמעס סם דו שפרייטסט?
וועמעס ווערטער פון דיר ארויס שטארצן?
דאס קריכט ארויס פון הינטער דיינע רייד
דער פאבריקאנטישער מיאוסער פרצוף.

דער בורזשוי איז אנטלאפן פון ברעגן פון היגע
און פארזונקען אין ענגלישן זאמד,
און עס גייט אים אין לעבן — אויף טויט צו צעקריגן
די פעלקער פון סאוועטנפארבאנד.

כ'איז אַ שטריימ צווישן קלאַסן, נאָר בייזער, געהיימער:
און עס צאַנקט זייער לעצטער קנויט שוין.
נאָר שלאָגן שלאָגט מען די אָרעמע שלומהס,
און קיין איינעם פון די שלומה רויטשילדס.

אויף די דאָזיקע רויטשילדס — די פעטע חזירים,
אויף די גבירים, אָן חילוק פון וועלכן שטאַם,
מיר רופן די הונגעריקע — אַלע חברים,
סיי רוסן, סיי אידן: שטייט-אויף צום קאַמף!

געדענקט-זשע, איר אַלע: פּאָגראָמטשיק און כוליגאַן,
איר — אַנטלאָפענע אין פּאַריזער גן-עדן,
אייך, אַז מ'עט דאַרפן, וועט טרעפן נאַגאַן,
דער שטאַלענער רעדנער, וואָס דרימלט אין שיידל.

און יענע, וואָס זיינען אין חשבות פּאַרזונקען,
און זעען קיין ליכט נישט פּאָראויס,
און זיי טרעפן נאָך היינט דאָס וואָרט „זשיד" אויף די צונגען,
מיר וואָרענען און ריידן זיי אויס.

מיר ווענדן זיך ווידער צו דעם גאַנצן כאָר
אומפּאַרטייאישע, קאָמסאָמאָלצעס פון אַלע שטאַמען,
צו דער גאַנצער גרויסער מענטשישער פּאַרזאַמלונג:
שפּייט-אויס דאָס דאָזיקע עיפּושדיקע וואָרט
מיט אַלע קללות און היפּעס צוזאַמען!

1922

מיט דער פולער שטים

(אַריינפיר צו אַ פּאָעמע)

געשעצטע חברים, ווייטע יורשים!
גריבלענדיק זיך אין היינטיקן מיסט
און ס'חשבות פון איצטיקע טעג פּאַרשענדיק,
ו'עט איר אויך וועגן מיר אַ פרעג-טאָן געווים.

און ס'וועט אפשר אייערער אַ געלערנטער אַ זאָג-טאָן,
דעקנדיק מיט ערודיציע פראַגן אַ ריי,
אַז אַמאָל האָט געלעבט אַ זינגער אַ געזאָטענער,
אַ הייסער שונא פון וואַסער, וואָס איז רוי.

פראפעסאר, נעמט אראפ די ברילן-וועליסאפעד,
כ׳וועל אייך דערציילן וועגן אונדזער צייט און איר פאעט.

איך בין א וואסערטרעגער און סאניטאר,
מאביליזירט און גערופן פון אקטיאבער,
בין אוועק אויפן פראנט פון פריצישן גארטנווארג,
פון פאעזיע — דער קאפריזנער באבע.

ס׳האט פארפלאנצט א ליבן גארטן
מיידל,
דאטשקע,
וואסער-פלוין —
„כ׳האב אליין געפלאנצט דעם גארטן,
כ׳וועל באגיסן אים אליין!"

ווער מיט לידער גיסט פון לייקע,
ווער עם שפריצט מיט פולן מויל —
די געקרייזלטע מיטרייקינס, *) —
די געקינצלטע קודרייקעס *) —
כאפט דער טייוול זיי אין שאול!

ס׳נעמט מאניאקעס קאראנטין ניט,
זינגען, שפילן הינטער ווענט:
„טארא-טינע, טארא-טינע,
ט-ע-נ-ן!"

גישט קיין כבוד פאר מיר, ס׳זאל זיך הויבן פראסט
צווישן רויזן אזוינע מיין דענקמאל אין שיפלות
איבער סקווערן, וואו ס׳כארקעט טובערקולאז,
וואו כוליגאן גייט געארעמט מיט סיפילים.

אויך מיר אגיטפראפ איז דערעסן שוין לאנג,
אויך איך וואלט געשריבן פאר אייך א ראמאנס —
ס׳איז שענער און וויניקער זארגן!
נאר כ׳האב זיך געצוימט און געכאפט מיט דער האנט
דאס אייגענע ליד ביים גארגל.

הערט-אויס, איר — יורשים-חברים,
דעם אגיטאטאר פון געפילדער-קעניגרייך,
פארטויבנדיק אין זיך די דיכטערישע תורה,
וועל איך א שפאן-טאן איבער לירישע מסורה,
ווי א לעבעדיקער — צו לעבעדיקע, א רעד-טאן צו אייך.

---

*) מיטרייקין און קודרייקא — צוויי פארגעסענע לירישע דיכטער,
וואס זיינען געווען מאיאקאווסקיס ליטערארישע קעגנער.

איך וועל קומען צו אײַך אין אײַער קאָמוניסטישער ווײַט,
ניט ווי דער זינגעוודיקער יעסענינשער אַרכי־ריטער,
מײַן ליד וועט דערגײן איבער נאָקן פון אײביקײט
איבער די קעפּ פון דיכטער און געביטער.

מײַן ליד דערגײן וועט, נאָר נישט אַזוי זיך גלאַט,
נישט ווי אַ פײַל אויף אַ יאָגד אַ לירישן־צעבוידעטע,
נישט ווי אַן אָפּגעריבענע מטבע דערגײט צום נומיזמאַט *)
און נישט ווי ס׳דערגײט דאָס ליכט פון שטערן טויטע.

מײַן ליד דורך מי וועט דורכרײַסן די פלאַמען פון צײַט
און זיך באַווײַזן זעעוודיק, גראָב און וואָגיק אין שאַפונג,
ווי ס׳איז צו אונדז די וואַסערלײַטונג דערגאַן פון דער ווײַט,
באַשאַפענע פון רוימער שקלאַפן.

וואו ס׳ליד באַערדיקט ליגט, טיף אונטער ביכער־בערג,
יוּעט איר דאָס שטאָל פון שורות אויפעליק געפינען, —
באַטאַפּט מיט אַכטונג זיי, ווי גרויזאַם־אַלט געווער,
וואָס וועט אײַך קאָנען אין געפאַרן דינען.

כ׳בין נישט געוואוינט דעם אויער צערטלען מיטן וואָרט,
דעם אויער מײדלישן, אין קרײַזעלעך מיט האָר,
וואָס רויטלט זיך פון ניבול־פּה פון באַלאַגורן, —
כ׳צעוויקל אין אַראַד מײַן בלעטערדיקע האָרד,
און כ׳גײ זיך דורך איבערן פראָנט פון שורות.

די לידער שטייען בלײַאיק־שווער — אַ גרויל, —
פון טויט און רום אומשטערבלעכן די היטער, —
פאַעמעס גליווערן — קאַנאָנען — מויל צו מויל
פון אָפענע און אָנגעצילטע טיטלען.

די ליבלינג־וואָפן, וואָס איז שטענדיק גרייט
מיט פײַף אַ ריים־טאָן זיך, ווי ריזן,
די קאַוואַלעריע פון ווײַן פאַרגליווערט שטייט
און הייבט פון גראַמען אָנגעשאַרפטע שפּיזן.

דאָס גאַנצע חיל, באַוואָפנט ביז די ציין,
וואָס צוואַנציק יאָר געשמידט האָב איך בונטאַריש,
ביז סאַמע לעצטן בלעטעלע — ביז איין —
איך גיב דיר אָפּ, מײַן ברודער־פּראָלעטאַריער.

---

*) נומיזמאַט — קאָלעקציאָנער פון אַלטע מטבעות

געעפנט מאַרקסן האָ'מיר באַנד נאָך באַנד,
ווי אין הויז אין אייגענעם מע עפנט לאַדנס,
נאָר אויך אָן אים געטראָפן נאָכאַנאַנד
וואוהין צו גיין, אויף וועלכער זייט זיך שלאָגן.

געלערנט דיאַלעקטיק נישט פון העגעל'ס מויל,
מיט קלונג פון שלאַכט האָט זי געריסן זיך אין אונדזערע סטראָפן,
ווען ס'זיינען די בורזשויען געלאָפן פון אונדזער קויל,
ווי מיר זיינען אַמאָל פון זיי געלאָפן.

זאָל רום נאָך גאונים ציען אין פּאַראַד,
ווי אין לוויות טרייסטלאָזע אלמנות, —
אָ, ליד מיינס, שטאַרב, ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט,
ווי אַלע נאָמענלאָזע אונדזערע קרבנות!

וואָס גייט מיר אָן פון בראָנדז די שווערע פּענטעס,
וואָס גייט מיר אָן דער מירמלשטיין-געמיז?
כ'וועט סטאַיען רום פּאַר אונדז — מיר זיינען אייגענע מענטשן,
זאָל אונדזער אַלגעמיינער מאָנומענט זיין
אין שלאַכטן אויפגעבויטער סאָציאַליזם.

אָ, יורשים, ווערטער-ביכער קאָנטראָלירט:
אויף אייביק וועלן שוין פאַרשווינדן פון פּאַפּיר
די ווערטער „פּראָסטיטוציע”, „טובערקולאָז”, „בלאָקאַדע”.
דאָס האָט פאַר אייך, וואָס איר זייט אי געזונט, אי שטאַרק,
דער דיכטער אויסגעלעקט דעם שווינדזוכט-כאַרק
מיט שאַרסטקע צינגער פון פּלאַקאַטן.

מיט עק פון יאָרן ווער איך ענלעך מער
צו יענע חיות אויסגעגראָבענע, מיט עקן.
אָ, חבר-לעבן, לאָמיר דורכטראַמפּלען די ערד
ל'ויטן פינפיאָר איבער לעצטע שטרעקעס.

ס'האָט מיר קיין געלט מיין ליד נישט אָפּגעשפּאָרט,
כ'האָב אויך קיין מעבל נישט דעראָבערט.
און חוץ אַ פריש און אויסגעוואַשן העמד, פּאַרוואָר,
דאַרף איך מער נישט האָבן.

ווען קומען וועט אין צע-קאַ-קאַ *) פון צוקונפט דער פּאָעט,
וועל איך אַריבער באַנדעם דיכטערישע פון רייסערס און פון קריכערס,
אַ הויב-טאָן, ווי מיין באָלשעוויסטישן פּאַרט-בילעט,
די אַלע הונדערט בענדער פון מיינע פּאַרטיי-ביכער.
1930

צע־קאַ־קאַ — צענטראַלע קאָנטראָל קאָמיסיע — העכסטער קאָנטראָל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מאַריענהאָף,

אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש

(1895)

צװײ לידער װעגן אָקטאָבער

1. יעדער טאָג...

יעדער טאָג אונדזערער איז אַ נײַ בלאַט פון דער ביבל.
יעדער בלאַט װעט גרױם זײַן ביזן טױזנטסטן דור.
מיר זײַנען די, װעגן װעמען מ'עט רײדן מיט ליבע:
—גליקלעכע, זײ האָבן געלעבט אין זיבעצעטן יאָר! —

און איר קרעכצט נאָך אַלץ: — פאַרלוירן!
און איר האַלט נאָך אַלץ אין קלאָגן און טרויערן.
נאַרישע קעפּ, װאָס איר זײַט!

איז דער דער עבר ניט צעדריקט, װי אַ טײַבל,
פון אויטאָ, געטריבן פון אַ װילדן טרײַבער,
װאָס איז פון גאַראַזש אַרויס פאַרשײַט?

1917

2. אויסגעגאָסן דאָס פײַער...

אויסגעגאָסן דאָס פײַער פון צעבערס
האָט די װילדע אַזיאַטישע נאָמאַדישע האָרד:
זיך נוקם געװען פאַר פּוגאַטשאָװ'ן און ראַזינען, **)
פאַר די שטיקער פון צעפליקטער באָרד.

דורכגעטראַמפּלט מיט קאָפּיטעס איבערן ערדישן נאַקן,
װאָס גליװערט אַזױ שױן יאָרהונדערטער שײנע —
און דער מלאַכישער הימל, װי אַ זאַק אַ געמײנער,
מיט אַ צעריסענער פּיאַטע, איז אַרויס אין סך־הכול
פון דער װעשערינס מולטער אַ רײנער.

1918

**) פּוגאַטשאָװ און ראַזין — צװײ רוסישע פאָלקס־קעמפער, װאָס זײַנען אומגעבראַכט געװאָרן פון די צאַרן.

יעסעניז,

סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש

(1925 — 1895)

דאָס ליד פון דער צויג

אינדערפרי אינם שייער פון קאָרן,
וואו עס גאָלדיקן רעדנעס צעשפּרייט,
האָט די צויג זיבן הינטלעך געבאָרן,
זיבן הינטעלעך — קליין און רויט.

ביז אין אָוונט האָט זי זיי געצערטלט,
מיט דער צונג געקעמט האָט זי זיי.
און אונטער איר בויך דעם צעיערטן
געטריפט האָט צעפלאָסענער שניי.

און אין אָוונט, ווען ס'זעצן זיך הינער
אַוועק אויפן הינער־שלאָק,
האָט דער ווירט מיט אַ כמורער מינע
אַלע זיבן פאַרלייגט אין אַ זאַק.

געלאָפן איז זי איבער ראָוון
און דעריאָגן באַוויזן אים קוים.
און לאַנג האָט געציטערט אין אָוונט
ניט פאַרפרוירענע וואַסער־שוים.

און ווען זי האָט זיך צוריק געקוילערט
און געלעקט פון די זייטן דעם שוויים,
האָט זיך אויסגעדוכט איר: ס'שווימט דער מולד,
ווי אַ הינטל איבער איר הויז.

געקוקט און זיך הילכיק צעוואָיעט
אין דער בלויער און טיפער לער.
און דער מולד געשלייכט האָט אַ שלויער
און באַהאַלטן זיך הינטער די בערג.

און ווי פון קיצבה באַטויבט און געבויגן,
ווען מע וואַרפט איר אַ שטיין גלאַט אַזוי, —
זיך געקוילערט האָבן הינטישע אויגן,
ווי גאָלדענע שטערן, אין שניי.

1915

טאַליאַנקע *)

שפּיל, טאַליאַנקע, הילכיק, שפּיל, טאַליאַנקע, דרייסטער!
אפשר זיך דערמאָנען יוגנט-טעג צעברויזטע?

אוי, נישט רויש, אַשינע, שטויבט נישט, שליאַכן העלע.
זאָל מיין ליד זיך טראָגן צו געליבטערס שוועלן.

זאָל זי ס׳ליד דערהערן, זאָל זי זיך צעוויינען.
וואָס קאָן פרעמדע יוגנט פאַר אַ מיידל מיינען?

טאָמער וועט עס מיינען — לעבן וועט אָן פּיינען.
פרייד מיינע, וואו ביזטו? וואו איז גורל מיינער?

גים זיך, ליד מיינס, שטאַרקער, קלינגעוודיקער, שענער —
ס׳וועט אַלציינס נישט זיין מער וואָס אַמאָל געווען איז.

פון דעם יוגנט-כוח, פון דער שטאָלצער שלאַנקייט
זיינען בלויז פאַרבליבן לידער פון טאַליאַנקע.

1925

הערסט, ווי ס׳יאָגן שליטנס

הערסט, ווי ס׳יאָגן שליטנס, הערסט, ווי שליטנס יאָגן.
גוט איז מיט געליבטער זיך אין פעלד פאַרטראָגן.

ווייט אַ פריילעך ווינטל, שעמעוודיק און שרעקיק.
איבער פלוינען הוילע קייקלט זיך דאָס גלעקל.

עך, איר — שליטנס, שליטנס! פערד, דו מיין שווארץ-ברוינער!
טאַנצט אַ קליאָן — אַ שיכור ערגעץ איבער פלוינען.

מירן ביי אים פרעגן: וואָס איז די גדולה?
אונטער דער טאַליאַנקע זיך מיט אים צעהוליען.

אויסגעשנייטער פלאַכלאַנד

אויסגעשנייטער פלאַכלאַנד. די לבנה וויים.
אין תכריכים ליגט דאָ אונדזער בידנער קרייז.

אין די וויסע ברעזעס צישן אין געוויין:
ווער איז דאָ געשטאָרבן? אפשר איך אַליין?

1925

---

*) טאַל־אַנקע — אַ האַרמאָניקע

צו פושקינען

אין טרוים פון דעם וואס איז געווארן
פון רוסישן שיקזאל די קרוין,
איך שטיי דא אויף בולוואר, אויף טווערסקי, *)
איך שטיין און רעד צו זיך אליין.

א בלאנדינקער, כמעט א ווייסער,
ווי א לעגענדע — אין טומאן,
ביזט, אלעקסאנדר, געווען א שאלטיק,
ווי איך בין היינט א כוליגאן.

נאר ס'האבן אלע ליבע שפאסן
ס'געשטאלט דיינס ניט פארטונקלט גראב.
אין בראנדז פון רום פון אויסגעשמידטער
דו טרייסלסט מיט דיין שטאלצן קאפ.

איך שטיי פאר דיר, ווי פאר א ווידוי,
און רעד צו דיר, ווי צו א פריינט:
איך וואלט פון גליק דא באלד געשטארבן,
ווען ס'וואלט, ווי דיין, מיין גורל זיין.

נאר א פאר'משפט'ער צו וואגלען,
וועל איך נאך, גלויב איך, זינגען לאנג,
אז דורכקלינגען זאל אויך אין צוקונפט,
ווי בראנדז, מיין סטעפישער געזאנג.

1924

העל-בלויער אוונט

העל-בלויער אוונט. לבנה'יקער אוונט.
פרעכטיק מיין יוגנט געווען איז אין עבר.

ניט צו פארהאלטן, ניט ווידערהאלן.
אלץ איז פארפלויגן, אלץ — ווי אין חלום.

ס'הארץ איז פארגליווערט, אפגעוועלקט ס'פנים.
מזל, דו — בלויער! נעכט און לבנה!

1925

*) טווערסקאי בולוואר — הויפט גאס אין מאסקווע, וואו עס שטייט א פרעכטיקער מאנומענט צו פושקינען.

אין דעם לאַנד

אין דעם לאַנד פון קראַפּיווע פון געלער,
פלויטן — האַרטע שטרוי,
טוליען זיך צו װערבעס — שטום און עלנט —
שטיבער — קלײן און גרוי.

דאָרט אויף פּלײנען, הינטער װעלדער בלויע,
איבער גרינעם טײך
לויפט אַ װעג אַ זאַמדיקער און גרויער
ביז סיבירער שטרײך.

צװישן טשוד און מאָרדװאַ *) — אַ פאַרשנײטע
רוסלאַנד ליגט אַן שרעק.
גײען מענטשן, אײנגעשמידט אין קײטן,
איבער יענעם װעג.

זײנען זײ גנבים און גזלנים,
װי שיקזאַל באַשערט!
ליב האָב איך דעם צער אויף זײער פּנים,
דאַר און אויסגעצערט.

ס׳איז פאַראַנען בײז אין פרײד פון מערדער,
ס׳האַרץ איז פראָסט און הויל.
נאָר אויף זײער פּנים, שװאַרץ און ערדן,
קרימט זיך ס׳בלויע מויל.

כ׳צערטל טיף אַ טרוים אין זיך פאַרהוילן,
אַז ס׳איז רײן מײן האַרץ.
נאָר אויך איך װעל עמיצן נאָך קוילען
אונטער פײף פון האַרבסט.

און אויך מיך אין װינטן אין סיבירער,
איבער זאַמד־געשאַר
מיט אַ שטריק אויף נאַקן װעט מען פירן —
ליב צו קריגן צער.

און װען כ׳װעל דאָרט פלוצים מיט אַ שמײכל
אויסגלײכן די ברוסט,
װעט די צונג פון אומװעטער מײן זכר
אָפּװישן מיט לוסט.

1915

*) טשוד און מאָרדװאַ — אַלטע רוסיש־פינישע שבטים.

אַ, רוס!

די פליגלען שפּרייט פאַנאַנדער,
אַ, רוס — צו נייעם שטרעב!
מיט נעמען גאָר מיט אַנדערע
שטייט-אויף אַנאַנדער סטעפּ.

אין בלוי פון טאָלן-פּאַלבן,
צעווישן קי און שאָף,
שפּאַנט אין אַ גאָלד'נעם מלבוש
דיין אַלעקסיי קאָלצאָוו.

אין הענט אַ דאַרע סקאָרע,
די ליפּן — וויינשלזאַפּט.
און ס'האָט אַ פּאַסטעך-האָרן
צעשטערנט הימלשאַפּט.

נאָך אים — פון קלויסטער-שוועלן
דורך שניי און ווינטן שפּאַנט,
געקליידט אין ליכט אין העלן,
זיין ברודער אין געזאַנג.

פון וויטעגראַ ביז שויאַ*)
דאָס גאַנצע לאַנד פאַרביי,
זיך אָנגערופן קליועוו
דער שטילער מיקאָלאַי.

געניט אין ווערטער בונטע,
קלוג, צערטלעך, ווי אַ פּאַפּ.
און פּאַסכאַ גייט אַרונטער
פון ניט געקרויזטן קאָפּ.

און הינטער בערג, ווי קאַלטנס,
איך שפּאַן, געהיים אין שוואונג,
אַ קוטשעראַווער שאַלטיק,
אַזאַ-אַ רויבער-יונג.

די שיפּוי-בערג אָן ברעגן,
דער שליאַך אין ווייט זיך וויגט.
מיט גאָטס געהיימע וועגן
איך פיר געהיים אַ קריג.

מיט שטיין דעם מולד כ'טרעסע
אין ציטערדיקן לויף,
אין הימל כ'וואַרף אַ מעסער
פון כאַליעווע אַרויף.

נאָך מיר אין בלינדע רייען
אַנאַנדער מחנה ציט,
און איבער דערפער גרויע
קלינגט זייער מונטער ליד.

פון גראָז מיר בינדן ספרים,
פון ווערטער — אַ פּאַרזיי.
טשאַפּיגין — אונדזער קרוב —
איז זינגעווודיק, ווי שניי.

פאַרשווינד, דו — שטאָם געמיינער
פון עיפּוש'דיקן לויש!
אויף קאַרקע, האַרט, ווי שטיינער,
מיר טראָגן שטערן-דויש.

גענוג צו לויבן גנוסן
און פוילן אין אַ העק.
ס'האָט אויפגעוואַכטע רוסלאַנד
דאָס דזשעגעכץ אַפּגעמעקט.

די פליגלען ברייט פאַנאַנדער
צעשפּרייט צו נייעם שטרעב,
מיט נעמען גאָר מיט אַנדערע
שטייט-אויף אַנאַנדער סטעפּ.

1916

*) וויטעגראַ און שויאַ — צוויי שטעט אין צפון-רוסלאַנד.

טויבנבלוי

אין דורכזיכטיקער קעלט צעבלויט זיך האָבן טאָלן,
פון קאָפּיטעס געשמידטע דייטלעך איז דער לויף.
דאָס לאַנג־פאַרוועלקטע גראָז אין ברייט־צעשפּרייטע פאַלעס
פון ווערבעס נאַקעטע דעם קופּער קלייבט־צענויף.

דער פייכטער נעפּל קריכט פון יאַרן*) פוסטע
און מאָכיק קרייזלט זיך אַרונטער טיף צום רים.
און ס׳הענגט דער אוונט איבער טייכל׳ס קוסטעס
און שווענקט אין וואַסער פינגער פון די בלויע פּיס.

מיט קרירה האַרבסטיקער די האָפענונג צעבליט איז.
פּאַמעלעך, ווי דער גורל, שפּאַנט מיין אָגער טריב.
אין ס׳כאַפּט דעם זוים פון שווינדיקען גאַרניטער
זיין עטוואָס־נאַסע, טונקל־ברוינע ליפּ.

ניט צו קיין שלאַכטן, ניט צו רו צו זאַטער
מיך ציט פאַרוים פון וויטן וועג דער לויש.
ס׳וועט לעשן זיך דער טאָג אין שווינד פון גאָלדנער פּיאַטע
און מי וועט לייגן זיך אין יאָרן־קויש.

* *
*

מיט סיפּקע זשאַווער רויטלען זיך אויף וועגן קרומע
די ליכע בערגעלעך, און זאַמדן אָנגעהויפט,
און ס׳טאַנצט דער דעמער אום אין קראָאישער מהומה
און בויגט אין פּאַסטעך־האָרן דעם לבנה־רייף.

אַ רויך אַ מילכיקער און ווינט די דערפער הוידעט.
ניטאָ קיין ווינט, פאַראַן בלויז גרינגער קלאַנג.
און ס׳דרימלט ר ו ס אין אומעטיקע פריידן,
אין געלן באַרג־אַראָפּ פאַרקלאַמערט מיט דער האַנט.

עס רופט דער נאַכטלעגער, ניט ווייט שוין צו דער כאַטע.
עס שמעקט דער סאָד מיט צוגעפוילטן קראָפּ.
אויף בייטן גרוילעכע פון קרויטן כוואַליק־מאַטע
טריפט אויל לבנה־האָרן טראָפּ נאָך טראָפּ.

1) יאַר — טיפער טאָל.

מיך לאקט די ווארעמקייט, איך אטעם ווייך פון ברויטן
און ביים מיט כראמטש די אוגערקעס אין טרוים.
אין קלאטער רואיקייט דער הימל, טיף צעבויטעט,
פון פערדשטאל פירט־ארויס א וואלקן פארן צוים.

א, נאכטלעגער, באקאנט פון לאנג מיר איז שוין
דיין גינציקייט אין בלוט, וואס לעכצט נאך רו און גליק.
די באלעבאסטע שלאפט — און ס'איז די שטרוי די פרישע
מיט דער אלמנה'ס ליטקעס צוגעדריקט.

עס בלויט אויף טאג. מיט טאראקאן־קאלירן
איקאנע־שראנק אין ווינקל איז באזוימט.
נאר דריבנער רעגן טריפט זיין מארגן־שירה
און פויקט אין מוטנע שויבן אן א צוים.

⁂

אויפסניי פאר מיר דאס פעלד אין טויבנבלויען,
עס וויגן לוזשעס ס'פנים פון דער זון.
אין הארצן בליען נייע פרייד־און־ווייען,
און ס'קלעפן נייע רייד זיך צו דער צונג.

ווי וואסער ברויזנדע, עס גליווערט בלוי אין בליקן.
עס שפאנט מיין פערד, פארווארפנדיק די צוים.
און ס'רייסט דער ווינט דאס בלעטערוווארג אין שטיקער
און ווארפט פון פאלעס איבער זיך אין רוים.

1915

דאס ביזטו, פארפאסער?

דאס ביזטו, פארפאסער, טריבער, בלייכער,
שרייבסט נאך לידער פון לבנה־שיין?
ס'איז שוין לאנג, ווי ס'אויג מיינס גלאצט אין הייכן
איבער קארטן, ליבע־ווײ און ווײן.

די לבנה קריכט דורך פענצטער־ראמען.
ס'ארא ליכט — כאטש שטעך די אויגן אויס...
כ'האב די קארט געשטעלט אויף פיקן־דאמע,
און געשפילט האב איך אויף שערל־טויז.

אקטאבער 5, 1925

**

ביסלעכווייז מיר גייען־אָפּ, פאַרגייען
אין דעם לאַנד פון רו און העלער שיין.
אפשר איז מיר אויך מיט אַלטע ביינער
קלייבן זיך באַשערט אין וועג אַריין.

ליבע, טייערע בערעזע־וועלדער,
דו — מיין ערד, און איר — איר, פלאַכן זאַמד,
פאַר דער ריי פון יענע, וואָס פאַרגייען,
ניט באַהאַלטן כ׳קאָן מיין בענקשאַפט־פלאַם.

כ׳האָב צופיל געליבט אין אָט־דעם לעבן
אַלץ, וואָס ווערט פון זעל דורך גוף פאַרצוקט.
פריד צו אייך, אַשינעס, וועמעס צווייגן
האָבן זיך אין וואַסער העל פאַרקוקט.

פיל רעיונות האָבן איבערטראַכט שוין,
לידער פיל שוין וועגן זיך געוועבט,
און אויף אָט־דער ערד, אויף אָט־דער כמורנער,
גליקלעך בין איך, וואָס איך האָב געלעבט.

גליקלעך בין איך, וואָס געקושט כ׳האָב פרויען
און צעטראָטן בלומען האָב איך גראָב,
און די חיות, ווי די קליינע ברידער,
קיינמאָל נישט געשלאָגן אויפן קאָפּ.

כ׳ווייס, אַז דאָרטן בליען נישט קיין וועלדער,
ס׳קלינגט דער קאָרן ניט, ווי האַלדז פון שוואַן.
אָט דערפאַר פאַר יענע, וואָס פאַרגייען,
פיל איך שטענדיק ציטערדיקן באַנג.

כ׳ווייס, קיין פעלד, וואָס גאָלדיקט זיך אין חושך,
איז אין יענעם לאַנד מיר ניט באַשערט.
טייער זענען מיר דערפאַר די מענטשן,
וואָס מיט זיי איך לעב דאָ אויף דער ערד.

1924

דער כוליגאַן

ס׳קערט מיט בעזעמער נאַסע דער רעגן
ווערבע־מיסט איבער הארבסטיקן לאָן.
שפּיי מיט בלעטערוואַרג, ווינט, איבער וועגן,
כ׳בין, ווי דו, פּונקט אַזאַ כוליגאַן!

איך האָב ליב, ווען די וועלדער טרעטן,
ווי די אָקסן, מיט שווערן טראַמפּ
און מיט בייכער, וואָס שאַרכן מיט בלעטער,
ביז די קני שמוצן־איין שטאַם נאָך שטאַם.

אָט־דאָס איז זי, מיין סטאַדע, מיין רויטע,
ווער האָט בעסער פון מיר זי באַגריסט?
כ׳זע ווי ס׳לעקט־אָפּ דער דעמער פאַרבלויטער
יעדן שפּור פון די מענטשישע פיס.

רוסלאַנד מיינע, דו הילצערנע, רויע,
כ׳בין אַליין דיין מבשר־פּאָעט.
פון מיין חיהש׳ן ליד דעם טרויער
כ׳האָב געקאַרמעט מיט מענטע־געדעט.

לויכט־אויף, נאַכט, מיט לבנה׳ישן קריגל
שעפּן מילך פון בערעזעס אין טאָל!
ווי ס׳וואָלט וועמען דער צווינטער דערשטיקן
מיט די צלמישע הענט געוואָלט.

איבער בערג בלאַנדזשעט־אום שווארצער שוידער,
אין מיין גאָרטן פליסט גנבה׳ישער מוט.
איך אַליין בין אַ כאַם און אַ רויבער
און אַ פערד־גנב בין איך אין בלוט.

ווער געזען אין די נעכט האָט זידן
הייסע מחנות פון קארשנבראַנד?
כ׳וואָלט געדאַרפט וואו אין סטעפּישן נידער
ערגעץ שטיין מיט אַן אייזן אין האַנט.

אַך, עס וועלקט פון מיין קאָפּ דער קוסט שוין,
און פון לידער־געפּאַנג כ׳בין שוין מיד.
כ׳בין פאַר׳משפט אין תפיסה פון לוסטן
אייביק דרייען דעם מילשטיין פון ליד.

נאָר, משוגענער ווינט, ניט שרעק זיך,
שפּײ אָן מורא מיט בלעטער אויף לאָן.
מיך וועט נאָמען „פּאָעט” ניט פאַרמעקן,
אויך אין ליד כ׳בין, ווי דו, כוליגאַן!

1919

צו דער ערד

דאָרט, וואו סודות אײביק ראַסטן,
איז ניט־היגע פרייד באַשערט.
כ׳בין אַ צופעליקער גאַסט דאָ
אויף די הייכן דיינע, ערד!

וועלדער, ימען, ברייטע, קלאָרע,
שטאַרק פון פליגלפאָך דער שוואונג,
נאָר די תקופות און די יאָרן
האָט פאַרנעפּלט שטערן־שפּרונג.

ניט געקושט מיך, ערד צעשפּרייטע,
ניט מיט דיר — מיין גורל־צוואַנג.
זייער וועג פאַר מיר געגרייט איז
אויפן מזרח פון פאַרגאַנג.

ס׳איז באַשערט מיר פון קדמונים
פלי׳ן אין חושב׳דיקן גראָ.
כ׳וועל אין שעה פון שיידונג קיינעם
גאָרניט איבערלאָזן דאָ.

נאָר פאַר דיר, פון שטערן רויטן,
דאָרט וואו ס׳דרימלט די זאַווי,
וועל איך צינדן איבער תהומען
אויגן, ווי לבנות צווײ.

1916

כ׳בין פון דאָרף שוין דער לעצטער דיכטער

כ׳בין פון דאָרף שוין דער לעצטער דיכטער.
פּראָסט אין לידער די ברעטער-בריק.
ברעזעס דעמפּען מיט בלעטער געדיכטע,
כ׳שטיי פאר׳תּפילה׳עט מיט טרויער אין בליק.

אין דעם גילדערנעם פלאַם ווערט צעשמאָלצן
ס׳ליכט פון לייביקן וואַקס ביזן דנאָ.
דער לבנה׳יקער זייגער דער האָלצערנער
וועט דערכריפּן מיין צוועלעפטע שעה.

אויף די שטעגן פון פעלדער צעבלויטע
וועט אַרויסגיין דער אייזערנער גאַסט,
האָבער-זאַנג אין באַגינענס אין רויטע
וועט ער קלייבן אין הויפנס מיט האַסט.

אָ, איר דלאָניעס, איר פרעמדע און קאַלטע,
ס׳וועט ניט לעבן מיין ליד מיט אייך מער.
ס׳וועלן קלאָגן נאָך ווירט נאָכן אַלטן
בלויז די זאַנגען — ווי טרייע פערד.

ס׳וועט דער ווינט זייער הירזשען זויגן,
אַ לויה-טאַנץ פראַווען דאָ.
באַלד שוין, באַלד — און דער האָלצערנער זייגער
וועט דערכריפּן מיין צוועלעפטע שעה.

.1921

יעסעניני׳ס לעצט ליד *)

גוטע נאַכט, מיין פריינט פון פרייד און ליידן,
ליבסטער מיינער, דיך אין הארצן כ׳שפּיר.
עס פאַרשפּרעכט פאַראויסבאַשטימטע שיידונג
אַ באַגעגעניש פאַר מיר מיט דיר.

גוטע נאַכט, מיין פריינט פון טעג פון האַרבע,
טרויער ניט. פאַרוואָר, ס׳איז ניט כדאַי:
דאָ אין לעבן איז ניט ניי צו שטאַרבן,
אָבער לעבן איז דאָ אויך ניט ניי.

---

*) דאָס דאָזיקע ליד האָט ער אָנגעשריבן מיט זיין אייגענעם בלוט פון די אויפגעשניטענע אָדערן אין דער נאַכט פון 27־טן דעצעמבער, 1925. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהאָנגען.

באַגריצקי,

עדואַרד געאָרגיעוויטש

(1934 — 1895)

מיין אָפּשטאַם

כ׳האָב ניט געדענקט — אויף נאַכטלעגער אויף וועלכן
דעם לעבנס בים געטאָן האָט מיך אַ קראַץ.
די וועלט האָט זיך געוויגט. אַ שטערן האָט געשטרויכלט
און זיך צעפּליעסקעט אין אַ בלויער טאַץ.

איך האָב צום לעבן זיך געצויגן, נאָר דורך פינגער
האָט עס — אַ פיש — געגליטשט זיך אַ פאַרשייטס.
און איבער וויגל האָבן זשאַווערדיקע אידן
די שאַרף־חלפים׳דיקע בערד געקרייצט.

ס׳איז אַלץ געשען פאַרקערט און אַלץ ווי מע באַדאַרף ניט:
אין פענצטער־שויב געקלאַפּט האָט דער סאַזאַן, *)
געהירזשעט פערד, אין דלאַן געפאַלן שפּאַרבער,
ס׳האָט בוים געטאַנצט, ס׳איז קינדהייט זיך גענאַן.

מ׳האָט קינדער־טעג מיינע געטרוקנט, ווי די מצות,
געזוכט מיט ליכט זיי אָפּנאַרן פאַרזוירט,
צום סאַמע פּנים צוגערוקט די לוחות —
און ניט צו עפענען קיין טויער און קיין טיר.

און פאַוועס אידישע אויף די טאַפּעטן,
און זויערמילך עכט־אידישע פון שלאַק.
דעם טאַטנס קוליע און דער מאַמעס טשיפּיק
געשריען האָבן מיר: — „ליידאַק! ליידאַק!״ —

און בלויז ביינאַכט, און בלויז אויף דעם געלעגער
האָט פון קיין בערד מיין ווערטל נישט געאַנט.
און לאַנגזאַם־שטיל, ווי קופּערדיקע גראַשנס,
אין קיך גערונען איז דאָס וואַסער פון דעם קראַן.

צענויפגעדרייט זיך, אָנגעיאָגט, ווי וואָלקנס,
און אָנגעשאַרפט, ווי שטראָמענדיקע שיין:
— „נו, זאָג, ווי קאָנסטו גלויבן אין אַ וועלט פון פּליסן,
אַ, אומגלויבן עכט־אידישער, דו, מיין?״ —

---

*) סאַזאַן — אַ קאַרפּ.

גלערנט האָט מען מיך: אַ דאַך — אַ דאַך איז,
אַ טאַבורעט איז האַרט, די זויל דעם דיל פאַרווישט,
און דו דאַרפסט אַלץ דאָ זען און הערן און פאַרנעמען,
און אויף דער וועלט זיך אָנשפּאַרן, ווי אויף אַ טיש.

די צייט — דער האַלץ־פּיקער — איז פּינקטלעך, ווי אַ זייגער
זי פּיקט און פּיקט די שטיין־פלעקער פון זיין:
— „נו, זאָג, ווי קאָנסטו גלויבן אין דער פעסטקייט,
אַ, אומגלויבן עכט־אידישער, דו — מיין?״ —

און ליבע? — צעפּ, פון לייז צעפּרעסן
אַ שליסל־ביין, וואָס שטאַרצט־ארויס פון שלעסער.
און פּרישטשעס, און אַ מויל פון הערינג אויסגעשמירט,
אַ האַלדז אַ פערדישער, וואָס קוים זיך רירט.

און עלטערן, וואָס ווערן אַלט פון טריבקייט,
און שלעפן זייער לעבן, ווי אַ האַרב —
און ס׳הויבן איבער מיר די זשאַווערדיקע אידן
די פויסטן זייערע, באַוואַקסענע מיט האָר.

די טיר! פּראַל־אויף די טיר! עס וויגט זיך שטיל אין דרויסן
דאָס בלעטערוואַרג, צעפליקט פון שטערן־זאַמד,
עס רויכערט זיך לבנה אין דער לוזשע,
עס שרייט די קראָ, וואָס וויים נישט פון איר שטאַם.

די גאַנצע ליבע, וואָס מיר לויפט אַנטקעגן,
און די שלאַקרירקייט פון גאָר מיין שטאַם,
און אַלע ליכטער, וואָס דער אָוונט סטראַיעט,
און יעדער בוים, וואָס רייסט ס׳געזיכט אין שראַם, —

דאָס אַלץ האָט זיך אוועקגעשטעלט אין וועג מיר,
מיט קראַנקע לונגען פייפענדיק אין ברוסט:
— „פאַרשטויסענער! דיין דלות נעם צוזאַמען —
און גיי אַוועק מיט פלוך און מיט פאַרדרוס!״ —

נו, גוט! כ׳פאַרלאָז מיין אַלטע בעט!
איך גיי אַוועק! זאָל כאַפּן אַלץ דער שד!.

1930

אַרבוז

עס רײַסט זיך דער װינט אויף אַזאָװישן ים
און פֿערעט דעם שפּיצלאַנד אַנטקעגן.
אַרבוז אויף אַרבוז — און דער טרוים איז פּאַרפּול,
באַדעקט מיט אַרבוזן די ברעגן.
נישט טרינקען דעם װינט אין קאַיאַרישער קיל,
בלויז גענעצן װאָך אויפֿן בריקל —
דרײַ טעג און דרײַ נעכט דאַרף מען שװימען פֿאַראויס.
מיר האָבן די זעגלען צעװיקלט.

אַן כװאַליעס געדיכטע שלאָגט־אָן זיך בורון,
כדי זיך אין שפּריצן צעפּליעסקען.
כ׳קלײַב אויס אַן אַרבוזל, װאָס קלינגט װי אַ פּויק —
שנײַד־אויס מיט אַ מעסער אַ הערצל.

עס זעצט זיך די זון — און עס שטויסן־אַרויס
לבנה די כװאַליעס די טיפֿע.
עס רײַסט זיך דער װינט — און אַ פֿלי און אַװעק.
נו, ריר מיט די זעגלען, מײַן שיפֿל.

מיט קרײַזלעך געדיכטע דער ים איז באַדעקט.
און ס׳קרעכצן אַרבוזן אויף פֿינצטערן דעק.

דער װינט, װי אַ באָצמאַן, דורך צװײ פֿינגער פֿײַפֿט.
די װאָלקנס — צוזאַמענגעקלאַמערט.
עס צאַפּלט דער רודער, עס טרעשטשעט די זײַס,
די לײַװנט — פֿאַרװיקלט, װי גראַמען.

דורך כװאַליעס און רעגן — פֿאַראויס אויף באַראַט
מיר שװימען אין שװימיקע װיגן,
מיר יאָגן, װי בלינדע, אָן ציל, אָן אַ װעג —
און ס׳כראָפּען די לײַנענע פֿליגל.

מיר זײַנען פֿאַרצװיגן אין װילד־קאַרוסעל.
דער ים — װי אַ מאַרק אַ צעזעצטער.
עס טרײַבט אונדז אויף ריפֿן, עס װאַרפֿט אונדז אויף זאַמד —
געקומען דער װעג אונדזער לעצטער.

מיט ציגן געקרײַזלטע ים איז באַדעקט.
און ס׳קרעכצן אַרבוזן אויף פֿינצטערן דעק.

דאָס ליד מיינס דאָס לעצטע כ'האָב נאָך ניט פאַרפאַסט,
און כ'שפּיר שוין דעם טויט, ווי אַ שונא.
געשפּילט כ'האָב אין קאָרטן, געלעבט נע־ונד —
איצט ברענגט מיר דער ים אַ באַלוינונג.

נישט ראַטעווען וועל איך מיין לעבן אַצינד:
דער רודער צעבראָכן, און שיפל שוין רינט.

אַ מאָכיקע זון קריכט אַרויס איבער ים:
צעשמעלצן די לופט אין בהלה.
מע זעט מער קיין שיפל, נאָר ס'שווימט אַן אַרבוז
אַרום מיט אַ האַרץ אויסגעמאָלן.

אָן כוואַליעס געדיכטע שלאָגט־אָן זיך בורון,
סקומבריאישע סטאַיעס זיך שפּילן.
אויף שוימיקע כוואַליעס דער קאַווען זיך וויגט
און שווימט צו די ברעגן די שטילע.

אַ סוף צו נסיעה געפינען וועט ער —
נישטאָ מער קיין ווינט און קיין הוידן.
דעם קאַווען מיט האַרץ אויסגעמאָלן הויבט־אויף
מיין ליבסטע קאַזאַקישע מיידל.

ס'קאָן קיינער נישט זאָגן איר דאָ, זי זאָל זען —
אַז זי האָט גענומען מיין האַרץ אין די הענט.

1924

פּושקין אין אָדעס

אין מזרח שווימט די צייניקע לבנה
אַריבער סאָסנעס, איבער פעלדזנשטיין.
געשטאַנען איז ער דאָ אין ברייטן מאַנטל
און בייראָנען דאָ זינגעווידיק געלייענט.

אָט־דאָ אין רויכיקע אין טויבן־פּוכן
האָט נאַכט און ים פאַר אים זיך אויסגעשטרעקט.
ווי זומער־שפּריי, באַגייסטערונג באַפאַלט אים
און איבער ים, ווי רויכן, שווימט אַוועק.

---

1) טריום — פּראַכט־אָפּטיילונג פון שיף.
2) בורון — אַ שטורעם־ווינט.
3) באָצמאַן — פלאָטן־אָפיצער.
4) סקובמבריאַ — אַ סאָרט פיש אין שוואַרצן ים.
5) קאַווען — אַרבוז

ווי זומער-שפריי, באגייסטערונג באפאלט אים,
באשיט דאס הארץ, און אויגן טוט א צינד.
די נאכט און ים און פייערלעכער רעגונג
דעם יאמב באשאפן — און דער יאמב — ער זינגט.

פון דעמאלט-אן, ווער ס׳בלאנדזעט איבער ברעגן,
צווישן שיפלעך, צווישן זאמדן-שריט,
דער הערט מיט בלוט, מיט הארץ און מיט די אויגן
דעם הילך און שאט פון פושקינישן ליד.

אין יעדן פעלדז איז ס׳ווארט ארייגעדרונגען,
און ס׳פליעסקעט איבער וואסער-וואנט און דאמב.
די וועלט פליסט-אפ און קומט צוריק צופליסן —
און אין דעם לויף זידט-אויף דער הייסער יאמב.

און מיר, דעם טרוימער, איז ביז איצט נאך טייער
פון שווערע כוואליעס דער געגראמטער לויף,
די טרוקענע, די נעגערישע ליפן
און באקנביין, וואס רייסט זיך שטאלץ ארויף.

כ׳האב דיך געטראגן אין מלחמה-פייער,
כ׳האב דיך געטראגן אין גערויש פון שלאכט.
„כ׳בין דיין!״ — געזונגען האט מיר מאריאולא
אין פוסטער בויד — ביים שייטער-פלאם ביינאכט.

איך ווארט און ווארט: ס׳וועט ווידער נעמען ריידן
מיין לאנד, וואס ליגט אין סטעפישן געפלעכט:
און ס׳וועט דער היטער, אנגעטאן אין בלויען,
באהאלטן זיך אין דניעסטערשן טשערעט.

די לאגערן צעווארפן איבער סטעפעס,
אין דעמבן-וועלדלעך קולות קלינגען וואך.
פארטריבענע און ארעמע ציגיינער,
מיר הויבן-אויף די פערד פאראוים אין שלאכט.

די חמימה ברענט. עס נאגט פון היץ דער קערפער.
אין סטעפעס בעסאראבער קלינגט די היץ.
פאעט פון קריג׳ס פאליטישן קולט-סעקטאר,
מיט אונדז ביים שייטער, זע איך, ווי דו זיצסט.

געגנוג שוין וואנזין... בלויז די כוואליעס טאיען.
און מאסקווע רוישט... נישטא קיין קריג שוין לאנג.
דעם פיסטאלעט איך הויב-אויף מיט פארערונג,
וואס איז ארויסגעפאלן פון דיין האנט.

1923

דאָס ליד וועגן אָפּאַנאַסן 1)

(פראַגמענט פון א פּאָעמע)

הייסע יאָרן אויף אוקראַינע
זיינען שוין פאַרקלונגען,
אָפּגערוישט און אָפּגעהודיעט
וואַסערן די יונגע.

כ׳וויים נישט וואו עס ליגן, רוען
אָפּאַנאַס׳עס ביינער:
אפשר אונטער א ראַקיטע, 2)
אפשר אונטער שטיינער?

איבער כוואַליעס פון דעם דניעסטער 3)
פליעסקעט פויגל בלויער,
איבער קבר פון קאַטאָווסקין 4)
שווימט דער רום אין טרויער.

איבער סטעפּעס פון באַנדיטן
הילכט נים מער קיין האָרן,
איבער ביינער היים-צעגליטע
האָט צעבליט זיך קאָרן.

איבער אָפּגעגליטע ביינער
גענעצט אָפּגרונט בלויער.
נאָכן קריג אַהיים אויף אורלויב
שפּאַנט א רויטאַרמייער.

שטעלט זיך אָפּ. מיט בלויע אויגן
קוקט אין שטוין א רגע
אויפן רונדן שטיין, צעוואַשן
פון די שפּעטע רעגנס.

בויגט זיך אָן, הויבט אויף דעם שטיין ער,
קוקט אויף אים דורך טרערן:
אויף זיין דלאָניע — ווייסער שאַרבן
מיט א לאָך אין שטערן.

---

1) אָפּאַנאַס — אוקראַינער כלאָפּיעץ, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם בירגער־קריג.
2) ראַקיטע — אַ בוים פון דער ווערבע־משפּחה.
3) דניעסטער — אַ טייך אין אוקראַינע.
4) קאַטאָווסקי — סאָוועטישער העלד אין בירגער־קריג.

ער דערשפּירט אַ קילן ציטער
און ער רעדט צום קרבן:
— „האָסט געקוקט דער ביקס אין ד'אויגן,
ווי מע דאַרף, געשטאָרבן!" —

און ער שפּאַנט אַריבער פּלוינען,
פון דער היץ פאַרשלונגען,
אין דער יונגער אוקראַאינע,
אין דעם קאָרן יונגן.

זאָל איך אויך מיט טויט מיט בראַווען
אומקומען אין וואָגל,
ווי ס'איז רומפול אומגעקומען
חבר יוסף קאַגאַן. *)

1926

טיכאָנאָוו,

ניקאָלאַי סעמיאָנאָוויטש

(1896)

אומשטערבלעכע בלעטער

נדבות גיבן קאָנען מיר ניט מער,
ניט אָטעמען געזאַלצענעם באַגינען
אויף הויך פון ים, ניט איינקויפן אין קראָם
פאַר קופּער־מיסט דאָס גאָלד פון די ציטרינען.

צו אונדז פאַרבלאָנדזשעט צופעליק אַ שיף,
און פראַכט די רעלסן פירן לויט געוואוינהייט.
דו צייל נאָר איבער מענטשן אין מיין לאַנד —
און טויטע אויפשטיין וועלן אין המונים.

נאָר פייערלעך פאַראַכטן מיר דאָס אַלץ.
צעבראָכן מעסער טויג ניט פאַר קיין שחיטה.
נאָר אָט־דאָס מעסער, וואָס צעבראָכן איז,
האָט בלעטער פון אומשטערבלעכקייט צעשניטן.

1921

די באַלאַדע וועגן טשוועקעס

די ליולקע דעררויכערט רואיק און גיך,
און רואיק דעם שמייכל פאַרווישט פון געזיכט.

---

*) יוסף קאַגאַן — פּאָליטישער קאָמיסאַר אין דער רויטער אַרמיי.

— „קאָמאַנדע, אין פראָנט! אָפיצערן, פּאָראויס!" —
מיט טרוקענע טריט קאָמאַנדיר שפּאַנט ארויס.

אין פּולן אין וואוקס גלייכט ער אויס זיין פיגור:
— „אַכט אַזייגער — פון אַנקער! אויף מזרח — דער קורס!

— „ווער ס'האָט דאָרט אַ ברודער, אַ קינד, צי אַ ווייב, —
מיר וועלן צוריק שוין ניטט קומען, שרייבט!

— „אַ גוטער דערפּאַר וועט היינט זיין קעגלבאָן!" —*)
און ס'ענטפערט דער עלצטער: — „פּאַראָן, קאַפּיטאָן!" —

און סאַמע דער אינגסטער, אַ ספּריטנער יונג,
האָט געקוקט איבער וואַסער אַרויף צו דער זון:

— „ס'איז דען נישט אַלציינס, — האָט געזאָגט ער, — וואו?
ס'איז אונטערן וואַסער באַקוועמער די רו!" —

און ס'הערט אַדמיראַל אין קאַיאָריקער שעה:
— דער באַפעל איז דערפילט — קיין געראַטעוועטע — נישטאָ!" —

טשוועקעס צו מאַכן פון אַזאַמין העלד —
וואָלט קיין שטאַרקערע טשוועקעס ניט געווען אויף דער וועלט.

1922

כ'האָב דיך ליב

כ'האָב דיך ליב: ניט פאַרקעמט און אָן שמינקע,
איידער נאַכט לעצטע שעה אירע גרייכט,
און דעם בליאַסק פון די האָר דיינע שאַרסטקע
און דיין פּנים, וואָס שטרענג איז און בלייך.

נאָר די הענט נעמסטו צו און די ליפּן
און פאַרשווינדסט — דו ביסט שטענדיק אין וועג.
און מיין הארץ קאָן זיך אַלץ נישט געוואוינען
צו דער נאַכטיקער טרעפונג אין שרעק.

כ'האָב געאָטעמט מיט דיר אין דעם טונקל,
וואָס איז הייסער פון פיינען־געפלעכט:
אין צעגלי פון פּאַריזער בולוואַרן,
אין דעם בלוי פון די לענגראַדער נעכט.

---

*) קעגלבאָן — אַ שפּיל

אויפֿן שיפּוי פֿון פֿעלדזן קאַווקאַזער,
אין דעם גלײַכגילט פֿון מאָסקווער שנײ
כ'האָב געאָטעמט די זיסקייט פֿון לײדן,
וואָס איז ביידן אונדז ליב אַזוי.

זאָג, וואו וועל איך מיט דיר זיך נאָך טרעפֿן?
ווידער אַנזען, ווי שײַן דו ביזט, שײַן?
און פֿון וואָס פֿאַרא חושך, פֿאַרצווייפֿלט,
וועסט אַ שמייכל מיר טאָן דורך די ציין?

אין די טעג, אין פֿאַרהאַוועטע, הארבע,
ווען עס הענגט איבער אונדז דער באַשייד,
ניט איך קלאָג זיך פֿאַר דיר, ניט איך אייפֿער —
אין דעם הונגער פֿון לוסט — ביזט מײַן ברויט.

די דרײַ בעכערס

מיר הויבן־אויף דעם ליבע־בעכער
פֿאַר אונדזער אייגן היימלאַנדס גליק,
פֿאַר גאָר דער שיינקייט פֿון די שטרעקעס,
פֿאַר גליק אין שטורעמדיקן קריג.

פֿאַר דעם, אַז אויף דער ערד, אין וואָלקנס,
אין אייז־ים און אין שטורעם־ווינט,
דערפֿאָלג זאָל קרוינען אירע שטאַרקע
און אירע וואונדערלעכע זין.

מיר הויבן־אויף דעם שנאה־בעכער,
אַז טרעפֿן זאָל דעם דײַטש די שטראָף,
אַז ברענען זאָל דער שטאָל צעגליטער
דעם שונא'ס חיל אָן אַ סוף.

מיר וועלן הויבן דריטן בעכער
פֿאַר דעם, אַז ערד — פֿון עק ביז עק —
פֿאַרניכטן זאָל פֿאַשיסטן־גיהנם
און קאָנען אָטעמען אָן שרעק.

אַז ס'לעבן זאָל, ווי קונסט פֿון מייסטער
אין שאָרך פֿון בלעטער, זײַן צעגליט,
ווי ס'פֿליסן לידער פֿון אַטלאַנטיק
אין נעווער און אין טעמזער ליד.

1941

אַנטאָקאָלסקי,

פּאַוועל גריגאָריעוויטש

(1896)

א יאָר פאַרן קריג

דו וואַרעמס זיך אָן ביי די שטיינער פון ים,
ביים פּשוטן, שטילן, ניט־בולטן פלאַם.

דו וואַרעמס זיך אָן ביי דעם אָטעם פון ליבער,
כל זמן נאָך זי קוקט דאָ מיט אויגן מיט טריבע.

דו וואַרעמס זיך אָן! ס׳איז נאָך האָפנונג פאַראַן,
כל־זמן ס׳איז נאָך נאָענט איר אַקסל און האַנט!

און ערגעץ מע לאַכט נאָך, מע טאַנצט מיט בטחון,
און בריוולעך מע שרייבט און מיט הימלען מע פּאַכעט,

און פרידלעכער גרין איז ניט רויט דערוויל הײַנט
מיט טייערסטע פלעקן פון טייערסטן ווײַן,

וואָס מאָרגן אומזיסט וועט זיך גיסן און גליען, —
איז צי זיך צום פּרופורנעם בעכער פון שקיעה:

מיט סם פון די ליפּן, מיט וויעס באַשווערט,
כל זמן נאָך, בן־אדם, ביזט דאָ אויף דער ערד.

כל זמן דיך פאַרפרירט ניט די אייזיקע קריע —
אַ פערטל בלויז שעה פאַר דער לעצטע נסיעה.
יוני, 1940

די באַלאַדע וועגן דעם
ניט־אָפּגעשיקטן בריוו

ס׳האָט געשריבן דער דייטש: — „כ׳בין פאַרפאַלן, מײַן ווײַב,
אין דעם שרעקלעכן טײַוולישן קריג:
ניט געוואַשן אַ צײַט, ניט געשלאָפן — אַ וואָך,
בעט דאָרט גאָט, כ׳זאָל דערלעבן דעם זיג.״ —

ס׳האָט געשריבן דער דייטש: — „כ׳שיק דיר צו אַ בראַסלעט
און קאַראַקול — אַ טייער פאַרמעג.
ס׳איז פאַראַן אויף קאַראַקול אַ סימן פון בלוט —
זע, וואַש־אָפּ דאָרט דעם מיאוסן פלעק.

— „יאָ, וואָס־אַפּ דאָרט דעם פּלעק!... — און דערנאָך: —
„אין פּאַראוים
ליגט דער רוסישער ווינטער פאַרבליפט.
לאָז מיר וויסן, צי האָסטו באַקומען ס׳געשאַנק.
זיי געז...״ — און ניט פאַרענדיקט דעם בריוו.

ס׳האָט געטאָן וואו אַ קנאַל — און געקראַכט האָט דער דאַך
און אָט ליגט ער און גליווערט שוין שטיל.
אויף באַזוך איז געווען ער ניט לאַנג דאָ ביי אונדז —
און זיין בריוו ניט געשיקט איז אין טיל.

צו דער יונגער אלמנה איז שוין ניט דערגאַן
ניט בראַסלעט, ניט קאַראַקול פון „פיינט״.
אונדזער בלוט ניט דערוואַשן וועט קיינמאָל קיין שטראָם
נישט פון דונאַי און נישט פון דעם רהיין.
1943

אין אָנדענק פון מיין זון 1)

אין שטראָם בלויז איינע פון די כוואַליעס —
מיין ליבע און מיין העלד פון שווערד.
און ניט אין מירמל־פּאַלאַץ שלאָפט ער,
נאָר, ווי אַ זעלנער — אין דער ערד.

ער שלאָפט. דער ווינט שפּאַצירט פון אויבן
עם דרייט דער שניי. דער פרילינג גייט.
ס׳איז העל אַרום, נאָר קיינער וועקט ניט
דעם יונג פון לעצטן שלאָף — דעם טויט.

ער שלאָפט. און מיר דעם פעסט ביים קבר
אָן אים איז פייערן באַשערט,
פאַרוואַנדלען אין אַ כלומרשט־לעבן
דאָס לעבן זיינס, וואָס איז פאַרצערט.

און וועגן זון דערציילן מענטשן,
אין זען פון זייער טרער, וואָס שוועבט,
אַז מירן זיין אַמאָל צוזאַמען —
נאָר יונג איז טויט, דער אַלטער לעבט.

דערווייל צעפלאַקערט זיך אַליץ הייסער
דער נייער טאָג, ווי רויטער מאָן.
און ס׳בלוט פון זון מיינעם, געהייליקט,
שוועבט פאַר די אויגן, ווי אַ פאָן.
1945

---

1) דער דיכטער אַנטאָקאָלסקי האָט פאַרלוירן אַ זון אין דער מלחמה קעגן די נאַציס. ער האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע פּאָעמע „דער זון״, וואָס האָט באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע. דאָס דאָזיקע ליד איז אַ פאָררעדע צו זיין פּאָעמע „דער זון״.

גרעבניאָוו (פיינבערג),

לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש

(1897)

די נשמה פון רוסלאַנד*)

אַ אינדזל, אַפּגעצוימט פון זייטן פיר מיט ים,
פון באַרגיקן קאַווקאַז ביז צפונס שטורעם-ווייטן —
האָסטו זיך אויסגעשפּרייט, אין שטאָל געשמידטער רייטער,
אָ, רוס, געקרייציקטע פון צאַר און נאָבל-שטאַם.

געקנאַלט האָט רויטער שקוואַל -- און מעכטיק, אָן אַ צאַם
האָט אויפגעוואַקסט אַ דור אין שטורמישן געלייטער,
דעם אַקער אויסגעשמידט אין בלאַנקן שווערד צו שטרייטן,
דעם פייער פון אַלטאַר — אין אַ נקמה-פלאַם.

געקראַכט האָט אַלטע וועלט. און חיות אין געיעג
צעיושעט האָבן זיך אויף פּאַשע-פעלדער דיינע.
צום קרייץ גענאַגלטע, אין פינצטערן געשטרעק,
פון ימ'ען בלוט פאַרפּלייצט, דיין זעל אין גסיסה-פּיינען
האָט אָנגעזאָגט אונדז, רוס, סימבאָל פון נייע טעג,
וועסט ווידער אויפלעבן אין קרוין פון העלע שיינען.

1918

זון און פרילינג

צעיובלט הייַנט זיך, איר — זעער, בלינדע,
ס'איז זון און פרילינג און ליבע-וואָר!
ווען ס'האָבן שטראַלן צעוועקט אַצינדער,
דער זאָל באַגריסן דער וועלטס קאַיאָר.

צעעפנט מיילער און שיקט אַ בענטשונג
און רופט צום אויפשטאַנד מיט לייבן-קול:
די געטער — שטערבלעך, אומשטערבלעך — מענטשן,
דאָס לעבן בונד איז מיט גאָט-רעוואָלט.

פראַלט-אויף די פענצטער דער זון אַנטקעגן,
פראַלט-אויף נשמות צום ליכט, וואָס העלט:
די זון זאָל לויכטן ,די זון זאָל זעגלען
אין אייער הארצן, אין אייער צעלט.

נאָר אויב דער פרילינג וועט ניט דערלייזן —
און זיין צוזאַמען וועט בלוט מיט זון,
אָ, אל צבאות, אָ, גאָט דו בייזער,
פאַרגיב נקמה, צעריים דעם בונד!

1917

*) דאָס ליד האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז אויף אַ קאָנקורס פון הונ־
דערט רוסישע דיכטער אין 1918.

בעזימענסקי,

אַלעקסאַנדר אילאיטש

(1898)

וועגן אַ היטל

פון אונדזערע טעג איז בלויז ד ע ר ניט קלענער,
בלויז יענער שטייט אויף אונדזער פראַנט,
וועמ ס'האָט געפינען אין יעדער קלייניקייט
די וועלט־רעוואָלוציע געקאַנט.

ווער — וועגן פרויען, ווער — וועגן שטאַטעס
ווער עס זינגט לויטן אַלטן שניט,
ווער — וועגן וואָס, און איך — וועגן היטל,
מײַן פוטערנעם־היטל וויל איך זינגען אַ ליד.

וואָס גיי איך אַרום אין אים אַזאַ שטאָלצער?
אונטער אים — ניט קיין אויגן, נאָר שטראַלן־גלי.
דערפאַר וואָס איך האָב אָט־דאָס היטל באַקומען
לויט אַן אָרדער נאָך שווערער מי.

....

אין נײַנצנטן יאָר — אַ מידער, אויף אָפּרו
קיין קיעוו איך קום אַראָפּ.
נאָר רוען באַשערט איז בלויז צוויי טעג געווען מיר,
אויפן דריטן — זיך געלעגט אין אַקאָפּ.

הונגעריקע — מיר האָבן ס'לעבן געשאַפן,
נאָר געוואוסט: ס'איז דער הונגער — אַ וואָלף.
יענעם טאָג האָבן מיר דאָרט באַזיגט אַן קוילן
דעם רעבעלישן נײַנטן פאָלק.

נו, יאָ, וועגן היטל... אַ הוילער און בלויזער,
כ'בין קיין מאָסקווע אַוועק פון קיעוו.
און פון סאַמע „צע־קאַ" האָב איך דעמאָלט באַקומען,
ווי אַ נס, אויף אַ היטל אַ שריפט.

כ'טו אַ כאַפּ דעם אָרדער אונטער דער פאַכווע
און לאָז זיך מיט אים אין ווילדן געדריי.
און אָט — ערשט זומער — כ'האָב געקראָגן אַ היטל,
אַ פוטערנעם הוט — ניט גלאַט אַזוי!

און אַפילו נאָך הײַנט, ווען איך טראָג פאַרביי זיך,
די שויפענצטער, פאַרגאָסן מיט שמאַלץ,
הויב איך אויף אין שפּאַציר, ווי אַ ליכטיקן באַנער,
דאָס פוטערנע היטל מיט פרייד־געשאַל.

און איצט, ווען איך גיי ארום עפעס קויפן,
צי איך קלייב עפעס אוים צווישן זאכן אין קראם:
טראכט איך אפט וועגן יענעם אמאליקן ארדער
און וועגן דער צוקונפט׳ם ליכטיקן שטראם.

און אפט, ווען איך לייען וועגן קאמף אויף דער בירזשע,
צי איך זע א ידיעה וועגן עפעס א באנק,
קוק איך אומרואיק-שארף אויף מיין פוטערנעם היטל
און איך טראכט א גרויזאמען געדאנק:

ווער עס וויל, דער קאן אויף א פארד זיך פארן,
ווער עס וויל, זאל זיך וואוינען אין רייכסטן געצעלט.
ס׳קומט א טאג: מיר וועלן דערלאנג-טאן אן ארדער
נים בלויז אויף א היטל — אויף דער גאנצער וועלט!

1923

די באמבארדע

(פראגמענט פון דער פאעמע „איוואשקא")

וואם איז דאם? וואו איז דאם? אויפרייס און קראך.
ס׳ערדישע הארץ האט געטאן דא א ציטער.
זון איז אין הימל פארשטעלט. פונם שליאך
הויבט זיך דער רויך, ווי א וואנט, א צעגליטער.

ווער און צוואוואם? קיינער קאן נישט פארשטיין.
איינגעהילט שטאט איז אין וואגזין פון שריפות.
אויפרייס — און שטילקייט — און קראכן פון שטיין:
באמבע נאך באמבע און אויפרייס נאך אויפרייס.

לופט העל-צעבויטעטע חודיעט און גליט.
קראך ווערט געדיכטער — די פלאמען, זיי טאנצן.
„יונקערס" און „הענקעלס" און „מעסערשמידט" —
אכט. און א טוצן... און באלד פיר און צוואנציק.

ריטער פון טויט האבן בולטן ציל,
העלדיש זיי טרעפן מיט פלאם און מעטאלן:
קינדערהיים, שטיבל, שפיטאל און אזיל,
הייזער, האטעלן — קווארטאל נאך קווארטאלן.

טוליעט זיך שטאט צו דעם הילפלאזן שטיין,
טוליעט זיך גוף אין פארצווייפלטן האפן.
ס׳איז שוין אריבער? א סוף אפשר שוין?
אפשר איז הפקר׳ער טויט שוין אנטלאפן?

1941

לעבעדיעוו־קומאטש,

וואסילי איוואנאוויטש

(1948 — 1898)

דאס ליד וועגן היימלאנד

רחבות׳דיק איז היימלאנד מיינס דאס גרויסע:
פעלדער, וועלדער, טייכן — נעם גערדאי!
פון קיין אנדער לאנד אזא איך וויים ניט,
וואו עס אטעמט יעדן מענטש זיך פריי.

עט פון מאסקווע ביז די ווייטסטע ראנדן,
פון דעם צפון־ים ביז דרום־בערג,
יעדער איינער, ווי א ווירט, זיך שפאנט דארט
איבער היימלאנדס, איבער ברייטער ערד.

אומעטום — דאס לעבט פריי־צעזונגען,
ווי די וואלגע פליסט אין פולן גאנג:
פלאץ פאראן איז אומעטום פאר יונגע,
און פאר אלטע כבוד איז פאראן.

רחבות׳דיק איז היימלאנד מיינס דאס גרויסע:
פעלדער, וועלדער, טייכן — נעם גערדאי!
פון קיין אנדער לאנד אזא איך וויים ניט,
וואו עס אטעמט יעדן מענטש זיך פריי.

אונדזער פעלד מיט אויג ניט אפצומעסטן,
ניט גערענקען יעדע שטאט און אָרט.
אונדזער וואָרט „טאָוואַרישטש" — אונדזער פעסטונג —
איז אונדז טייערער פון שענסטן וואָרט.

היימיש מיט אים זיינען ווייטסטע קאנטן,
ס׳קאן ביי אונדז קיין ווייס און שווארץ ניט זיין.
מיט דעם וואָרט, וואס יעדערן באקאנט איז,
אומעטום געפינען מיר א פריינט.

רחבות׳דיק איז היימלאנד מיינס דאס גרויסע:
פעלדער, וועלדער, טייכן — א גערדאי.
פון קיין אנדער לאנד אזא איך וויים ניט,
וואו עס אטעמט יעדן מענטש זיך פריי.

קיינעם ניט פון אונדזער טיש מיר טרייבן,
יעדער ווערט באלוינט דא לויט פארדינסט.
מיט געגילדטע אותיות מיר שרייבן
פארן פאלק דעם סטאלינישן דין.

ס'וועלן יאָרן קיינמאָל ניט פאַרלענדן
אַט־די ווערטער'ס הערלעכקייט און רום.
יעדער מענטש פאַרמאָגט דאָס רעכט דאָ שטענדיק
אויף דער לער, אויף פראַצע און אויף רו.

רחבות'דיק איז היימלאַנד מיינס דאָס גרויסע,
פעלדער, וועלדער, טייכן — אַ געדאַי.
פון קיין אַנדער לאַנד אַזאַ איך ווייס ניט,
וואו עס אָטעמט יעדן מענטש זיך פריי.

איבער היימלאַנד פרילינג־ווינטן ווירבלען,
יעדן טאָג ווערט פרייליכער דער שוואונג.
קיינער קאָן ניט בעסער פון אונדז ליבן,
קאָן ניט לאַכן הארציקער פון אונדז.

נאָר אויב פיינט וועט וואָגן אונדז באַפאַלן,
וועלן מיר דערלאַנגען אים אַ גאָב.
אונדזער לאַנד מיר ליבן, ווי אַ כלה,
ווי אַ מוטער היטן מיר עס אָפּ.

רחבות'דיק איז היימלאַנד מיינס דאָס גרויסע;
פעלדער, וועלדער, טייכן — אַ געדאַי.
פון קיין אַנדער לאַנד אַזאַ איך ווייס ניט,
וואו עס אָטעמט יעדן מענטש זיך פריי.

1935

אויב ס'וועט מאָרגן זיין קריג

אויב ס'וועט מאָרגן זיין קריג — און מיט פינצטערער מאַכט
וועט באַפאַלן דער בלוטיקער שונא, —
דאָס סאָוועטישע פאָלק צו באַשיצן דאָס לאַנד
וועט צום קריג אויפשטיין — אַלע, ווי איינער.

איבער הימל און ערד, איבער ים'ען
שאַלט דאָס ליד אונדזער מעכטיק צום זיג:
— „אויב ס'וועט מאָרגן זיין קריג,
און ס'וועט רופן דאָס לאַנד, —
זיי היינט גרייט, זיי היינט גרייט גיין אין קריג!"

אויב ס'וועט מאָרגן זיין קריג, וועט צעוויגן זיך ס'לאַנד —
פון קראָנשטאַט ביז סיבירישע שטרעקן.
וועט צעוויגן זיך ס'לאַנד — און מיט מעכטיקער האַנט
וועט דעם נאָמען פון שונא פאַרמעקן.

איבער הימל און ערד, איבער ים'ען...
א. א. וו.

ס'וועט אַרוים עראָפּלאַן, און אַ קנאַל פּוליעמיאָט,
און אַ דונער־טאָן מעכטיקע טאַנקעס,
ס'וועלן קריגשיפן גיין און פּיעכאָטע וועט גיין,
און אַ יאָג־טאָן זיך שנעלע טאַטשאַנקעס.
איבער הימל און ערד, איבער ים'ען...
א. א. וו.

ניין, ניט מיר ווילן קריג, נאָר באַשיצן דאָס לאַנד
גרייטן מיר אונדזער מאַכט צו צעוויגן:
אויף זיין אייגענער ערד זאָל דעם בלוטיקן פיינט
אונדזער מעכטיקער אָרעם באַזיגן.
איבער הימל און ערד, איבער ים'ען...
א. א. וו.

הויב זיך אויף, גרייט זיך צו, אונדזער פאָלק, גיין אין קריג!
זאָלן פּייקלעך די הימלען צעשפּאַלטן!
מוזיקאַנטן, פאָראויס! און איר, זינגער, פאָראויס!
זאָל דאָס ליד, אונדזער זיג־ליד אַ שאַל־טאָן!
איבער הימל און ערד, איבער ים'ען...
א. א. וו.

אונדזער לאַנד צו באַזיגן — נישטאָ אַזאַ מאַכט,
זוך פון איין עק ביז צווייטן אַפילו.
סטאַלין גייט דאָך מיט אונדז — און מיט שטאָלענער האַנט
פירט צום זיג אונדזער לאַנד וואָראָשילאָוו.

איבער הימל און ערד, איבער ים'ען
שאַלט דאָס ליד אונדזערס מעכטיק צום זיג:
—„אויב ס'וועט מאָרגן זיין קריג,
און ס'וועט רופן דאָס לאַנד,
זיי היינט גרייט, זיי היינט גרייט גיין אין קריג!" —

1938

---

1) פּיעכאָטע — פוסגייער.

2) טאַטשאַנקעס — מיליטערישע וועגעלעך, אויף וועלכע מ'פירט פּוליע־מיאָטן (מאַשין־ביקסן).

סעלווינסקי,

איליא לוואָוויטש

(1899)

נעכטיק איבער, ליבער

„נעכטיק איבער, ליבער,
איינמאָל נעכטיק איבער.
אויף די שליאַכן וועט זיך מאַכן
ווייניק נעכט פון ליבע.״ —

— „גרייט בין איך צו שלאָפן,
כ׳שרעק זיך בלויז פאַרשלאָפן.
קאָמאַנדירן — בראַווע אירע —
וועלן מיך באַשטראָפן.״ —

נאָר זי צווינגט אים בלייבן,
פאַדעט, ווי אַ טייבל —
אַזאַ הוילע, אַזאַ וואוילע,
אַזאַ זיסע ווייבל.

און באַגין דורך קליאַנען
ווייזט די זון איר פּנים
הויבט־אָן נאָגן, הויבט־אָן פּלאָגן
ס׳האַרץ פון עסקאַדראָנער.

נעמט מוזיק זיך סטראָיען:
באַראַבאַנען וואָיען.
רייטאַרמיי בודיאָנישע
פירט די פערד צום פּאָיען.

פערד שוין אָנגעפּאָיעט,
פאָרט מען דורכן טויער.
פערדלעך הינטער שטיבעלעך
קלאַפּן מיט די טלאָיען.

פערדלעך הייסע, פלינקע —
שוואַרצע, ווייסע פינקלען.
לידער בראַווע, פריילעכע
רויטאַרמייער זינגען.

אין באַגין עס פרעסטלט.
אונטער בלאַז־אָרקעסטער
ראָטעם רויט־אַרמייאישע
שפּאַנען הייסער, פעסטער.

ס׳האָט דאָס זיסע ווייבל
יונג פאַררעדט צו בלייבן.
קאָמאַנדירן — בראַווע אירע —
זיינען שטרענג, צום טייוול!

קאָמאַנדירן שטרענגע,
סומנע ברעמען הענגען:
דאַרף מען גרייט זיין — ס׳לויערן
ווייסגוואַרדייער מענגעס.

1931

אַ ציגיינער־ליד

דו, צי איך, צי ביידע — מיר,
פורן, ווינט און סטעפּעס.
די געשענקטע סויבל־פעל,
אויגן — רויך פאַרנעפּלטע.

אָקאַ — דיאָקאַ — ראָמאַנעס.
זים איז ליבע־צוויפל.
מיין געליבטע טיף אין מיר
זיצט, ווי אַ מגפה.

פּאַש־פּאַש־פּאַש־פּאַש —
ראָבן־העלדזער קלינגען.
ניט־פאַרשפּיליעטער קאָרסאַזש —
און אַליין אַ זינגערקע.

אין די שלאָכטן, אין אָסטראָג
אַלץ וועט מיך פאַרלאָזן.
ניט פאַרגעסן וועל איך בלויז
אירע נאָזלעכער.

1919

איך האָב עס אַליין געזען

מ׳מעג ניט הערן קיין פאַלקישע מעשיות,
ניט גלויבן דער צייטונג, חאָם מ׳לייענט.
נאָר איך האָב געזען עס! מיט די אייגענע אויגן!
איר פאַרשטייט? געזען עס אַליין!

אָט־דאָ איז אַ שליאַך. און דאָרט איז אַ בערגל.
צווישן זיי — ליגט אַ טיפער ראָוו. 1)
און פון אָט דעם גרוב הויבט זיך אויף דער אומגליק,
דער אומגליק אָן אַ סוף.

ניין, וועגן דעם ניט צו ריידן מיט ווערטער —
דאָ דאַרף מען שרייען! זיך אויסוויינען ס׳האַרץ!
זיבן טויזנט דערשאָסענע אין דעם וואָלפישן גראָבן,
פאַרזשאַווערטן, ווי רויער אַרץ.

ווער זיינען די מענטשן? קעמפער? ניט ריכטיק!
אפשר פאַרטיזאַנען? ניין, פאַרוואָר!
אָט ליגט דאָ קאַלקאָ מיט אויערן לאַנגע —
ער איז נאָך ניט אַלט קיין עלף יאָר.

דאָ ליגט זיין משפחה פון כוטאָר „וועסיאָלי״ —
הונדערט צוואַנציק הייזער — אינדערמיט זיין שטוב.
טייערע... שרעקלעכע... צעקיילטע קערפּערם —
די גאַנצע משפחה האָט באַזעצט דעם גרוב.

זיי ליגן און זיצן און שלייכן אַרונטער:
יעדער איינער פון זיי מיט זיין אייגענעם זשעסט.
ס׳האָט דער ווינטער פאַרפרוירן דאָס געפיל ביי די מתים,
ווען דער טויט איז מיט זיי אַרוים אין פאַרמעסט.

און די מתים — זיי דראָען, זיי האַסן די שונאים.
ווי ביי אַ מיטינג, די טויטלעכע שטילקייט ברילט.
ווי דער מת איז געפאַלן, שטרייט ער אַף די תליונים:
— „איר וועט אונדז ניט באַזיגן!״ — שרייט ער ווילד.

און אָט ליגט אַ יונג, ניט קיין יונג, נאָר לאַפּטשעס.
און אַ שטיינערנער קינבאַק און ציין — ווי שטאָל.
ער שמייכלט: — נו, גוט! אירווילט רויבן — רויבט־זשע,
איר ווילט שיסן — טאָ שיסט מיטאַמאָל!

---

1) ראָוו — אַ טיפער גרוב.

— מיר האָבן אַליין זיך באַפרייט פון די לעכער.
מירן איבערלעבן אויך אייער שטורעם-שקוואַל.
אַלץ ווערט פאַרלוירן. נאָר די ציינער — נישט רייסן:
איך וועל אייך איבערהריזן דעם האַלדז.

לעבן אים ליגט אַ אידישע פרוי, אַ צעקיילטע.
ביי איר זייט ליגט אַ קינד — ווי אין אַ קאָשמאַר.
מיט וואָס פאַר אַ זאָרג איז דאָס קינדערשע העלדזל
אַרומגעוויקלט מיט דער מאַמישער שאַרף.

אָ, אוראַלטער — דו, אָ מאַמישער כוח!
אויפן וועג צו דערשיסונג — ביי די לעצטע טריט,
אַ שעה פאַרן קבר, פאַרן טויט — אַ רגע,
האָט די מאַמע פון פאַרקילונג איר קינד געהיט.

נאָר אַפילו דער טויט איז פאַר זיי ניט קיין שיידונג.
ס'האָט קיין מאַכט איבער זיי ניט דער שונא ביים ראַנד:
און אַ שטראָמל אַ רויטס פון דעם קינדישן אויער
רינט אַראָפּ אין דער דלאָניע פון דער מאַמישער האַנט.

ווי שווער ס'איז דערפון מיר צו שרייבן, ווי גרוויליק!
נאָר שרייבן מ'דאַרף! איז שרייב! דערציילו!
ס'וועט נישט אָפּקומען איצט מיט קיין שפּאָס דער פאַשיזם:
ברענג אַרויס פון טעווטאָנישער 2) זעל דעם גרויל!

אויך דו האָסט דערקענט אין איר גאַנצער פאַלשקייט
„די סענטימענטאַלקייט פון דייטשישן וואַן" —
זאָל סטאַרטשען דורך זייערע, דורך בלויליכע וואָלקן
די דאָזיקע אידישע מאַמישע האַנט.

פאַרדאַם זיי ! דו ביזט דאָ געשטאַנען אין בוינע!
זיי געכאַפּט ביי דער האַנט! זאָג עדות אויף זיי!
דו זעסט דאָך, ווי ס'האָבן די הענקערס מיט קוילן
אונדזער פאָלק געמאָרדעט: מאַן, קינד און פרוי.

זאָל דונערן דיין קול, ווי דאַנטע, 3) אָווידי! 4)
אויב געזען האָסט די אידישע מאַמע און קינד,
אויב דו האָסט געזען די מתים אין גראָבן —
און דו ביזט ניט אַרונטער פון זין!

---

2) טעווטאָניש — דייטשיש.
3) דאַנטע — איטאַליענישער דיכטער.
4) אָווידי — רוימישער דיכטער.

נאָר שווייגנדיק שטיי איך ביים טונקעלן קבר.
וואָס זיינען דען ווערטער? בלויז וועלק און וויאַל!
געווען איז אַ צייט, כ'האָב געשריבן וועגן ליבע
און וועגן דעם שמאַטשקען פון נאַכטיגאַל...

נאָר דאָ? דאָ דאַרף מען נערוועז, ווי בויגנס!
און סטרונעס — ווי שטריק פון רוקנביין.
פאַר אַלע מאוים'דיק־גרויליקע ליידן
איז נאָך ניט געשאַפן קיין לשון, ניין!

באַדאַרפט וואָלט מען רופן דערויף אַן אסיפה
פון יעדן שטאַם מיט זיין גאַנצן פאַרמאָג,
און נעמען ביי יעדערן אַלץ, וואָס איז מענטשלעך,
און אַלץ, וואָס דורך דורות געווען איז באַקלאָגט.

און ווען יעדער פון זיי ביי אַט דער אסיפה
וואָלט געגעבן אַ וואָרט, וואָס איז אים אַזוי נאָנט,
וואָלט דעמאָלט דער גרויסער, דער בראָך פון מיין אומה
צוגעבן זיבן געקאָנט.

ניין, ס'איז נישטאָ נאָך קיין שפּראַך אַזוינע!
איר — מתים, אין לעבעדיקע נישט גלויבט!
זאָל זיין, אַז אייער פאַרבלוטיקטע שקיעה
איך קאָן נישט באַוויינען אין לידער־לויב.

נאָר פאַראַן איז ביי אונדז אַ שפּראַך אַ הייסע,
וואָס גליאיקער איז פון הייסטן אות:
עס רעוועט מיט איר דער האַלדז פון באַטאַרייע, 5)
עס ליאַרעמט מיט איר דער טרויבן־שאָס. 6)

איר הערט איר געהילך ביז די וייטסטע ראַנדן?
באַצאָלן וועט זי פאַר דער גרויליקער טאַט.
אָ, ניין, פון זיין אייגענעם בלוטיקן קבר
עס וועט נישט אַנטלויפן דער קאַט! 7)

וואָס קאָן מען אין ליד וועגן גראַבן דערציילן?
זיבן טויזנט מתים: איד און סלאַוו ביינאַנד.
זאָגן וועגן דעם קאָן מען גאַרניט מיט ווערטער —
בלויז מיט פייער, מיט פייער־בראַנד.

1942

---

5) באַטאַרייע — אַרטילעריע.
6) טרויבענ־שאָס — לייכטע קאַנאָנאַדע.
7) קאַט — הענקער.

שטשיפאטשאוו

סטעפאן פעטראָוויטש

(1899)

וועגן אַ שנייעלע

ס'איז אַנהייב פינף. נאָר איך, איך קאָן ניט שלאָפן.
דער שטורעם וואַקסט. נאַכט אײלט זיך צום קאַיאָר.
די ערד, אַן אָנגעשטעלטע כלי, דרייט זיך...
עס וועט פאַרביי אַ הונדערט טויזנט יאָר.

אַ ווייטער דור (ווי מיר האָבן געָ'חלומ'ט!)
וועט פייפן אויך מיט שטורעמווינט, ווי הײַנט.
אין יענער ווייט, וואָס שווער איז צו באַנעמען,
וואָלט איך געוואָלט אַ שנייעלע כאָטש זיין.

אַז פליענדיק מיט ווינטן איבער לענדער,
אויף יענעם לעבן איינמאָל טאָן אַ בליק,
אַ שוועב־טאָן איבער טאָפאָל, ווי אַ שטויבל,
צעגיין אויף בעקל פון אַ קינד אין וויג.

1938

די ליבע

די ליבע אָפּהיטן באַדאַרף מען.
וואָס עלטער — שטאַרקער היט זי איין.
ס'איז ליבע ניט קיין זיפץ אויף בענקל,
קיין שפּאַנען אין לבנה־שיין.

ס'וועט זיין אי ווינט, אי שניי, אי רעגן —
צוזאַמען שמידט מען לעבנס־רינג.
צו פיינער ליד איז ליבע ענלעך —
אַ ליד צו שאַפן איז ניט גרינג.

1939

צוויי טע יורשים

איר זייט נישטאָ. איר זייט בלויז לופט און ליכט.
מיר קאָנען וועגן אייך בלויז טראַכטן, פאַרשן.
נאָר חשבון אָפּגעבן מיר דאַרפן אייך,
איר זייט פון אונדז ניט אָפּצוטיילן, יורשים.

די שלאַכט איז שווער. און ס'האָט זיך אונדז געדוכט,
אַז ניט באַשיצט זיינען דער צוקונפטס גיטער.
ווען ס'האָט דער פיינט געקלאַפּט אונדז מיט גראַנאַט,
דערפלויגן זיינען אויך צו אייך די שפּליטער.

1940

אושאקאװ

ניקאָלאַי ניקאָלאַיעװיטש

(1899)

װײַן

איך װײס, עס איז אַ פרייד אַ שװערע,
און װײט ניט גרינג איז — נאָכאַנאַנד
צו דריקן פולע בינטלעך טרויבן
מיט אַן עקשנות'דיקער האַנט.

עס שװײגט דער װײַן. און יאָרן לייגן
אין טונקלען קעלער זיך, װי רויך,
ביז װאַן דער זאַפט פון הייסע יאַגדעס,
װי קוילן גליענדיקע, לויכט.

די װײַנהענדלער — זײ פּלאַפּלען שטענדיק,
עס טוט פון זײ אָפּט װײ דער קאָפּ.
נאָר איך אַלס שרייבער בין געדולדיק:
די װערטער, װי מוזיק, כ'היט־אָפּ.

איך האָב געלערנט זאַמלען קלאַנגען,
אין קעלער היטן זײ מיט פרייד.
װאָס לענגער דױערט דאָרט דאָס שװײגן,
אַלץ װאונדערלעכער זײַנען רייד.

1923

מײַסטערשאַפט

כל זמן די הענט די פאָרם באַהערשן
און ס'איז געניטקייט ניט דערשעפּט,
באַװעג די װעלט אויף ראָד פון טעפּער
און דריי זי הין־און־צ'ריק, װי טעפּ.

די װעלט איז װײט נאָך ניט פאַרענדיקט,
איז שטעל אַרויף זי אויף אַ שטאַנג
און קנעט זי אויס מיט הענט געניטע,
אַז װערן זאָל פון ליים — געדאַנק.

1935

סורקאוו,

אלעקסעי אלעקסאנדראוויטש

(1899)

צו דיר

אין דעם אויוועלע טליעט נאך פלאם,
אויף די שייטלעך — דער פעך, ווי א טרער.
וועגן דיר און דיין שמייכל מיר שפילט
די הארמאשקע אין שטיבל פון ערד.

וועגן דיר האט געשעפטשעט דער קוסט
הינטער שטאט אין פארשנייעטן טאל.
כ׳וויל, פארנעמען זאלסטו דארט, מיין פריינט,
ווי עס בענקט דא מיין לעבעדיק קול.

דו ביזט איצט אזוי ווייט, אזוי ווייט,
צווישן אונדז — הויפנס שניי, הויפנס שניי.
דיך צו גרייכן ניט גרינג איז, ניט גרינג,
און צום טויט דא — א שפאן בלויז, צי צוויי.

שפיל, הארמאשקע, להכעיס דעם ווינט,
רוף-צוריק מיין פארווירט ביסל גליק.
אין דעם שטיבל פון ערד איז מיר היים
פון מיין ליבע, וואס ברענט, ווי א צוויק.

1941

ס׳האט א מענטש...

ס׳האט א מענטש געקוקט צום טייך אראפ,
מיטאמאל דערזען: ס׳איז גרוי זיין קאפ.
אלט געווען איז ער בלויז צוואנציק יאר —
און ער שווערט ביי זיינע גרויע האר:

יעדן איינעם, וואס אויף מזרח גייט,
אן רחמנות שלאגן ביז צום טויט.
ווער וועט וואגן זאגן צווישן פיינט,
אויב ער וועט אין שלאכטן גרויזאם זיין?

1941

פּראָקאָפּיעוו,
אַלעקסאַנדר אַנדרעיעוויטש
(1900)

מאָסקווע

אָ, מאָסקווע-שטאָט, דו — הייליקע מלוכה,
דיך בענטשנדיק און גלויבנדיק אין זיג,
לויט אונדזער חוב, לויט אונדזער רעכט — מיט ליבע
מיר גייען היינט אַרויס פאַר דיר אין קריג.

אַז ס'זאָל זיך רויכערן מיט ווייסער פּינע
פון קאַרשן-צווייט די פרילינגדיקע ערד,
אַז יובלען פריידיק איבער ווייטע שטרעקעס
די פעלדער רוסישע זאָל זיין באַשערט.

אַז ס'זאָל די זון זיך לעשן אינם טייכל
און שטערן שפּיגלען זאָלן זיך אין זומפּ,
אַז ס'זאָל די מאַמע קוקן דורך די דלאָניעס
אויף ברייטן וועג, באַלויכטענעם פון זון.

אַז ס'זאָלן שטומען אומעטום קאַנאָנען,
אַז אויפן טיש זאָל שטייען ברויט מיט זאַלץ,
אַז ס'זאָלן מענטשן אויפדאַסניי זיך פרייען
אויף אָט-דער ערד, וואָס מיט נצחון שטראַלט.

1944

רוסלאַנד

רוסלאַנד — אונדזער מוטערלאַנד,
באַרגיקע און טאָליקע.
רוסלאַנד — אונדזער מוטערלאַנד,
גרוויזאַם-שטאָלצע, שטאָליקע.

ווינגט זיך קוסט מיט ווייניפּערלעך
העלע, ווייסע פּייערלעך.
וועגן רוסלאַנד — מוטערלאַנד
לאָמיר זינגען, טייערע.

בלויע בלום, מיין קאָרנבלום,
לידער מיינע — ווינגלידער,
אוי, דו רוסלאַנד — מוטערלאַנד,
סאָסנעס — הויך-צעפליגלטע.

סאָסנעס — הויך-צעפליגלטע.
ווינטן בייז-צעפאַכעטע:
שיינע, יונגע מיידעלעך,
שטאָלצע, וואוילע בחורים.

גערטנער פול מיט קאַרשנבלים,
פלויגן אַפּגעקאַשיעטע,
און די צעפּלעך גאָלדענע
פון די מיידלעך פּשוטע.

אויף אַ צווייג דער נאַכטיגאַל
זינגט אויף ווייטן פעלדישע —
אויף פּאַגאָנעס *) — שטערנדלעך
ביי די זון די העלדישע.

1944

*) פּאַגאָנעס — עפּאָליעטן, שליפעס.

איסאַקאָווסקי

מיכאַיל וואַסיליעוויטש

(1900)

ווער ווייסט אים

שפאַנט אַ בחור'ל פאַרנאַכט־צו,
קוקט און נישטערט ביי מיין הויז,
גיט אַ ווינק מיר מיט די אויגן —
און ער רעדט קיין וואָרט ניט אויס.
ווער קען אים, ווער ווייסט אים,
און ווינקען ווער הייסט אים?

כ'קום אַרויס אויף דעם שפּאַציר־גאַנג,
טאַנצט ער, זינגט ער אָן אַ שיר,
ווען עס קומט די צייט זיך שיידן,
נעמט ער זיפצן ביי מיין טיר.
ווער קען אים, ווער ווייסט אים,
און זיפצן ווער הייסט אים?

פרעג איך: — „וואָס ביזטו פאַראומערט?
איז דאָס לעבן דיר ניט ליב?” —
— „כ'האָב מיין אָרעם האַרץ פאַרלוירן! — ”
ענטפערט בחור מיר פאַרטריבט.
ווער קען אים, ווער ווייסט אים,
פאַרלירן ווער הייסט אים?

נעכטן שיקט ער מיין צוויי בריוועלעך,
פול מיט סודות — לייען און שטוין:
וואו אַ טינטל, דאָרט אַ פינטל...
וואָס זיי מיינען — טרעף אַליין.
ווער קען אים, ווער ווייסט אים,
און מיינען ווער הייסט אים?

האָב איך ניט געקומען טרעפן —
האָף ניט מער און מער ניט וואָרט.
נאָר ס'האָט עפּעס זיך געצויגן
און געגאַנגט אַזוי מיין האַרץ.
ווער קען אים, ווער ווייסט אים,
און נאָגן ווער הייסט אים?

1938

די באַגלייטונג

די האַרמאָשקע מיר דערלאַנגט
מיט די גאָלד'נע פלאַנקעס. *)
פירט דער בחור אַפּ אהיים
ס'מיידל פון הוליאַנקע.

מ'איז געגאַנגען — האַנט אין האַנט —
בחור מיטן מיידל.
נאָר די סטעזשקע איז צו־קורץ —
דאַרף מען באַלד זיך שיידן.

אויסגעוואַקסן איז די שטוב,
און די פענצטער גריסן.
אוי, דו — סטעזשקע, ווארט נאָך צו,
צי זיך אויס אַ ביסל.

שטילער, שטילער מיך באַגלייט,
יונג מיט אויגן גרויע, —
ווייל זיך שיידן דאָ מיט דיר
כ'האָב נישט קיין הנאה.

די האַרמאָשקע מיר דערלאַנגט,
שפּיל איך ווענן ליידן.
פון הוליאַנקע פירט אהיים
בחור אַפּ דאָס מיידל.

מ'איז געגאַנגען — האַנט אין האַנט —
ביזן הויז דערגאַנגען —
און געקומען מ'איז צום טייך,
ביזן ברעג פאַרגאַנגען.

ס'האָט פאַרגעסן יונג דעם וועג,
זעלבן וועג, וואָס נעכטן.
מ'האָט געדאַרפט גאָר גיין אויף לינקס,
מ'איז אַוועק אויף רעכטס גאָר.

לויפט דאָס טייכל ווייט אַוועק,
יאָגט זיך שטיל און גלאַטיק.
זאָג, וואָס האָסטו, ניקאָלאַי,
דאָ צעטאָן מיט קאַטיאַ'ן?

---

*) פלאַנקעס — דינע ברעטלעך, פון וועלכע די האַרמאָשקע ווערט צונויפגעשטעלט.

קאַטיאַ׳ס קומען שפּעט אַהיים
איז שוין גאָר קיין נחת.
און די פּיס — זיי ווילן נישט
צ׳ריקגיין אויף להכעיס.

ווילן פּיס נישט גיין צוריק,
פּיסלעך יונגע, ווילדע.
אוי, האַרמאַשקעלע, דו מיין,
פּלאַנקעס, איר באַגילדטע.

1936

אַ ליד

איבער טוויאיק־פּיִיכטן פעלד,
איבער קרום־געדרייטע קאַנטן
אַפּגעפירט האָט מיך אַהיים
פון אַן אָונט אַ באַקאַנטער.

ביי דעם הויז ער קוקט זיך אום
און ער זאָגט אַזוי דערהויבן:
— „כוואָלט געגעבן אייך אַ קוש,
ווען איר וואָלט עס מיר דערלויבן!"

אַפּגעענטפערט האָב איך אים:
אַז, אוודאי, כ׳בין דאַגעגן,
אַז אַזוינס כ׳האָב קיינעם נישט
ניט דערלויבט זיך צו דערוועגן.

ווערט דאָ טרויעריק דער יונג,
זעגנט זיך אין טיפן פלעפן:
הייסט עס — ער געפעלט מיר נישט,
הייסט עס — בעסער זיך ניט טרעפן.

קוק איך אין די אויגן אים:
אויב אַזוי, צואוואָס די בושה?
זאָג איך: „בחור, גוט — דו מעגסט
אַן דערלויבעניש מיך קושן." —

1946

נאלאדני (עפּשטיין)

מיכאאיל סעמיאנאוויטש

(1949 — 1903)

זשעליעזניאק *)

אין סטעפּ ביי כערסאן וואקסן הויך גרינע גראזן,
אין סטעפּ ביי כערסאן — א קורגאן. **)
און אונטער קורגאן ליגט, פון רום א פארווייטער,
מאטראז זשעליעזניאק — פארטיזאן.

געגאן איוף אדעס, נאר פארכאפּט איז אין פאסטקע
אטריאד ***) ביי כערסאן, ווי אין פּענט.
פאטראנען בלויז פיר, א האלב-כרויט אויף א מענטשן,
און לעצטע גראנאטן בלויז צען.

—"נו, חברה, — געזאגט צו די יאטן געטרייע
מאטראז זשעליעזניאק האט מיט האסט:
—"מיט שפּיז און גראנאט רייסט-ארויס זיך פון פאסטקע,
א צענדליק גראנאטן — ז'קיין שפּאס!" —

האט חברה געענטפערט: — "כערסאן פאר די אויגן —
מיר וועלן זיך שלאגן געשמאק!" —
עס זיינען די יאטן ארויס פון דער פאסטקע —
געבליבן אין סטעפּ זשעליעזניאק.

1935

דער פארטיזאן גראטש און זיין אדיוטאנט פריימאן

פריימאן רעדט צו גראטש'ן היים:
—"ס'איז אין פערד ביי אונדז א דוחק.
כ'האב א פּלאן, באטראכט מיט שכל,
נישט געקאכט זיך, הער מיך אוים:

—„דא נישט ווייט איז א זאוואד
ביי א פּריצל — א גנידע,
פערדלעך האט ער, ווי געוויטערס.
נעם איך מיט א פּוליעמיאט,
פון אטריאד דא — בלויז א דריטל.
קום איך ניט אין צייט — באגראב!
דרייסיק טעג — א קויל אין קאפּ!" —

*) זשעליעזניאק — באריםטער העלד פון בירגער-קריג.
**) קורגאן — א בארג.
***) אטריאד — אן אפּטיילונג פון פארטיזאנער

טראַכט זיך גראַטש: — „ס'איז ווערט דער לוין:
שלאָג זיי, גרישאַ — ניט געשווינט!"

טאָג — ניטאָ דער אַדיוטאַנט,
צוויי — ניטאָ דער אַדיוטאַנט,
דריי — ניטאָ דער אַדיוטאַנט —
דער אַטריאַד — אָן פּראָוויאַנט.
ביי אַדעס שטייט די אַנטאַנטע, *)
און פון הינטן שפּאַרט אַ באַנדע.
טראַכט זיך גראַטש: — „ס'איז ווערט דער לוין:
שלאָג זיי, גרישאַ — ניט געשווינט!"

פּלוצים אין דער נאַכט זיך הערט
קלאַפּ פון קאָפּיטעס אויף שליאַכן:
פריימאַן טרייבט טאַבונען פערד —
און דאָס פּנים שיינט פון נחת:
—"זיי געגריסט מיר, חבר גראַטש!"
—"זיי געגריסט מיר, חבר נאַטש! **)
נעם דיר צו די פערדלעך, ליבער,
גיב אַ קוילעטש — נאָך און נאָך —
און אַ גרויסע קאַשע קאָך.
גאַנץ איז דער אַטריאַד געבליבן,
ניט געגעסן שוין אַ וואָך." —

ענטפערט גראַטש: — „ס'איז ווערט דער לוין:
דרייסיק טעג — און ניט געשווינט!" —

1935

סוועטלאָוו,

מיכאַאיל אַרקאַדיעוויטש

(1903)

לידער וועגן רבין

.1

אין האַלב-טונקעלער הלויז
האָט דער ווינט פאַרלאָשן די ליכט,
דערשטיקט די שיין פון די אויגן.
דער פּראָפיל פון מיין רבין שווארצט זיך דאָ קוים,
מיט אַש פאַרצויגן.

---

*) אַנטאַנטע — אַליאירטע שונאים פון סאָוועטנפאַרבאַנד.
**) נאַטש — נאַטשאַלניק, הויפּט פון אַרמיי.

די שטילקײט שטײט אויף דער וואַך בײַ דער טיר.
אין דער שפּעטער אַשמורה
קומט מער אַהער ניט, װי פֿריער, קײן איד
צו בענקען בײַם צופֿוסנס פֿון דער תּורה.

די שויבן מיט רויטס האָט די שקיעה באַשפּריצט
און דעם קאָפּ פֿון מײַן רבי'ן באַזילבערט.
אויף די דאַװנער לאַנג און אומזיסט
װאַרטן די בענקלעך, די טריבע.

ס'איז פֿינצטער און שטיל. דער רבי שפּאַנט-אוס, װי אַ זיפֿץ,
װי פֿון קלויז — דער לעבעדיקער װײטיק.
ס'איז טונקל די שװעל. און די שטילקײט װאַכט
אויפֿן שװעל, װי אַ טויטע.

דעם רבי'ן װילט זיך שוין לאַנג
אין אַ תּפֿילה באַהאַלטן די בענקשאַפֿט.
דאָס אַלטע האַרץ איז קראַנק מיט אידישן אַנגסט,
דאָס אַלטע האַרץ איז קראַנק מיט אידישער קרענקשאַפֿט.

עס פֿאַרשטומט דאָס ליכט אין באַגילדעטער ליוסטרע.
ס'װעט שוין קײנער נישט קומען דאָ לערנען ש"ס.
ס'איז שטיל אין דער גרויסער קלויז און פּוסט דאָ —
שאַ!

.2

װאָס דאַרף ער, דער רבי? אַ כּזית ברויט.
(צופֿיל איז בײַ אים אַן עבֿירה!)
אַבי דער טאָג אין פֿרידן פֿאַרגײט —
איז אַ דאַנק און אַ לויב דעם בורא.

ער זעצט זיך צום תּלמוד, אַלט און בלײך,
און זוכט דעם אמת אין „תּנו רבנן".
אויף יענער זײַט פֿענצטער זאָלן שרײַען הויך
הונדערט קאַנאָנען.

און װען עס װעט אונדזער לעצטע שלאַכט
זיך אויף װעגן אויף גלײַכע צװײגן,
אונטער װאַנט געקראַכטער פֿון קלויז — אויף דער װאַך
װעט דער רבי אַ טויטער ליגן.

1923

אוטקין,
יאָסיף פּאַוולאָוויטש
(1944 — 1903)

מאָטעלע — דער שניידעריונג

(אַ מעשה וועגן דעם רויטן מאָטעלע, דעם הער אינספּעקטאָר,
דעם רב ישעיה און דעם קאָמיסאַר בלאָך)

קאַפּיטל 1: פֿאַרן צאַר און אַביסל שפּעטער

געפּראַצעט דער זיידע, דער פֿאָטער.
מיט וואָס איז ער בעסער פֿון זיי?
האָט דער קליינער רויטער מאָטעלע
געאַרבעט פֿאַר צוויי.

ס'האָט גענאַרט אים דאָס לעבן — די מערדערקע.
(נאָר דער טרוים אין זיין האַרצן העלט!)
אין חדר געוואָלט האָט ער לערנען זיך —
און געוואָרן אַ שניידער-געזעל.

איז וואָס-זשע? צעווייגען גלאָט זיך?
ניין איז ניין! און געטרענט די נעט.
האָט ער ווידער געלייגט צען לאַטעס
אויפֿן איינציקן זשילעט.

(וואָס איז אמת און אַלט, ווי זשאַווער,
נאָר אויך ס'אַלטע פֿאַרשווייגט מען נישט!)
ס'האָט מאָטעלע פֿרייטאָג געדאַוונט
און שבת געגעסן פֿיש.

געלעבט אַמאָל

וויפֿל שוין הייזער פֿאַרבייגעגאַן,
וויפֿיל שוין לענדער — זיין שטאָט.
יעדע הויז — אַ היימלאַנד, אַן אייגענע,
אַן אייגענער ים.

אונטער יעטווידן דעכל קאָפּוירן,
וואָס איז אַלט און שוואַך, ווי אַ גרייז,
פֿאַראַן איז אַן אייגענער גורל,
אייגן גליק און אייגענע מייז.

און זעלטן גאָר קען עס פּאַסירן:
צוויי מייז אין דערזעלבער צעל.
נייט מאָטל זשילעטן פֿאַר גבירים,
דער אינספּעקטאָר טראָגט אַ פֿאָרטפּעל.

אין שטאָט יעדער ווייסט די פּיינען
פון דעם פינצטערן שניידערשן גליק.
ביים אינספּעקטאָר א באָרד איז א פּיינע
און א ווייבל א שיינס — אַן אַנטיק.

דאָס גליק איז א זאַך א בלינדע,
פאַרשיידן אין יעדער נעסט:
מאַטעלע טרוימט פון א הינדל,
דער אינספּעקטאָר דאָס הינדל עסט.

דאָס גליק איז שפּילעווּדיק־שפּאַטיש,
גיי כאַפּ עס — דאָס גאָלדענע עוף.
אין ריזוועץ'ן פאַרליבט איז מאַטל,
נאָר ריזוועץ'ס טאַטע ז'א רב.

זאָגט דער רב: „אודאי, מהיכא־תיתי,
ווי אין פּסוק שטייט: פּרו ורבו.
נאָר זי דאַרף דאָך א מזל א גרויסן
און א מויער א גרויסן דערצו"‏.—

וואַיעט ס'הארץ ביי מאַטלען און שליידערט זיך,
וואַיעט, ווי א פאַראָוואָז.
אַלץ, וואָס איז גרויס ביי דעם שניידעריונג,
איז עס זיין גרויסע נאָז.

איז וואָס־זשע? צעווייינען גלאָט זיך?
ניין איז ניין! און געטרענט די נעט.
און ווידער לייגט מאַטל לאַטעס
אויף די הויזן און איפּן זשילעט.

יאָ, אונטער יעדן דעכל קאַפּוירן,
וואָס איז אַלט און שוואַך, ווי א גרייז,
פאַראַן איז אַן אייגענער גורל,
אייגן גליק און אייגענע מייז.

ווי ס'זאָל דיך דאָס לעבן נישט צאַמען,
מער־ווייניקער קריגט יעדער צד.
האָט מאַטל אַן אַלטע מאַמע,
א אידישע מאַמע געהאַט.

געליבט פון איר גאַנצן געזינדל,
(וועגן דעם רעדט מען דען נאָך!)
האָט זי גוט געבוירן קינדער
און צימעס גוט געקאָכט.

גערענקט א יאָריק יאָטל האָט ער
און א האַלב־יאָריקע, צוויי, צי דריי.
נאָר געוואוינט האָט אין קעשעניעוו מאָטל,
וואו ס'איז דאָ א סך פּאָליציי.

וואו תפילות און קלאַנג פון גלעקער
לויבן דעם צאר יאָר נאָך יאָר,
וואו עס וואוינט דער הער אינספּעקטאָר,
דער — מיט דער שיינער באָרד.

צו ריידן איז שווער וועגן תהומען,
ווען עס שטייט דיר דער תהום ביי די ציין.
געווען זענען בלויז צוויי פראַגראָמען,
און א יתום איז מאָטל — און שוין.

איז וואָס־זשע? צעוויינען גלאָט זיך?
ניין איז ניין! און געטרענט די נעט!
האָט ער ווידער געלייגט די לאַטעס
אנשטאָט הויזן — אויף דעם זשילעט.

און די טעג זיינען גלאָט זיך געגאַנגען
אן א טאָלק אין דער הימלישער הויך.
ווי קנעפּלעך, זיינען שטערן געהאַנגען,
און די לבנה — די יאַרמעלקע — אויך.

איז דער שטילקייט, דער קאַרגער, וואו ס'קריכן
די מייז אום אין שרעק פון באַשייד,
האָט עמיצן עמיץ תכריכים
גענייט.

מיט וועמען ס'האָט צו טאָן...

דער טאָג איז געווען אזא יונגער,
אזא העלער, ווי ליכטיקער זשאַר.
מ'האָט צום ערשטן מאָל דאָן געזונגען
אין קעשעניעוו — ניט וועגן צאַר.

אזעלכע טעג זיינען ווינציק,
א טאָג — אזא גרינגער, ווי פּוך.
יענעם טאָג האָט דער רב נישט באַגינציקט
צו קומען אין שול אויף באַזוך.

איר, הויזן, זשילעטן, פרייט זיך,
לאַכט מיט מיר אַלע איצט:
דער הער פּאָליצמייסטער
אַליין אין תפיסה זיצט.

דאָס איז דאָך, מײן גאָט, דאַכט זיך מיר,
גאַנץ פּשוט און פּראָסט אַ שאַנד.
נאָר פאַרוואָס, פאַרוואָס לאַכט שוין ניט
דער הער פּאָליציאַנט?

ס'האָט עליע דער שוסטער אַ שאָט געטאָן
מיט אַ וואָרט, ווי אַ ליכטיקער ציר:
— „ס'האָט מיט גאָט ניט צו־טאָן דאָ, מאָטל,
ס'האָט צו־טאָן דאָ מיט דיר און מיט מיר!" —

און די טעג, זײ זידן,
עס רעשט דער המון.
און עס שפּאַרן זיך אידן:
„יאָ"!, אָדער „נײן?" —

ספקות און גלויבן —
אַ רעש, אַ יריד:
— טראָצקי'ן — דערלויבן,
לענינ'ען — ניט!

אַזוינע קלוגע און קלאָרע
ווערטער — אַ פולער טאָפּ.
און אַ שול איז געוואָרן
פון יעדן קאָפּ.

בלויז צרות און שלעק און שרעקן
איז געבליבן פון דער אַלטער וועלט.
— „נײן!" — האָט געזאָגט דער אינספּעקטאָר,
— „יאָ!" — דער שנײדער־געזעל.

און די טעג זײנען גלאַט זיך געגאַנגען
אַן אַ טאָלק אין דער הימלישער הויך.
ווי קנעפּלעך, זײנען שטערן געהאַנגען,
און די לבנה — די יאַרמעלקע — אויך.

אין דער שטיל האָט געבילט פון רציחה
אַ פאַרבלוטיקטער הונט אויף אַ קײט.
און עמיץ האָט גוטע תכריכים
ניקאָלאַיען אויפגענײט.

דער טאָג איז געווען אַזאַ יונגער,
אַזאַ העלער, ווי ליכטיקער זשאַר.
מ'האָט צום ערשטן מאָל דאַן געזונגען
אין קעשעניעוו — ניט וועגן צאַר.

קאפיטל 2: קעשעניעווער נסים

ערשטער נס

עס קאכט זיך מ ע ד , די זיצערקע,
ניט נאר זי — די גאנצע ריי:
צום וואקזאל, איבער גאסן בליציקע
אן אטריאד איז פארביי.

נאר ניט דאס, ניין, ניט דאס איז די נאווינע,
דער עיקר אין גאנצן קאך:
אין אטריאד — מיט א מ ג ן ־ ד ו ד *)
פאראוים שפאנט מ א ט ק ע ב ל א ך .

ער שפאנט איבער גאסן בליציקע,
אויף פאראד, ווי א גענעראל.
און עס קאכט זיך מ ע ד , די זיצערקע,
און די גאנצע ריי ביים וואקזאל.

צווייטער נס

ס'איז יעדן אין אונדזער יארהונדערט,
מיט וואסער ארשין ניט מעסט,
געגעבן א וועג א באזונדערער,
א באזונדער פארמעסט.

און עס טאפטשעט אזוי זיך פאמעלעך,
דורך רעגן און בלאטע און שניי,
ווער לאנגזאם, ווער גיך און ווער שנעלער
דער מענטש איבער לעבנס־אליי.

א ליכטיקער דרך געצייכנט
ניט יעדן איז דא אויף דער ערד.
א פוס קען זיך איינער צעברעכן,
דער צווייטער — גאר פארקערט.

פייפט דער ווינט איבער גאסן מוראדיק,
מיט בראך פונם רב זיך באהעפט.
עס דאוונט דער רב פון דער תורה,
דער רב לויט דער תורה טרעפט.

פון טלית צעדריוולטע בענדלעך
ער צופט אין גרויסן בראך:

---

*) מגן־דוד — די שונאים פון דער רעוואלוציע האבן בכיון א נאמען גע־געבן דעם פינף־קאנטיקן רויטן שטערן — „דער מגן־דוד".

— „ווען וועט זיך שוין, גאָט, דאָס ענדיקן?
און וויפל געבליבן איז נאָך!" —

די שאָטנס פון ליכטל כסדר
וואַקסן — און גליווערן באַלד.
און ס'דוכט זיך: דעם רבינ'ס חדר
זעט אויס, ווי אַ קאַטאַפאַלק. **)

— ס'איז ממש אַ שטראָף פון אויבן —
האָט איר ווען געהערט אַזוינס?
חיים בעז וויל זיך דערלויבן
ניט מל-זיין דעם זון — און שוין!

ס'איז דער ערשטער פאַל אין קעשעניעוו.
ווי געפעלט אייך אַזאַ מין מרוק?
ער זאָגט: — „רב ישעיה, אפשר שוין
גענוג זאָל זיין בלוט, גענוג!" —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַראַן גענוג שליאַכישע קנוילן,
וויפל אויגן אונטער דער זון.
און פון אונדז צום רבונו של עולם,
ווי פון רבונו של עולם צו אונדז...

נאָך אַלץ וועגן ערשטן נס

אַך, ווי גיך זיי לויפן, יאָגן זיך
אַט-די שעה'ן שנעל און שנעל,
ווי ביים האַרצן פלאַגן, נאָגן זיי,
ווי זיי פייניקן די זעל!

שאַ, הערט יאָגט אייך דען, פאַרשייטע איר?
שטעלט זיך אָפּ אַ ווייל אין וועג!
גאָר די שעה'ן, ווי אַ רייט-אַרמיי,
פליען, פליען אַלץ אוועק.

און די רייען מענטשן רוקן זיך,
אַכציען, קרעכצן מיט פאַרדראָס:
— פאַרוואָס גיט מען אונדז קיין צוקער ניט?
צוקער גיט מען ניט פאַרוואָס?

— זיי פוילן דאָרט, די מלכים,
קיין צייט צו שפּאָרן נישטאָ.
אויף לעגינען אַזאַ מערכה,
אַזאַ לעבן, ווי אונדזערס — דאָ.

**) קאַטאַפאַלק — אַ מיטה.

—"וואס שטייט איר און וואונדערט זיך, סארא,
וואס האט איר דערוואַרט דערפון?
אז עס זיצט דאָרט אַ קאַמיסאַרל,
עפּעס אַ שניידעריונג!

—"באַדאַרפט וואָלט ער העמדער נייען,
איז ער גאָר אַ קאַמיסאַר!"
רוקן זיך מענטשן אין רייען,
קרעכצן און ריידן מיט זשאַר.

דריטער נס

אָט־די טעג זיינען מערקווירדיק־קלוגע,
צדיקים — נישט קיין טעג!
זיי האָבן די גאָלדענע קודלעס
פאַרוואַנדלט אין זילבער־עק.

נייעס פאַראַן יעדן מאָנאַט,
אַרויסצוריידן — אַ שרעק:
דעם אינספּעקטאָרס ווייב — אַ סכנה! —
נישט זיבן, נאָר פינף שוין וועגט.

און מאָטל? — לאַכט נישט, חברים,
ער איז שוין מער נישט קיין פּליאַק:
די פּאות שוין אָפּגעשוירן
און אַרונטער דעם לייבצודאַק.

ער איז ממש ווי ניי־געבאָרן.
(פאַרזוכט שוין אַ בעסערן זופּ!)
און ווערטער ער נוצט: „מיטן קאַריען!"
און „צום תוך!", „ביזן סאַמע קנופּ!".

נייעס פאַראַן יעדן מאָנאַט,
אַרויסצוריידן — אַ שרעק!
דעם אינספּעקטאָרס ווייב — אַ סכנה!—
ניט זיבן, נאָר פינף שוין וועגט.

אָן פּודער איז לאַנג שוין איר נעזל,
און די אייגעלעך — פייער קיין לעק.
אָט־די טעג זיינען קלוגע וועזנס,
צדיקים — ניט קיין טעג.

פאַראַן פיל וועגן און שטויבן,
נאָר עס פעלן וועגן און טריט.
אויב דאָ איז „דאַנקן און לויבן!",
איז ערגעץ „גאָט באַהיט!"

דער ווינט שטילט זיך איין ביי די פּלויטן,
הערט זיך צו, ווי די צייט קריכט.
דער אינספּעקטאָר טוט תּפילה מיט ווייטיק
וועגן אַנדערע, ניט וועגן זיך.

עס פּליסטערט זיין תּפילה רואיק,
אַ קרעכץ און אַ זיפץ און אַן אַך:
—"מיין ווייבל גיב, גאָט, אַ רפואה,
אַ כאַראָבע גיב מ אַ ט ק ע ב ל אַ ך!

—"גיב, גאָט, אונדזער ליכטיקער רעטער,
(אַ, פאָטער אין הימל, ניט שטראָף!)
אַז ברענגען זאָלן אַלע סאָוועטן,
צו דעפּוטאַטן מאַך אַ סוף!

—"פאַרבייט דעם ווינטער אויף זומער
און אַלץ, וואָס איז פאַלש אַרום.
גיב, גאָט, די ישועה זאָל קומען,
אַ, פאָטער, גלייך-אויס וואָס ס׳איז קרום!" —

אַ נס פון ניט-קעשעניעווער מאַסשטאַב

צו-שנעל און צו-רעשיק געבוירן
פון די יאָרן אַט-די דער געשריי.
ניט געוואוסט האָט, ווייזט אויס, די תּורה,
און דער רב ניט געוואוסט האָט פון זיי.

ווער האָט טראַכטן אַזוינס גאָר געקאָנט דען
און גלויבן אַזוינס שוין, ווער רעדט?
ס׳האָבן טירן און מייז זיך צעפּלאָנטערט
זיך צעפּלאָנטערט פון וועגן די נעט.

ביז דעם הונדערטסטן דור — און ווייטער
(ניט געוואוסט האָט עס נח געוויס!)
איז שעמעוודיק ס׳גליק פונ׳ם שניידער,
נאָר דער שניידער ניט שעמעוודיק איז.

דער רעש איז אי קלוג, אי פּילשטראַמיק.
האָט געטראַכט ווען אינספּעקטאָר באַבראָוו,
אַז ס׳וועט קומען אַ צייט: אַן פּאָגראָמען
וועט באַגיין זיך די שטאָט קישיניאָוו?

ווער האָט טראַכטן אַזוינס גאָר געקאָנט דען
און גלויבן אַזוינס שוין — ווער רעדט?
ס׳האָבן טירן און מייז זיך צעפּלאָנטערט,
זיך צעפּלאָנטערט פון וועגן די נעט.

קאַפּיטל 3: נייע צייטן — נייע לידער

אַ בית־מדרש ליד

אין בית־מדרש
רעש און שום.
קולות קלינגען,
גוואלד!
רעש און שום.
אַלע אידן
זאָגט רב אַברהם:
אין די ווינקלען:
אל שדי!
ש־שאַ!
ענטפערן אידן:
ש־שו!
—אַ בראך!
זאָגט רב אברהם:
טרעט אַרויס דאַ רב אברהם.
—אוודאי!
אין בית־מדרש
ענטפערן אידן:
—אַך!

און דער רב איז געזעסן, געציטערט
און געהאַלטן אין קרעכצן און אַכן.
און פּלוצים אַ זאָג־געטאָן: — „ביטער!”—
און דערמאָנט זיך אָן ב ל אַ כ ן .

כמעט אַ חתונה־ליד

דעם שוואָן חלומט זיך אַסיען,
דאָס גרינס פון טייכן־געדרויש.
ווער ס'האָט אַ הינדל געגעסן,
וויל שוין ניט עסן קיין פלייש.

דער רב, רב ישעיה, קיין עין הרע,
אַזוי קלוג איז ער, אַזוי קלוג:
אויף אויסווייניק די גאַנצע גמרא
ווייסט ער אויפן ערשטן קוק.

נאָר זען זעט ער אוים — הויט און קנאָכן,
נו— ממש אַ העכט אין ספּירט:
—"איך דאַרף צום קאָמיסאַר, צו בלאָכן!" —
מען האָט אים אַריינגעפירט.

—וואו טוט מען זיך, גאָט, אַהין דאָ?
—וואָס האָט ער עס גאָר געדאַרפט?
—"איך האָב דאַ צו אייך אַן ענין,
חבר קאָמיסאַר!

—"עס פירט זיך: ביי יעדן אידן
אַ טאָכטער, צי צוויי איז פאַראַן,
און ס'איז אויך ביי אונדז אַ מידה
פאַר דער טאָכטער צו קריגן אַ מאַן.

—"נו, און איר זייט א מאַנצביל אַ שיינער,
אָן איידעם — גאָר אָן אַנטיק?
און מיין ריווע האָט טויזנט חנ'ען —
און זאָל עס אייך זיין מיט גליק!

—"פאַר אַ טאַטן פּאַסט ניט צו לויבן
זיין טאָכטער, זיין אייגן קינד.
נאָר איר מעגט אויף נאמנות מיר גלויבן:
אַ בתולה איז זי ביז אַצינד!" —

ווייסע סאַזשע, ווייסע,
מאַיאָווער פּראָסט!
און עס דוכט זיך דעם רב בעת מעשה,
אַז ביי בלאָכן איז קירצער די נאָז!?

דאָס ליד פון „לויפנדיקע עסקים"

אַך, ווי גיך עס לויפן, יאָגן זיך,
אָט־די שעה'ן — שנעלער, שנעל,
ווי ביים הארצן פלאָגן, נאָגן זיי,
ווי זיי פייניקן די זעל!

שאַ, ווער יאָגט אייך דען, פאַרשייטע איר?
שטעלט זיך אָפּ אַ ווייל אין וועג!
נאָר די שעה'ן, ווי אַ רייט־אַרמיי,
פליען, פליען אַלץ אַוועק.

געווען איז אַ טאָג... אויפן הימל צעברויזטן
האָט אַ דונער געקנאַלט פון קאַיאָר.
די זיצערקע מ ע ד האָט געזען אַרויסגיין
דעם אינספּעקטאָר פון הויז אָן אַ באָרד.

— „זיך אָפּגעגאָלט," — האָט זי געהעשעט, —
אויף נאמנות — פאַרביי בין איך גראָד". —
און געשטוינט האָבן אַלע אין קעשעניעוו,
די גאַנצע שטאָט.

עס קאָנען אויך ווײנען כלבים,
וויינען — ווי ס'וויינען מיר:
אַנו, פאַרקלעמט אין אַ נאָווינע
אַ לאַפּע דעם הונט ביי דער טיר!

יאָ, ס'פּאַסירט: עס צעוויינט זיך אַ כלב,
ווער רעדט נאָך אַ מענטשנ'ס אויג!
און געפלאָסן זיינען טרערן העלע,
געזאַלצן און ביטער, ווי לויג.

דאס אויג דארף די טרערן שפארן,
און דער מענטש האט געזאגט: — נו!" —
דער אינספעקטאר האט אלץ שוין פארלארן:
די בארד און דאס ווייב און די רו.

כאטש דאס ווייב — פון דעם גאנצן געזינדל —
ניט איינגאנצן פון אים איז אוועק.
נאר זיין קאטיא איז אנאנדער שוין הינדל,
א הינדל אן אן עק.

דאס גליק איז א מענטש א צעדולטער,
א פריילעכער לץ איז דאס גליק.
געווארט האט ער לאנג און געדולדיק:
— מסתם וועט זי קומען צוריק.

נאר אויף דער קרירה א נאקעטן
ווארעמט ניט לאנג דער רויך,
האט ער אראפגעלאזט טאקע
דעם קאפ און די בארד זיינע אויך.

שטיל און באשיידן און ליידנדיק,
צעקוועטשט, ווי פלוי אונטער טלא,
איז אוועק דער אינספעקטאר צום שניידעריונג
און געזאגט צו אים: — „יא!" —

א טישל, א קליינס, א קאסאקע.
(געווען דא א פיסל א רעכטס!)
גאנצע פעק מיט „לויפנדע עסקים".
דער אינספעקטאר זיצט דא און „שטעכט".

ס'איז שווער דער וועג פון מארטירער:
ערנסטע ווערטער — אן א סוף,
אזויפיל „סעריאזנע" פאפירן —
און אויף יעדן: „בלאך" און „באבראוו".

קאנטראלן, קאמיסיעס לאקערן
אי פון לינקס, אי פון רעכטס...
גאנצע פעק מיט „לויפיקע עסקים"
דער אינספעקטאר זיצט און „שטעכט".

און ס'חלומ'ען אים זיך דורך גרוילן
גאלדענע ליכטיקע טעג:
זיך אריבערצופעקלען קיין פוילן,
אבי ניט אין טורמע אוועק.

וועגן קונצן אין אַלגעמיין

וואָס הייסט? וואָס הייסט אַ מענטש פאַרלאַנגט?
דאָ גילט ניט מער דעם מענטשנ׳ס שכל.
מיר אַלע ווילן שוין פונלאַנג
די טייכן גאָלדענע דערגרייכן.

נאָך צוקער לעכצט אַמאָל די צונג —
און ס׳קומט אַרוים גאָר עפּעס אַנדערש.
אַ מענטש וויל לאַכן, פריש און יונג,
און זע: ער וויינט זיך גאָר פאַנאַנדער.

ווען ס׳לעבן וויל... די צייט איז ניי,
דאָס פרעסל ניי און ניי די דעכער.
און ס׳ווערט דערזעלבער מענטש שוין פריי
און אויף אַ גאַנצן קאָפּ שוין העכער.

די נעסט דעם פויגל וויכטיק איז,
אין יעדן לאַך די זון טוט שיינען.
און מאָטעלע זיצט „פון" און „ביז"
אין בייזן קאַבינעט אין זיינעם.

ער איז דער ערשטער מענטש אין שטאָט:
ניטאָ פון שפלות מער קיין זכר.
וואו איז די קונץ? ניט פרעג — אַ סוד!
אַ נייע צייט — און נייע דעכער.

אַ. אַ. די צייט פון פרייד און לייד,
זי דרייט די וועלט מיט אַלטע סקאַרבן.
אויב ס׳איז פאַר נייע רייף די צייט,
איז פאַר די אַלטע צייט צו שטאַרבן!

אַ לויה־ליד

אַ חדר... שטיל... שטוביק...
דער אָוונט אין בלויקייט זיך צינדט.
אַ וועקזייגער דרינדשזעט אייביק:
דין... דין... דין...

שעה פון גסיסה קומט פּאַמעלעך.
שטילער, שטילער — ניט צו האַרכן.
און דאָס גליק פאַרשווינדט אַלץ שנעלער
מיט די מייז און מיט די פּאַרכטן.

ס׳בײט זיך ניט די לייד דעם מענטשנס,
ראַסט אויף פסח׳דיקן טשאַיניק.
און ס׳פאַרטראַכטן זיך די ווענט שוין,
און אַ שטילשווייג — פול מיט פיינען.

האַלב־נאַכט. ווינט שאַרט שניי אין מיצן
מיט די ווייסע הענט די בייזע.
און מ׳דאַרף שוין מער ניט איצטער
ניט קיין תלמוד, ניט קיין הויזן.

שטיל. דער טונקל הענגט, ווי בלייען:
ניט קיין אָונט־ברויט, קיין תפילה.
ס׳וועט שוין אַנדערש, רב ישעיה.
דינען דיר דער טיש, במחילה.

און דערנאָך — אין נייע וועלטן:
אין גן־עדן, איז אַ סברה.
שטיל. די ליכטלעך צאַנקען, וועלקען.
און עס כליפּעט ס׳ווייב זיינס שרה.

אַ. אַ. די צייט פון פרייד און לייד,
זי דרייט די וועלט מיט אַלטע סקאַרבן:
אויב ס׳איז פאַר נייע רייף די צייט,
איז פאַר די אַלטע צייט צו שטאַרבן!
אויב ס׳איז פאַר נייע רייף די צייט,
איז פאַר די אַלטע, הייסט עס, פאַרטיק!...

אַ נאַכוואָרט

ביז קראָקע איז פערציק... ביז וואַרשע איז פערציק —
און ס׳ציט זיך צו זיי אַ שנור.
נאָר נענטער צו מענטשלעכע הערצער
איז די אייגענע שטאָט פון געבורט.

קאָן אַ פּאַלאַץ פאַרבייטן ס׳געמיינע
קליינע הייזל מיט פאַרריכטן דאַך,
וואו געהילכט האָבן ערשטע געוויינען,
וואו געטרוישט האָט דער ערשטער לאַך?

וואָס דאַרף מען דאָ מער דערציילן?
יעדן איינעם — זיין אייגענע וועלט:
דעם אינספּעקטאָר איז נויטיק פּוילן,
און רוסלאַנד — דעם שניידער־געזעל.

שױן װיפל געליטן — אָן אימה!
װיפל לײדן װעט נאָך זײַן באַשערט!
טײַערע, ליכטיקע הײמלאַנד,
אײגענע, פרײַע ערד!

גאָלד איז ערגער פון בלאָטע,
װען עס ליגט אין הענט ניט־געהעריקע:
ניט אָװעק פונדאַנען װעט מאַטל,
איז ניט אין קאָמיסאַרן־שטאַנד,

ניט אומזיסט האָט אין טאַקט ער געשפּאַנט
מיט אונדזער יאָרהונדערט פון פּחדים:
איז ני טאָין קאָמיסאַרן־שטאַנד,
געװגוג — װי אַ פּראָסטער בן־אָדם.

אָן גאַלאָפּ און אָן ברױזיקע טאַטן
דערגײן קאָן מען אױך צו ניסים.
און מ אָ ט ל װעט װײַטער דאָ לאָזן
אונדזערע נײַע ריסן.

טײַערע, ליכטיקע הײמלאַנד!
אײגענע, פרײַע ערד!
שױן װיפל געליטן — אָן אימה!
און װיפל נאָך לײדן באַשערט!

1925

זשאַראָוו,

אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש

(1904)

צוויי זינגער

געזען כ'האָב ביינאַכט אין מיין חלום:
ווי זינגער הויכשטימיקע צוויי
באַגעגנט זיך האָבן ביים ברונעם,
דערציילן פון הארצן דעם וויי.

ס'האָט אונטער באַנדורע און ציטרע
געהילכט זייער סומנע געזאַנג,
און ס'האָבן צוויי ווערבעס פּאַרזאָרגטע
געדרימלט אין סטרוניקן קלאַנג.

פון טרויערס פון זוויבערע טרערן,
פון היימלאַנדס אַמאָליקן וויי
געקלונגען מיט גליק האָבן סטרונעס
אויף שפּראַכן באַזונדערע צוויי.

ס'האָט איינער אויף פּראָסטן אוקראַיניש
פּאַרצויגן זיין קרעפּטיקע שטים,
געגענטפערט דער צווייטער אויף רוסיש
מיט לידער מיט הייסע האָט אים.

און ס'האָבן די צערטלעכע ווערטער
געשוועבט אין דעם נאַכטיקן רוים,
ווי לידער פון פרייע צוויי הערצער,
פּאַרברידערט אין ליכטיקן טרוים.

געגליט האָט ביז שעה פון באַגינען
פון הערצער פון צוויי דער עקסטאַז:
ס'איז איינער — מיקאָלאַ ניעקראַסאָוו,
דער צווייטער — שעווטשענקאָ טאַראַס.

1925

ווייסע בעריאָזע

ווייסינקע בעריאָזע, רויט-באַגילדטע בלעטער
קלינגענדיק צעשיטן זיך, פליען אויפן ווינט.
מיידעלעך קאָלכאָזישע זינגען יונגע לידער,
איבער פעלד צעקלינגען זיך געשווינד.

איבער פעלדער פרייע מיידעלעך שפּאַצירן,
יום-טוב'ן דעם שניט-טאָג, ליכטיקן ווי מאָן.
מיידעלעך שפּאַצירן — טייערסטע דערמאָנען —
עמיצער מיין נאָמען רופט דאָרט אָן.

עמיצער מיין נאָמען רופט מיט צאַרטע ווערטער,
ס'קלינגעוודיקע קול אירס הער איך פון דער ווייט.
לאָמיר זיך געזעגענען: שטעלן זיך צום פּריזיוו,
מיידעלעך, געקומען איז די צייט.

ס'איז די צייט געקומען שווערן דער בריגאַדע:
זיין דער בעסטער קעמפער אין דער רויט-אַרמיי.
רום פון אונדזער לעבן און פון אייגן דערפל
אין דער שלאַכט פאַרטאַפּלען בין איך גרייט.

מאַכן כ'וועל באַרימט אייך, יוגנט — איר קאָלכאָזער —
אַלע מיינע פריילעכע און געטרייע פריינט.
מירן זיך באַגעגענען, ווייסינקע בעריאָזע,
טייערינקע חבר'טע דו מיין!

1925

קירסאַנאָוו,

סעמיאָן אָסיפּאָוויטש

(1906)

ד י י ן פ אָ ע מ ע

(עפּילאָג)

איך וויל אויף שפּיצלאַנד פון באַגער
אַ פלי-טאָן בליציק, ווי אַ שטראַל.
אַליין איך צייכן אויף דער ערד
מאַרשרוט אַנטקעגן דעם שיקזאַל.

וואָס מיינט: דאָס שפּיצלאַנד פון באַגער?
די גרויסע ליבע, וואָס באַשערט?
פּאָעזיע? מאָסקווע? סאָציאַליזם?
מיט אָט-די ווערטער פיר געוויס
איך קאָן ניט לאַיגען, נאָר איך שמיד
צו אייך מיין וואונדערלעכע ליד.

אויף פליגל פון די ווערטער פלי'ן
איך וויל: וואו טוט מען זיך אהין?
איך וויל, אַז מיין געוויין, וואָס גליט
זאָל ראַטעווען די שטאָט מאַדריד.

איך וויל, אז אט־א־דאס געזאנג
זאל נאך איר נאכגיין שפאן־נאך־שפאן
מיט לוסט פון יונגן זונ׳ס באגער,
וואס מיט א רויטער שבועה שווערט.

זאל לעבן אין מיין זעל אן סוף
ס׳געוויין מיינס און דיין בליק אין שלאף.
מיר האבן אויסגעטרוימט דאס לאנד,
וואוהין עס רייסט זיך מיין געדאנק.
א דאנק פאר לעבן דיר, א דאנק!

און דו? דו וואוינסט אויף יענעם ברעג.
איך וועל ניט איינמאל נאך אין וועג
מיט ליפ א פאל־טאן צו דיין לאק,
דערמאנען זיך דיין אויג אין קלאג.

דערמאנען וועל איך דיינע הענט,
ווי קליין און נעבעכדיק און שמאל.
און רופן: קלאווא! — מיטאמאל,
ווען כ׳וועל אין חלום דיך דערזען.

און וואו עס זאל מיר זיין באשערט
פארוואָרפן זיין: אין צפון־קעלט,
אין פאלמען־לאנד, אויף שפיץ פון בערג,
וואו כ׳זאל ניט אויפשטעלן מיין צעלט, —

געשטאנען איז אט־דא דיין בעט,
אט־דא־א האסטו מיך געליבט.
און ווען אויף בלומען איצט איך טרעט,
פאר מיינע אויגן שוועבסטו טריב.

ווען שווער וועט ס׳לעבן ווערן מיר,
זאל זיין אין טרוים — ניט אויף דער וואר —
צעשפאר די וויעס מיר, באריר
מיט האנט אין חלום פון קאיאר.

זאג: — „לעב!“ — און כ׳לעב בלויז דיר צוליב.
מיין מויל, ווי לופט, דיין אטעם ציט.
אין לעצטער שורה פון מיין ליד
איך קלעפ די ווערטער מיט דער ליפ:
— „איך האב דיך ליב!“ —

1937

טוואַרדאָווסקי,

אַלעקסאַנדר טריפאָנאָוויטש

(1910)

אַ מעשה מיט אַ האָן

ס׳האָבן נאַציס דעם האָן ניט געגעבן קיין רו,
זיך געיאָגט נאָכן בידנעם כסדר.
אונטער שטרויענער סטריכע פאַרטריבן אים וואו
און געשאָסן אויף אים פונ׳ם בוידעם.

נאָר דער האָן, ווי עס ווייזט, ניט געווען איז קיין נאַר,
ניט געגלוסט האָט זיך אים נאָך צו שטאַרבן.
האָט ער רואיק און שטיל אונטער סטריכע געוואַרט,
אַז אַוועק זאָל דער נאַצישער שפּאַרבער.

ווען דערשפּירט האָט ער בלויז, אַז די רויטאַרמיי גייט,
האָט ער, פּונקט ווי אַ מענטש, זיך צעציקלט,
און אַרויס אויפן דאַך און די פליגל צעשפּרייט:
— קוקאַריקו! הוראַ! קו־קאַ־רי־קו! —

1943

דאָלמאַטאָווסקי,

יעווגעני אַראָנאָוויטש

(1915)

דער הירש

אַ גרינער יולי, אַ צעבליטער.
אין שאָטן שטייען טאַנקען לויז.
עס שפּאַנט פון וואַלד פון ביעלאָוויעזשער
אַ הירש אַ גאָלדענער אַרויס.

מיט קרוין פון הערנער דין־צעצווייגטע
פון צווייגן טרייסלט ער דעם טוי.
מיט שטוין ער קוקט אויף די טאַנקיסטן,
וואָס ליגן אין דעם וואַלד־געבלוי.

זיין בליק איז יונג און גראַד און ליכטיק
אין שטומען אייביקן געשטוין.
אויף פיס, אויף דינינקע, ווי סטרונעס,
ער וויגט זיך איבער גרינעם פלוין.

עס שווייגן כמורנע די סאָלדאַטן,
וואָס האָבן פיין געזען און טויט,

די אנגעשטרענגטע אויטאמאטן
אויף פאנצער טאנקישן צעשפּריים.

און חנ׳עוודיק און שטיל און רואיק
ער לויפט צוריק אין וואלד — שנעל־שנעל.
און ס׳מישן זיך די בלעטער־פלעקן
מיט זונען־פלעקן פון זיין פעל.

1944

סימאנאוו,

קאנסטאנטין מיכאַילאָוויטש

(1915)

וואַרט אויף מיר

וואַרט אויף מיר. כ׳וועל קומען צ׳ריק,
אָבער וואַרט און וואַרט.
וואַרט, ווען געלער רעגן פליקט
ס׳הארץ אין שטומען צער.

וואַרט, ווען שניי ליגט אויף דער ערד,
וואַרט אין היץ און קעלט.
וואַרט, ווען ס׳וואַרט שוין קיינער מער
אויף דער גאַרער וועלט.

וואַרט, ווען מער קיין בריוו דיך גריסט
פון אַ ווייטן לאנד.
וואַרט, ווען יעדן איז שוין מיאוס
וואַרטן אַזוי לאנג.

* * *

וואַרט אויף מיר. כ׳וועל קומען צ׳ריק.
האָב ניט קיין גוט־וואַרט
פאַר דעם אַלצווייסער, וואָס פיקט:
— צייט פאַרגעסן פאַרט!

זאָל די מאַמע און דאָס קינד
גלויבן: כ׳בין שוין טויט,
זאָלן פריינט שוין ביים קאמין
זעצן זיך זיין גרייט,

נאָך מיין זכר טרינקען וויין,
וואַרט נאָך צו, ניט אייל:

מיט די בעסטע, טרייסטע פריינט
טרינק נאָך ניט דערוויייל.

* * *

וואַרט אויף מיר — אין טראָץ פון טויט
קומען כ׳וועל צוריק.
זאָל מען זאָגן מיט באַשייד:
ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט.

ניט פאַרשטיין וועט צווייפלער־שטאַם:
ס׳האָט דיין וואַרטעניש
מיך געראַטעוועט פון פלאַם —
ווייטער קיינער נישט.

ווי כ׳בין גאַנץ אַרויס פון פראָנט,
ווייסן מיר בלויז צוויי:
קיינער האָט, ווי דו, געקאָנט
וואַרטן אָט אַזוי.

1942

היימלאַנד

באַרירנדיק דריי גרויסע אָקעאַנען,
האָט זי די דערפער און די שטעט צעשפּרייט,
אין שוואַרצן קלעם פון רייפן־מערידיאַנען,
די ניט־באַזיגבאַרע — אי שטאָלץ, אי ברייט.

נאָר אין דער שעה, ווען ס׳איז גראַנאַט דער לעצטער
שוין אויפגעהויבן אין דיין האַנט פאַרווירט,
און דאַרפסט דערמאָנען זיך אין רגע שפּעטסטער:
וואָס איז געבליבן ווייט דאָרט הינטער דיר.

דערמאָנסט זיך פלוצים ניט אין היימלאַנד גרויסן,
וואָס אויסגעשפּאַנט האָסטו פון עק ביז עק,
נאָר דו דערמאָנסט זיך ס׳לאַנד אין בענקשאַפט הייסער,
וואָס האָסט געזען וואו קיינדווייז אין אַ העק.

אַ פיצל ערד, מיט ברעזעס דריי ביים שיפּוע,
און הינטער וועלדל לויפט אַ ווייטער וועג,
אַ טייכעלע מיט אַ פּאַראָם, וואָס סקריפּעט,
און ווערבעס — נידעריק ביים זאַמדן־ברעג.

ס׳האָט אָפּגעגליקט אונדז דאָ געבוירן ווערן,
אָט־דאָ, וואו ס׳איז אונדז ביזן טויט באַשערט
אַ הויפן ערד געפינען, וואָס אונדז לערנט
דורך אים דערקענען גאָר די גרויסע ערד.

יאָ,ליידן קאָן מען היץ און קעלט און נעבל,
מע קאָן אויך הונגערן ביז לעצטן שניט,
און גיין צום טויט... נאָר אָפּגעבן ביים לעבן
די דריי בעריאָזעס קאָן מען קיינעם ניט.

1941

איך קוק צוריק

איך קוק צוריק אויף טעג פאַרלענדטע
און כ׳קאָן פון גאַנצן יאָר ניט זען
קיין טאָג, ווען טייערער און נענטער
מיט מיר פאַרבונדן ביזט געווען.

כ׳געדענק: אין פּראַבע־זאַל געזעסן
מיר זיינען ביידע — ניט אַליין,
דיין שושקעריי, אַז בפרהסיה
אַזוי צו האַנדלען איז ניט שיין.

דיין אַלטע שטערן־קרינאָלינע,
דיין כליסט פון רייטערין אין האַנט,
דיין לויף צו מיר גלייך פון דער בינע
אויף די אָפּצאַסן, גרינג און שלאַנק.

אַ, ניין, ניט דאַן. איז אפשר זומער:
געהאַט כ׳האָט אורלויב אויף אַ טאָג
בין איך צו דיר ביינאַכט געקומען
און שיער פאַרפייניקט מיין אַווטאָ.

דו ביזט געווען אַזוי פאַרשלאָפן,
אַ באָרוועסע אַרויס פון בעט,
צו מיין שינעל ביזט צוגעלאָפן,
זיך צוגעדריקט, ווי אין געבעט.

עס האָבן אָדערלעך געשלאָגן
די בלויע אונטער מיינע הענט.
צום ערשטן מאָל אין יענעם מאָרגן
האָסט, ווי אַ ווייב מיר אויסגעזען.

און דאָך — ניט דעמאָלט ביזטו, גלויב מיר,
געווען דאָס נאָנטסטע אויף דער וועלט.
כ'האָב זיך דערמאָנט: אַ נאַכט אַ טויבע,
אַן אייז-באַדעקטער הויכער פעלדז.

אין טיל פאַפּירן איבערלאָזן
האָט אונדז באַפוילן דער מאַיאָר.
אויב ס'מאַכט זיך שוין — אַ נאָמענלאָזער
דער אויסשפּירער דאַרף שטאַרבן דאָרט.

ביז האַלבנאַכט האָבן מיר געהיט דאָרט,
אין שניי פאַרשאָטענע געוואָרט.
עס האָבן פייערלעך געגלים דאָרט
פון ברעגעס היימישע, ווי זשאַר.

כ'בין מודה זיך אין חטא אין אַלטן:
(כ'בין שטאַרבן גרייט געווען אין שלאַכט!)
איך האָב אין קעשענע באַהאַלטן
דיין ליכטיק בילדל יענע נאַכט.

אין ליכט אין צפונ'דיקן, העלן
דיין בילד, ווי בלוי, האָט אויסגעזען.
ס'האָט זיך געדוכט: מיר ביידע וועלן
אַ הייב-טאָן באַלד זיך פאַר די הענט.

ס'האָט זיך געדוכט: אין קלייד אין ווייסן,
אין וועלכן ביזט געווען געצירט,
ביזט איבער שטיין-געשמידטע אייזן
פאַרביי געגאַנגען דאָ מיט מיר.

כ'בעט קיין מחילה. אויב גע'חותמ'עט
איז מיר נאָך לעבן אויף דער ערד, —
די וואָרע נאַכט פון אונדזער קנס-מאָל
איז יענע נאַכט געווען, איך שווער!

1942